STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02412

DER ALEFBEYS FUN YUDENTUM

Hillel Zeitlin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער אלף-בית
פון יודענטום

פון

הלל צייטליז

ערשטער באנד.

פארלאג אלט-יונג

1922 ווארשא

נאָכדרוק פערבאָטען.

Copyrigth 1921
by M. Utkiewitz
New-Jork.
205 E 103 str

„DER ALEF-BAIS VUN JUDENTUM"
H. CAJTLINA
WYDAWNICTWO „ALT-JUNG"
DRUKARNIA B-ci WÓJCIKIEWICZ,
KRAMY NALEWKOWSKIE 5.

פארערדע

דאס ווארט „יודענטום" ווערט בענוצט אין פילע און פערשידענסטע זינען: אמאל — אלס געזאמטהייט פון כלל ישראל, אמאל — אלס יודישע רעליגיע; אמאל — אלס יודישע תורה; אמאל — אלס קאמפלעקס פון יודישע אייגענשאפטען: ראסען-אייגענשאפטען, נאציאנאלע אייגענשאפטען א. א. וו.; אמאל — אלס די רוחניות פונ'ם גאנצען יודישען פאלק; אמאל — אלס דער תמצית פון אט דער רוחניות; אמאל — אלס דער גורל פונ'ם יודישען פאלק, די אייגענארטיגקייטען פון זיין געשיכטע און פון זיין לאגע צווישען די פעלקער, וכדומה.

אין וואסער זין בענוץ איך דאס ווארט „יודענטום", ווען איך גיב דא דעם „אלף בית פון יודענטום"? על פי רוב: אינ'ם זין פון יודישער וועלט-אנשויאונג. דאס בוך וואס איך גיב דא דעם לעזער איז ניט קיין יודישער קאטעחיזיס, אויך ניט ספעציעלע פילאזאפיע פון דער יודישער רעליגיע ווי א שטייגער א מאדערנער „מורה נבוכים", אויך ניט קיין מאדערנער „שולחן ערוך"; אויך ניט קיין ספעציעלע פילאזאפיע פון דער יודישער געשיכטע; אויך ניט קיין גאנצע סיסטעמאטיזירטע יודישע עטיק, אויך ניט קיין ספעציעלע יודישע מיסטיק ווי א שטייגער א נייער, מאדערנער „זוהר", נאר א פערזוך צו געבען דעם יודישען לעזער, איבערהויפט דעם יונגען יודישער לעזער, — די אייגענארטיגקייטען פונ'ם יודישען קוק אויף וועלט און לעבען, אויפ'ן זין פון לעבען, אויפ'ן זין, אינהאלט און צוועק פון דער וועלט-געשיכטע, אין דעם אנהויב, מיטען און סוף פון אלץ, אויף דעם אייביגען קוואל, אויף דעם שורש השרשים, אויף דער אפענבארונג פונ'ם געטליכען אינ'ם מענשען, אויף דער געטליכער ליבע, אויף דער העכערער גערעכטיגקייט; ווי אזוי די געטליכע ליבע און די העכערע גערעכטיגקייט זאלען אין טאג-טעגליכען לעבען רעאליזירט

ווערען („שכינה בתחתונים״); ישראל אין דער וועלט-געשיכטע; דער בעזונדערער גורל פון ישראל; ישראל׳ס אויסגעוועהלטקייט און צו וואס די אויסגעוועהלטקייט איז; דער אמתער, גליק, די אמתע פרייז, די אויספיינערונג און אויסאיידעלונג פונ׳ם גאנצען מין האנושי מיט ישראל בראש דורך גאטס וועג, וואס איז אנגעצייכענט געווארען דורך תורת-משה, די נביאים און די חכמי ישראל אין אלע דורות, דער סוף פון אלע מלחמות, דער אייביגער שלום, די אמתע פערבריידערונג פון אלע מענשען און זייער העכסטע עליה אין קדושה.

שטרעבענדיג צו געבען דעם לעזער אין דעם באנד, וואס ליגט פאר איהם יעצט און אין דעם צווייטען באנד, וואס קומט נאך איהם ווי ווייט מעגליך גאנצע יודישע וועלט-אנשויאונג האב איך ממילא געמוזט בעטראכטען פיל ענינים אי פון דער יודישער טעאלאגיע, אי פון דער יודישער תורה אין ברייטערען זין פון ווארט (דער בעגריף „תורה״ איז שלא בערך ברייטער פונ׳ם בעגריף „טעאלאגיע״), אי פון דער פילאזאפיע פון דער יודישער רעליגיע, אי פון דער פילאזאפיע, פון דער יודישער געשיכטע, אי פון פערשידענסטע צווייגען פון דער יודישער עטיק, פון דער יודישער יוריספרודענץ, וכדומה, אי פון קבלה, אי פון חסידות, אי פון פילע אנדערע צווייגען פון דער יודישער וויסענשאפט. אט די אלע ענינים קומען דא נאר אלס פרטים פון דער גאנצער יודישער וועלט-אנשויאונג, אלס א נאציאנאלע ציגעל פון דעם גאנצען בנין וועלכען איך בעמיה מיך אויפצושטעלען. ווען דער לעזער וועט אין דעם באנד, ווי אויך אין דעם קומענדיגען באנד פון מיין „אלף בית פון יודענטום״ ניט זוכען, ניט קיין נייעם „מורה נבוכים״, ניט קיין נייעם „חובבת הלבבות״, ניט קיין נייעם „זוהר״ אויף וואס איך האב קיין פרעטענזיעס ניט, נאר אן אריענטירונג אין פערשידענע פראגען, וואס ריהרען אן איינציגע עקרי היהדות און איי-ניגע גופי תורה וועט ער געפינען אין מיין בוך, אויב ער איז נאר ניט פערעקשנ׳ט און פערדרעהט, פערפשטעלט און פערפלפלט, דאס וואס ער פערלאנגט און טייל מאל — זאגאר מער ווי ער פערלאנגט.

די זאכען, וואס קומען אריין אין דעם באנד, ווי אויך אין דעם קומענדיגען באנד, זענען געשריבען געווארען אין פערשידענע צייטען און זענען טיילמאל ארויסגערופען געווארען דורך געוויסע געשעהנישען. אין דער יעצטיגע אויסגאבע פון אט די אלע זאכען האב איך שטרענג אויסגעשטראכען אלץ וואס האט געטראגען א כאראקטער פון

ציטווייליגקייט און צופעליגקייט, איבערלאָזענדיג נאָר דאָס וואָס איז וועזענטליך און וויכטיג. ביי דעם אַלעמען איז דאָך אין פיל ערטער געבליבען דער פריהערדיגער פּאָלעמישער טאָן, — דאָרט וואו די פּאָ-לעמיק רירט ניט אָן קיין פּערזאָנען, נאָר אידעען און ריכטונגען. דער פּאָלעמישער טאָן גיט די אָבהאַנדלונגען אַ לעבעדיגקייט, אַ שאַרפקייט, אַנ׳עכטקייט און אַ האַרציגקייט. איך האַלט זיך ניט ביי דער מיינונג פון פילע, אַז ביים בעהאַנדלען ערנסטע, און בפרט נאָך זעהר ערנסטע פראַגען, מוז מען דוקא זיין האַרט און קאַלט, אָבגעמאָסטען און טרוקען. די לייכטקייט, די פרייקייט און זאָגאַר פּאָפּולאַרישקייט פונ׳ם סטיל און פאָרם שאַדען גאָר נישט דער טיפקייט און דער איינהאַלטליכקייט.

בריוועלעך צו דער יודישער יוגענד.

I.

איך ווענד זיך צו די יודישע יונגע־לייט, וועלכע האָבען זיין פאַר טראַגעדיע; די, וואָס פיהלען און וויסען וואָס איז עס אַזוינס אַ פאָלק און אַ טראַגעדיע פון אַ פאָלק...

איך ווענד זיך אָבער ניט צו די „בעוואוסטזיניגע" אין דעם זין פון „פריי־דענקער", פון אַלערליי וואָלוועלע ברעכער, פערברע־בער, גראָשענע אַפּיקורסים, מוח'לעך די גרויס ווי אַ שפּילקע־נאָדעל, הערצעלעך גרויס, ווי אַ זנב הלטאה...

ניט צו זיי ווענד איך זיך, נאָר צו אייך, צו די יונגע לייט, וועלכע איך זעה אין מיין טרוים, אין מיין בענקשאַפט נאָך אַ העכערער און איידעלער פאָרם פונ'ם לעבען, נאָך אַ גרויסער שענער צוקונפט פאַר דעם אייביג־ליידענדען פאָלק. איך זעה אייך, מוטיגע און שטאָלצע טרעגער פון דער יודישער פאָן, און צו אייך קום איך מיט מיין וואָרט פון ליבע און מיטגעפיל, מיט געדאַנקען פון אַ מענשען, וואָס אייערע ליידען, זענען — זיינע ליידען, וואָס אייערע האָפנונגען זענען — זיינע האָפנונגען...

איך ווייס, אַז איר זענט זעהר ווייניג. יעדער איינציגער פון אייך וועגט אָבער אַריבער צעהן טויזענדער אַנדערע „בעוואוסטזיניגע", ווייל יעדער איינציגער פון אייך האָט איבערגעליטען און איבערגע־טראַכט צעהן טויזענד מאָל מער, ווי דער גאַנצער המון פון בראָשו־רע־אַפּיקורסים און צו־להכעיס־אַפּיקורסים...

איך וויל זיך דאָ ווענדען נאָך צו אַ קאַטעגאָריע פון יונגע יודען. די לעצטע זענען שוין ניט אַזוי ווייניג. זייער צאָל איז,

פערקערט, גאַנץ גרויס. איך מיין: יונגע יודען ת מ י מ י ם.

די לעצטע זענען נאָך זעהר און זעהר ווענ־ג ערפאַרען; דאָס זענען עופ׳לעך, וואָס זייערע אויגעלעך זענען נאָר־וואָס אויפגעעפענט געוואָרען. פאַר זיי איז דאָ אַ גרויסע, שענע, ליכטיגע וועלט. זיי ווייסען אָבער ניט וואוהין צו געהן...

עס קומען צו זיי די גיפט־מענשען מיט זייערע „גיפט־בראָשורען, מיט זייערע שמיר־אַרטיקלען, מיט די ווערטער: „בעוואוסטזיין", „אינטעליגענץ", מיט אַלע תורות אויף איין פוס מיט דאָס פערגלייכען פון דער תורה צו דער קירכע, מיט זייער צונויפמישען אַלע פעלקער און אַלע אמונות אין איין קאַשע, מיט די אַלטע, פערשימעלטע חשבונות, וואָס זיי האָבען מיט די רבנים, מיט זייער איינגעוואָרצעלטער שנאה צו יודען און יודישקייט, מיט דער חוצפה פון גאַסען־מענשען, (מיט דעם פאַר קיין זאַך נישט אָבשטעלען זיך פון מענשען קליינינקע, בעגרענצטע, וואָס גלויבען אין גאָרנישט, ווייל זיי זעהען גאָרנישט...

און אָט די יונגע יודישע קינדער ווילט זיך מיר עטוואָס ערקלערען. איך וויל זיי געבען פערשטעהן, וואָס ווילען אייגענטליך די בראָשורען־און אַרטיקלען־שרייבער, די, וואס קומען גליקליך מאַכען יודען מיט זייערע שמד־שטיק...

„זיי זאָגען, אַז זיי ווילען זיין פייער לעשען", זיי מיינען, אַז זיי ווילען מיט זייערע פויגעל־מיילעכלעך דעם ים אויסטרינקען, אַז מיט זייערע דאַרינקע, מאָגערע הענטעלעך ווילען זיי דעם אייביגען בנין איינוואַרפען און אַז מיט זייערע קאָפּיקע־בראָשורען ווילען זיי הונדערט טויזענד יודישע ספרים בטל ומבוטל מאַכען. —

זאָל זיך עס זיי נישט חלומ׳ען. דער סנה ברענט און ברענט און ווערט קיינמאָל נישט פערברענט; די תורה, וואָס איז אין פייער געגעבען, וועט קיינמאָל ניט פערלאָשען ווערען; דער יוד, וואָס טראָגט דעם פייער, וועט אייביג עקזיסטירען; די עמודי־היהדות ווילען פון דעם „זשומערייי" פון די טאָג־פליגען נישט איינפאַלען!...

זיי זאָגען, אַז זיי זענען די ערשטע שוואַלבען, זיי טראָגען אַ נייעם וואָרט צו יודען, זיי זענען די ערשטע ברעכער פונ׳ם „גייסטיגען געטאָ", די ערשטע קעמפער מיט דער „פינסטערניש",

די ערשטע, וואָס בעפרייען יודען פון „באַרבאַרישע", „ווילדע" מנהגים. —

ליגנער זענען זיי!

אַלע, וואָס זענען פאַר זיי געווען, זענען הונדערט טויזענד מאָל בעסער און שטאַרקער געווען פון זיי. ווער זענען זיי דען? — אַ יתר-הפליטה פון די פוילע יודישע יונגעלשע „פּאַרטייען". און ווער זענען די פריערדיגע ברעכער געווען? — די „החלוצים" מיט זייערע יודישע קענטענישען, מיט זייער בקיאות, מיט זייער חריפות, מיט זייער קריטישער קראַפט; נאָך פריער — די ערשטע רעפאָרמער, אברהם גייגער און האָלדהיים, מענשען באמת גרויסע, מענשען, וואָס אונזערע איצטיגע ברעכער קענען אַפילו זייערע שיחות-חולין נישט פערשטעהן. נאָך פריער און נאָך גרעסער — אוריאל אַקאָסטאָ און ברוך שפינאָזאַ — פון איין זייט, שבתאים — פון דער צווייטער זייט; נאָך פריער און נאָך גרעסער — די מינים, די גנאָסטיקער; מיט אַ דור פריער — שאול התרסי מיט זיינע בעוואוסטע „בריף"; פאַר אים — דער גרויסער אלישע בן אבויה, אחר.

ווען אונזערע איצטיגע קאָפּיקע=אַפּיקורסים וואָלטען אין זיך האָבען כאָטש איין האָר יראת=הכבוד, דרך=ארץ פאַר גרויסקייט, פאַר שענהייט, פאַר חכמה, הגם זיי וואָלטען נישט בעגרייפט און נישט געאַכטעט די אייביגע יודישע תורה, האָבען זיי דאָך געדאַרפט ציטערען צוצוגעהן צו דעם אָרט, וואוהין עס זענען צוגעגאַנגען אַזעלכע גרויסע פערברעכער ווי אַקאָסטאַ און בן=אבויה און זענען אָבגעבריט געוואָרען....

„אם בארזים נפלה שלהבת — מה יעשו איזובי=קיר? לויתן בחכה הועלה — מה יעשו דגי=הרקק?" (אויב דער פלאַר=פייער האָט די צעדערבוימער פערברענט — וואָס קען דען דער וואַנד=מאָך מאַכען? אויב דער לויתן איז געפאַנגען — וואָס קענען שוין די בלאָטע=פישלעך טון?).

אויב די „חלוצים" מיט די ערשטע רעפאָרמער מיט זייער שאַרפסטער תלמודישער קריטיק האָבען גאָרנישט געמאַכט; אויב אַקאָסטאַ און שפינאָזאַ מיט זייער טיפסטער מעטאַפיזיק און שאַרפסטער ביבעל-קריטיק האָבען גאָרנישט געמאַכט; אויב די שבתאים מיט זייער מיסטיק, מיט זייער פּאָעזיע, מיט זייערע רעליגיעזע ליידענשאַפטען האָבען גאָרנישט געמאַכט; אויב די יודישע מינים האָבען

געמוזט צו אַנדערע געהן; אויב דער געניאַלער שאול התרסי מיט זיין ליכט און פייער האָט געמוזט צו אַנדערע געהן; אויב אלישע בן אבויה, וואָס איז אין „פרדס“ אַריין און האָט דאָרטען געוואָלט צווייגען ברעכען, האָט גאָרנישט געפועלט, — ווי אַזוי ערלויבען זיך אונוויסענדע יונגלעך אַהין צו טרעטען מיט זייערע נאַרישע שרייבערייען?

אמת טאַקי, דאָס די אַלע דערמאָנטע האָבען אַלע מאָל געפונען נאָכפאָלגער, אָבער דאָס פאָלק, דאָס גאַנצע יודישע פאָלק איז פון אָט די אַלע גרויסע מענשען אויף קיין איין האָר נישט געריהרט געוואָרען: דער יוד געהט אין זיין וועג, ער זוכט זיין מלך־המשיח; קיינער — קען אים נישט אָבשטעלען.

דאָס איז דער אייביגער טעות פון אַלע, וואָס קומען יודישקייט ברעכען; זיי מיינען, אַז דאָס יודישע פאָלק איז אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער און די יודישע תורה — איז ווי אַלע תורות. זיי ווייסען נישט, אָדער זיי פערגעסען, אַז דאָס יודישע פאָלק געהט אין זיין בעזונדערען וועג, אָבגעשיידט און אָבגעטיילט פון אַלע פעלקער; און אַז די יודישע תורה איז נישט קיין געוועהנליכע טעאָלאָגיע.

און אָט דער טעות קאָסט זיי אַלע מאָל זעהר טייער. זיי שלאָגען אָב דעם קאָפּ אָן אַן אייזערנער וואַנד און בלייבען שטעהן צושלאָגען און פערשעמט...

פאַראַן אַ געוויסער מאמר אין זוהר וואָס איבערדעם, וואָס מען האָט אים די לעצטע צייטען צופיל בענוצט, איז ער געוואָרען באַנאַל. ער איז אָבער דאָך — דער אמת אַליין. איך מיין דעם געוויסען מאמר: „ישראל ואורייתא וקודשא בריך הוא — חד“ (יודען, תורה און גאָט זענען — איינס).

די יודישע תורה איז נישט ווי אַלע תורות, די יודישע תורה איז נישט פון אויסען געקומען. די יודישע תורה איז אין פאָלק געבוירען. דאָס פאָלק האָט זי געטראָגען, געבוירען און גרויס געמאַכט מיט זיין בלוט און מאַרך, האַרץ און נשמה, מיט זיין אייביגען ליידען, מיט זיין אייביגער בענקשאַפט, מיט זיין משיח־זוכעניש מיט זיינע וועלט־חלומות, מיט זיין גאולה, וואָס ער טראָגט דער גאַנצער וועלט.

און קינדיש־לעכערליך זענען אונזערע פריי־דענקער, ווען זיי טענה׳ן: פאַר וואָס קעמפען די בעסטע אייראָפּעאישע מענשען געגען דער קירכע? פאַרוואָס קעמפען זיי געגען די יעזואיטישע גלחים?

זיי ווייסען נישט, אַז אין אייראָפּאַ איז די רעליגיע פון דרויסען געקומען; די יודישע תורה אָבער, אַלס דער תמצית פונ׳ם יודישען גייסט אין אַלע דורות, קען בשום אופן פונ׳ם יודישען פאָלק נים געטרענט ווערען. אָהן דער תורה איז ניטאָ קיין יודיש פאָלק. —

ביי יודען קען מען ברעכען און מען האָט זעהר פיל געבראָכען. די ערשטע סופרים, די ערשטע פרושים, רמב״ם, מקובלים, ר״י, בעש״ט, הרב מלאַדי, — דאָס זענען אַלץ בויער, שעפער, אין דער זעלבער צייט אָבער, אויך באַהן-ברעכער; מענשען, וואָס האָבען נייע וועגען געוויזען, נייע האָריזאָנטען, מענשען, וואָס האָבען פיל אויפגעהאַלטען, אין דער זעלבער צייט אָבער אויך פיל פערניכטעט.

ס׳איז געווען, ביי אונז יודען, נאָך אַ קאַטעגאָריע ברעכער, אַפילו אַט דאָ, אין דער לעצטער צייט: מענדעלזאָן (רמבמ״ן), רבי נחמן קראָכמאַל (רנ״ק), ווייס, צווייפעל, און אַנדערע, אַט די אַלע האָבען געבראָכען, און פיל געבראָכן. אין זייער ברעכען גופא, האָבען זיי אָבער פיל געשאַפען. און ווי האָבען זיי געבראָכען! מיט וואָס פאַר אַ צערטליכקייט, ווייכקייט, איידעלקייט, מיט וואָס פאַר אַ דרך-ארץ, מיט וואָס פאַר אַ טיפען וועטאָג, ווייל זיי האָבען גוט געפיהלט און פערשטאַנען, ווייל זיי האָבען אינסטינקטיוו קיינמאָל נישט אָבגעטרעטען פונ׳ם רוח העם, פונ׳ם אמת׳ן רוח-התורה.

זיי זענען פיל אויסגעשטאַנען, פיל געקעמפט, פיל שונאים געהאַט — זיי זענען אָבער יודען טייער געבליבען, ווייל זיי האָבען אַלע מאָל אַ גבול געוואוסט, וואו מען קען און וואו מען קען נישט ברעכען, וואו מען דאַרף און וואו מען דאַרף נישט ברעכען, זיי האָבען אויך געוואוסט, ווי מען דאַרף ברעכען, ווי מען דאַרף צוטרעטען צו אַזאַ איידעלסטער אָפּעראַציע...

איך האָב אַמאָל אַ גרויסען חסיד געפרעגט: פאַרוואָס זענט איר אַזוי אש להבה, ווען עמיצער טוט עפּיס אַ קליינע עבירה, — פאַר וואָס-זשע מעגט איר עובר-קריאת-שמע זיין?

— אין חולין, אין „אלו טריפות״, — האָט מיר דער חסיד געענטפערט, — וועסטו אַ תירוץ געפינען. דאָרטען שטעהט: „אין אומרים בטרפות זו דומה לזו — חותכה מכאן ומתה, חותכה מכאן וחיה״ (מען זאָגט נישט ביי טרפות: די איז גלייך צו יענע, מען שניידט פון דאַנען — שטאַרבט עס; מען שניידט פון דאַנען — לעבט עס). אין

מיין חס־ושלום ניט צו גלייכען די דינים צו טריפות, איך מיין נאָר די לעצטע ווערטער: דער שניידט — און אַלץ שטאַרבט ביי אים; דער אַנדערער שנייט — און אַלע מצוות בעקומען חיות.

גאַנץ איינפאַך געפינען מיר עס אין תלמוד: „פעמים שבטולה של תורה — זו היא קיומה" (אַמאָל טרעפט, אַז דער ביטול פון תורה איז איר קיום). מען מוז אָבער דערצו אונגעהויער טיף פערשטעהן און פיהלען די תורה, דעם יודישען גייסט, מיט איין פאַלשע בעוועגונג קען מען אַלץ קאַליע־מאַכען.

און אָט זעהען מיר, אַז אונזערע נייע ברעכער זענען גלייך און גראָב צוגעטרעטען צו דעם, וואָס איז אין אַלע דורות גלייך גערעכענט־געוואָרען פאַר היילינ: צו מצות־מילה. אפילו שפינאָזאַ אין זיין „טעאָלאָגיש־פּאָליטישען טראַקטאַט" זאָגט, אַז מצות־מילה היט אָב די יודישע נאַציע. אין קיין איין דור (אויסער די ערשטע רע־פאָרמער, וועלכע האָבען די יודישע תורה געוואוסט, אָבער ניט פערשטאַנען איר גייסט) איז קיין איין יודישער דענקער נישט אַרויס־געטרעטען געגען מצות־מילה.

ווייל אַלע האָבען געפיהלט, אַז דאָס איז נישט סתם אַ מנהג, נור אַ „אות־ברית", אַ צייכען, וואָס פערבינדט און פעראייניגט אַלע יודען אין גאָט; אַ צייכען, אַז יודען זענען גאָטס־קנעכט, אַז יעדער יוד פירט זיין שטאַם פון'ם ערשטען גאָטס־זוכער און גאָט־קענער, אברהם אבינו...

„ניט ציהט יודען צו טבילה, — זאָגט היינע. — וואַסער ווערט אויסגעטריקענט; מילה איז אבער — די אמונה, וואָס איז איינגע־שניטען אין קערפּער"...

II.

וואָס איז שען און היילינ? אַן און פיר זיך איז קיין זאַך נישט שען און נישט היילינ; אַן און פאַר זיך איז יעדע זאַך פון דער וועלט וואָכעדינ, געמיין, קאַלט, שטום, טוידט. אלא וואָס דען?— עס קומט דער מענש מיט זיין ג י י ס ט, מיט זיין פאַנטאַזיע, מיט זיין ליעבע, מיט זיין בענקשאַפט און זאָגט: זאָל עס ל ע ב ע ן! זאָל עס ש ע ן הייסען!

איז דער גייסט נאָך שטאַרקער, פליהט די פאַנטאַזיע נאָך העכער, ווערט די ליעבע ענג אין'ם מענשענס האַרצען און זי מוז א ו י ס ע ר זיך שאַפען, אויסער זיך זעהן, פערקערפּערען זיך אין וואָרט און אין בילד; ווערט די בענקשאַפט נאָך טיעפער — זינגט

דער מענש, בעשאַפט מוזיק, ליעד, געדיכט; מאָהלט, בויט, שניצט, בעשאַפט דעם עפּאָס, די פּלאַסטיק. און עס זאָגט דער מענש: זאָל עס קונסט הייסען!

אינ׳ם מענשען איז אָבער פאַראַן נאָך עטוואָס, דער מענש האָט אין זיך טרוים פון העכערע וועלטען, פון דעם וואָס איז איבער דעם מענשען און איבער דער רעאַלער וועלט. דער מענש טראָגט אין זיך קדושה, בענקשאַפט נישט פון דער וועלט, טרויער נישט פון דער וועלט, עס ציהט אים אַהין, אַהין, צו דער אייביגקייט. דער מענש האָט אין זיך אלהות און עס ציהט אים צו אלהות; עס ציהט אים צו דעם אייביגען קוואַל פון וואַנען ער איז געקומען. דער מענש האָט אין זיך מיסטיציזם, ער זעהט מיט זיין אינערליכען אויג עולמות עליונים, הייליגע רוחות, מלאכים, היכלות. ער קומט מיט זיי אין מגע ומשא. נאָך העכער און נאָך טיפער: דער מענש אינ׳ם געשטאַלט פון זיינע אויסגעוועהלטע, זעהט הייליגע זעהונגען, האָט רוח הקודש, זעהט נבואה, האָט התגלות אלהות. און עס זאָגט דער מענש: זאָל עס הייליג הייסען, זאָל עס גלויבען הייסען, דאָס איז דער זין פון מיין לעבען, דאָס איז מיין העכסטע — „זה אלי ואנוהו!״

און בכדי דאָס העכסטע שענהייט, דאָס געטליכע, זאָל אינ׳ם מענשען שטענדיג לעבען, בכדי עס זאָל נישט פערגעסען ווערען אינ׳ם תהו ובהו פון דער טאָג־טעגליכקייט, האָט זיך דער מענש סימבאָלען בעשאַפען: אָט דאָס און דאָס זאָל מיך שטענדיג אָן גאָט דערמאָנען; אָט דאָס און דאָס זאָל מיך דערמאָנען אָן דעם העכערען זין פון מיין לעבען.

מען געהט אין אַ ווייטען וועג, מען הויבט אָן בלאָנזשען, בעמערקט מען אָבער די בוימער, וואָס זענען אויפ׳ן וועג פערפלאַנצט און מען געהט צום ציל.

עס הו—האָט דער מענש, יאָגט זיך נאָך נישט מיט נישט, נאָך קליינע הנאות, נאָך מאוסע תאוות; עס פערגעסט דער מענש אין גאַנצען ווער ער איז; ער פערליערט זיין צלם אלהים; ער ווערט פערזונקען אין מ״ט שערי טומאה — ער דערזעהט אָבער זיינע סימבאָלען און ער דערמאָהנט זיך אין גאָט; ער געהט אויפ׳ן וועג וואָס פירט צו אייביגקייט.

דאָס איז גערעדט פונ׳ם מענשען בכלל. דער יוד, מיט זיין

גלויבען, האָט אין זיך אָבער נאָך עטוואָס. דער יוד, לויט זיין גלוי־בען, איז אין גאַנצען אַ סימבאָל פון געטליכקייט. דאָס יודישע פאָלק איז, לויט זיין גלויבען, אַנ'עם הנבחר. דער יוד אין זיין לעבען אין זיין תורה, אין זיין גאַנצער געשיכטע, — איז ער איין אייביגער קרבן פאַר גאָט, אַנ'אייביגער טרעגער פון אַלע העכסטע אידעאַלען, אַנ'אייביגער טרעגער פון אַלע העכסטע און שענסטע שטרעבונגען.

דער יוד ליידעט אייביג, ווייל דער נביא פון דער וועלט מוז ליידען. זינט די וועלט איז אַ וועלט ליידען אַלע מאָל דוקא די שענסטע און די בעסטע, ווייל געגען זיי שטעהט שטענדיג אַלץ, וואָס איז קליין און געמיין, שלעכט און נידעריג.

און דאָס פאָלק, וואָס איז, לויט זיין גלויבען, אין גאַנצען אַנ'עם הנבחר, מוז אַלס פאָלק ליידען, ווייל עס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון גאָט, ווייל עס מוז שטענדיג זיין אַ לעבעדיגער פראָטעסט געגען דער גאַנצער וועלט מיט אירע עולות, מיט אירע שקרים, מיט אירע זינד, מיט איר טומאה...

ווער עס האָט טיף בעגריפען די יודישע תורה און די יודישע געשיכטע, יענער ווייסט אַז דער ענין פון „בחירת ישראל" איז אין יודישקייט נישט אַ פרט זאַך, אַ געוויסע פאָרשטעלונג, נאָר — דער עיקר העיקרים פון יודישקייט.

און זעהר אויבערפלעכליך האָט שפינאָזאַ בעגריפען די תורה, ווען ער האָט געמיינט, אַז די פסוקים פון: „ולהתך עליון עם סגולה מכל העמים" זענען נישט מעהר ווי מליצות. שפינאָזאַ איז אַ ראַ־ציאָנאַליסט געווען; ער האָט די יודישע רעליגיע אויפגעפאַסט כמעט נאָר פון פאָליטיש־סאָציאַלען שטאַנדפונקט. צום בעדויערען האָט אפילו דער, וואָס איז אין יודישקייט לאין ערך העכער געווען פון איהם, דער רמב"ם, נישט געצעהלט דעם עיקר פון „בחירת ישראל" אין זיינע י"ג עיקרים. דער מחבר פון „בשמים ראש" וואונדערט זיך אויף דעם און ווייזט אויף מיט די שטאַרקסטע ראיות, אַז גראָדע דער עיקר איז דער הויפט־יסוד פונ'ם יודישען דת.

מעהר פון אַלעמען און טיפער פון אַלעמען האָט עס פאַר־שטאַנען און געפילט דער גרויסער רבי יהודה הלוי ווי אין זיין „כוזרי". די גאַנצע תורה איז, לויט דעם „כוזרי", נישט מעהר ווי אַ פירוש אויף דעם גרויסען עיקר פון בחירת ישראל. יודען

זענען דאָס האַרץ פון דער וועלט („ישראל באומות כלב באברים"), די העכסטע, די ריינסטע, די שענסטע מענשען פון דער וועלט. יודען זענען געטליך בטבע. יודען זענען געבוי־רען אנדערש. יודען זענען אויסדערוועהלט געוואָרען נישט צוליב עפּעס אַ געטליכען קאַפּריז, נאָר זיי האָבען זיך זעלבסט אויסדערוועהלט, ווייל זיי זענען אָרגאַנישׁ העכער עדעלער אַריסטאָקראַטישער; ווייל זייער בלוט, זייער שטאָם, זייער יחוס בריף פון אברהם אבינו אָן שטעלט זיי ממילא העכער פון אַלעמען. יודען זענען לויט רבי יהודה הלוי, די אמתע איבער־מענשען, דער מין וואָס שיידט זיך אָב פון אַלע אַנדערע מענשען, נישט נאָר דערמיט, וואָס ער איז גרעסער פון אַלע אַנדערע מענשען, נאָר דורך דעם, וואָס ער האָט לחלוטין אַנ־אַנדער טבע פון אַלע אַנדערע מענשען, אַט אַזוי ווי דער מין מענש האָט לחלוטין אַנ׳אַנדער טבע. פון די איבעריגע ברואים...

און וואָס עפּעס דוקא רבי יהודה הלוי? — נעמט די גאַנצע אגדה אין איר טיפסטען מהות, איז אַ לויב־געזאַנג דעם יודישען פאָלק, זיינע ליידען, זיין גאָטס זוכען. און וואָס איז דער גאַנצער „זוהר"?— אַ הייליגער, מיסטישער ראָמאַן צווישען כנסת ישראל און איר גאָט.

און אָט דאָס איז דער אמתער זין פון די יודישע סימבאָלען. דער גרויסער יודישער גייסט בעלעבט זיי און זיי זענען דער אויס־דרוק פון זיין בענקשאַפט נאָך שענהייט; זיי זענען דער אוי־סערליכער אויסדרוק פון זיין אינערליכען געזאַנג, זיין ליריק און זיין פּלאַסטיק צוזאַמען — זיין קונסט; זיי זענען דער אויס־דרוק פון זיין דורשט נאָכ׳ן ריינעם, נאָך דעם געלייטערטען, נאָכ׳ן העכסטען, נאָכ׳ן פאָלקאָמענסטען, נאָכ׳ן אייביגען, נאָכ׳ן הייליגען, נאָכ׳ן איבער־מענשליכען און איבער־וועלטליכען, נאָכ׳ן געטליכען, זיין עטיק און זיין מיסטיציזם; זיי זענען דער אויסדריק פון זיין העכערער אויסגעוועהלטקייט — זיין שיקזאַל, זיין געשיכטע, זיין טראַגעדיע — דער העכסטער זין פון זיינע ליידען!

III.

וואָס איז דער יודישער תלמוד? וואָס איז דער הויפּט־אינהאַלט פון דער גאַנצער יודישער וויסענשאַפט? — אויף אָט דער פראַגע זענען דאָ הונדערטער תשובות, קלוגע און נאַרישע, גוטע און שלעכ־טע. מיר שיינט אבער, אַז זעהר אַ טיפע און אמת׳ע תשובה אויף אָט די פראַגען האָט געגעבען ל. טאָלסטאָי. אין אייגעם פון זיינע

אַרטיקלען זאָגט ער *) אַזוי: תּלמוד, די יודישע וויסענשאַפט, — דאָס איז די וויסענשאַפט, וועלכע בעווייזט אַלערליי מיטלען און אַלערליי דרכים, ווי אַזוי דאָס אויסדערוועהלטע פאָלק זאָל דער־גרייכען זיין הויכען ציל״. מערקווירדיג, ווי אַ זייטיגער מענש, אַ מענש וואָס זיינע יודישע קענטעניסען זענען אַלענפאַלס ניט קיין גרויסע, האָט אַזוי ריכטיג אויפגעפאַסט דעם יסוד פון אַלע פער־פלאָנטערטסטע, פערוויקעלטסטע און פערדרעהטסטע תּלמודישע דינים, וכוחים און פלפולים. גערעכט זענען די, וואָס זאָגען, אַז פון דער זייט זעהט מען בעסער...

„פון דער זייט זעהט מען בעסער״. מען דאַרף אָבער שטעהן אינגאַנצען פון דער זייט, זעהען און ריכטען. טאָלסטאָי איז אָבער ניט אַלעמאָל דורכאויס אָן אַ זייט געשטאַנען. טיף אין האַרצען לעבט ביי אים אַ האַס צו יודען; דעם האַס צו יודען טראָגט ער אַריבער אויף דער יודישקייט...

ער האָט נעזעהען. — אים האָט אָבער געפעלט דאָס גאַנצע זעהען. דעריבער רעדט ער (אינ׳ם דערמאָנטען אַרטיקעל און אין פיל אַנדערע ערטער) מיט אַזאַ פערביטערונג געגען דעם הויפּט־יסוד פון יודישקייט און פון דער יודישער וויסענשאַפט — דעם אתּה בחרתּנו. — אַמאָל זעהט ער אין דעם בעגרענצטקייט, נאַציאָנאַלער עגאָאיזם, וועלכער דערלאָזט נישט צום אַלוועלטליכען אמת, שטרע־בונג צו געטליכקייט און אָבשטעלען זיך אויף אַ געוויסער שטופע, דערקענען זיך אַליין אַלס גאָט׳ס־קינדער און ניט בעגרייפען, אַז אַלע מענשען גלייך זענען גאָטס-קינדער; אַמאָל אָבער ווערט ער, טאָלסטאָי, נאָך מער אין כעס אויפ׳ן יודישען „אתּה בחרתּנו״ און דאַן איז ער גרייט צו שטעלען די יודישע אמונה אויף איין מדרגה מיט... עבודת־אלילים...

און וואָס איז דער חדוש אויף טאָלסטאָיען, וועלכער איז לגמרי נישט קיין אוהב־ישראל, ווען אפילו אַזאַ גרויסער יודען־פריינד, ווי לעסינג, האָט אין זיין „נאַטאַן דער ווייזע״ אַריינגעגעבען אינ׳ם מויל פון איין העלד שטאַרקע תּרעומות אויף דעם יודישען „אתּה בחרתּנו״...

דאָ איז ווירקליך דער פונקט, וואו אפילו די גרעסטע קריסט־

---

*) די „ברז׳העלער״ זענען געשריבען געוואָרען, ווען טאָלסטאָי האָט נאָך געלעבט.

ליכע גייסטער קענען דעם יודען נישט פֿערשטעהן. זיי קענען מיט'ן יודען געהן און געהן, ווי דער יוד קומט אָבער צו זיין הויפּט־אמונה, דאָ הייבט זיך אָן די שרעקליכע מיספֿערשטענדעניש...

ווען־עס־איז מוז מען דאָך אָבער קלאָר מאַכען אָט דעם יסוד־היסודות. נישט פֿאַר אַנדערע, ווייל זיי וועלען אונז ממילא נישט פֿערשטעהן, נאָר פֿאַר זיך אַמוועניגסטען.

און עס ווילט זיך מיר וועגען דער יודישער אויסדערוועהלטקייט אָט וואָס זאָגען: דאָס איז — אַ זכות, דאָס איז אָבער אויך אין דער זעלבער צייט — אַ גרויסער חוב. אונזער אויסדערוועהלטקייט איז נישט אויף צו גרויסען זיך, אויף צו קוקען אויף אַנדערע פֿון אויבען אַראָב, אויף צו האַלטען זיך פֿאַר מזוזה'לעך און אַנדערע מענשען פֿאַר בהמות, אויף צו פֿערשליסען זיך אין אַן'ענגען קרייז, טראַכטען נור וועגען אייגענע, קוועלען און נחת האָבען פֿון אייגענע מעשים טובים, גרויסען זיך מיט גאָרנישט, זיין אייביג פֿערשטיינערט און פֿערגליווערט אין איין פּאָזע, זיין אַן'אייביגער קנעכט פֿון דעם אייגענעם יחוס; — ניין! נישט צוליב דעם זענען מיר אויסדערוועהלט געוואָרען נישט דאָס איז דער זין פֿון אונזער תּורה, נישט צוליב דעם האָבען מיר אייביג געליטען; נור, אדרבה, בכדי מיר זאָלען דינען די בעסטע אידעאַלען פון דער מענשהייט, מיר זאָלען זיין די אייביגע טרעגער פֿון אַלעם וואָס איז שען און גוט, הייליג און גרויס, מיר זאָלען עס אין אונז זעלבסט פֿערקערפּערן, מיר זאָלען עס פערווירקליכען אין אונזער לעבען, אין אונזער בעסטער און שענסטער פערהעלטעניש צו אייגענע און צו פֿרעמדע גלייך, אין אונזער אייביגער שטרעבונג צו געהן פֿאָראויס, צו זוכען אייביג און אייביג נייע דרכים, נייע פֿאָרמען פֿון לעבען, אין אונזער אייביגען טרוים משיח'ן אַראָבצוברענגען און די וועלט־אויסצולעזען...

די געגנער האָבען גאָרניט וואָס צו האָבען תּרעומות אויף אונזער אויסדערוועהלטקייט. אונזער אויסדערוועהלטקייט איז נאָר — ליידען, נאָר — צרות־האָבען...

אונזערע אייביגע ליידען האָבען אונז פֿאַר אויסדערוועהלטע געמאַכט, ווייל דאָס ליידען האָט אונז אויסגעלערענט מיטפֿיהלען מיט אַלע שוואַכע און אונטערדריקטע; אונזער ליידען האָט אונז אויסגע־לערענט פֿאָדערען פֿון אַלעמען יושר; אונזער ליידען האָט אונז געלערענט די גרויסע געטליכע קונסט פֿון מסירת־נפֿש; אונזער ליי־

דען האָט אונז אויסגעלערענט שטענדיג די אויגען צו גאָט אויפהויבען, פון אים רחמים בעטען און דאָס הארץ ריין־מאַכען, די נשמה הייליג האַלטען, אין זיך די בעסטע, שענסטע און ריינסטע מדות איינפלאַנצען, זיין אין גאַנצען — א היכל למלך הכבוד.

מיר זענען אויסדערוועהלט געוואָרען. צוליב וואָס אָבער זענען מיר אויסדערוועהלט געוואָרען? „קדושים תהיו!" הייליג אין געזעלשאַפטליכען לעבען, הייליג אין פאַמיליען־לעבען, הייליג אין פריוואַט־לעבען; דאָס איז נישט קיין פריווילעגיע, נאָר אַ שווערע, מורא׳דיגע אַרבייט. ווער עס וויל — קען אונז מיטהעלפען; עס זענען אָבער דאָ וועהר ווייניג בעלנים...

און דאָס איז נישט די בעוואוסטע „מיסיאָן", וועגען וועלכער עס פלעגען פרעדיגען אַלע אויסלענדישע רעפאָרמער. לויט זייער מיינונג בעשטעהט די יודישע „מיסיאָן" אין לערנען די מענשהייט אמונה באל־אחד. מיר זאָגען נישט אַזוי: מיר דאַרפען קיינעם נישט לערנען, קיינער וויל פון אונז נישט לערנען, מיט לערנען מאַכט מען בכלל גאָרנישט; אונזער אמתע שליחות בעשטעהט אין דעם, אַז מיר זעלבסט זאָלען לעבען ריינער און הייליגער פון אַנדערע; מיר זעלבסט זאָלען זיין אינערליך איידעלער און פיינער, ווי אַנדערע, מיר זאָלען לעבען לויט די הויפט־פּרינציפּען פון אונזער תורה: ליבע, רחמנות, יושר, קדושה, טהרה, מיר זאָלען אָט די אַלע זאַכען פערקערפערען נישט אין ווערטער, ווי אנדערע, נאָר אין לעבעדיגע מעשים, אין טאָג־טעגליכען לעבען, אין יעדער מחשבה, אין יעדער תנועה, מיר זאָלען זיך אונטערגעבען דער שטרענגסטער דיסציפּלין פון יענע דינים, וואָס זייער ציל איז צו פעראיידעלען און צו פערפיינערען דעם מענש, מיר זאָלען זיין ווירקליך — די הייליגסטע און די בעסטע פון דער וועלט.

און לערנען וועלען מיר די מענשהייט ממילא. נישט מיט אַבסטראַקטע תורות וועלען מיר זי לערנען, נישט מיט זיסע, פיינע רייד, ווי אַנדערע טוען, נור מיט אונזער ביישפּיל, מיט דעם, וואָס אַנדערע וועלען זעהן, אַז עס זענען דאָ מענשען, ביי וועלכע יושר און רחמנות און קדושה זענען נישט קיין פוסטע קלאַנגען, פראַזען אויף צו נאַרען די שוואַכע און אונטערדריקטע, צביעות און שקר, נאָר דער אמת׳ער אינהאַלט פון זייער לעבען, זייער אָרגאַניש בעדערפעניש, דער בעסטער חלק פון זייער נשמה, פאַר וועלכען זיי

זענען גרייט אַלע טאָג אין פייער און אין וואַסער צו געהן...

אָט אין דעם, און נור אין דעם, זעה איך דעם זין פון אונזער תורה, פון אונזער לעבען, פון אונזער ליידען, פון אונזער גאַנצער געשיכטע, פון אונזער וואַנדערען — אין עבר, פון אונזער שטרעבונג צו אַנ'אייגען לאַנד — אין עתיד. בכלל — פון אַלץ, וואָס האָט אַ ווערט און אַ זין אין אונזער פינסטערער וועלט.

צי האָבען אָבער, מיר יודען, דערפילט אונזער שליחות? צי זענען מיר דאָס וואָס מיר האָבען געדאַרפט זיין? צי שטעהען מיר טאַקי אויף דער הויכער מדרגה, אויף וועלכער מיר האָבען געזאָלט שטעהן לויט אונזערע ליידען, טרוימען און אונזער גרויסער מסורה? — וועגעי דעם אין ווייטערדיגען בריף.

III.

אינטליכס מאָל, ווען איך זעה אין טרוים דעם אייביגען יודען, ישראל־סבא, דעם היסטאָרישען יודען, דעם כלל־יוד, דעם יודען מיט זיין אייביגען זוכען, מיט זיין אייביגען פרעגען: „זאָגט מיר, וואו איז דער מלך־המשיח?״ און ווען איך וואַך אויף און זעה דעם יודען אין זיין ווירקליכקייט, אין זיין טאָג־טעגליכען לעבען, דעם יודען אין מאַרק, אין הויז, אין געזעלשאַפטליכען לעבען, אין פּאַרטייען, אין פּאָליטיק, און זאָגאַר אין שוהל, אין פרעסע, אין ליטעראַטור, — דערמאָן איך מיך שטענדיג פאָלגענדען אַפאָריזם פון פרידריך ניטשע: „דער מענש, וואָס קען ניט געפינען קיין וועג צו זיין אי־דעאַל, לעבט אַמאָל געמיינער און מאוסער פון דעם, וואָס האָט לכתחלה קיין אידעאַל נישט״. דער מענש — און דאָס גלייכען אויך אַ פאָלק. ווען אַ פאָלק קען ניט געפינען קיין וועג צו זיין אידעאַל, אָדער עס האָט דעם וועג פערלוירען, לעבט עס געמיינער און מאוי־סער פון די פעלקער, וועלכע האָבען אינגאַנצען קיין אידעאַלען ניט.

און טאַקע ווייל דאָס יודישע פאָלק טראָגט אין זיך דעם העכסטען אידעאַל, און טאַקע ווייל עס קען קיין וועג נישט געפינען צו אים, פערלירט עס זיך זעהר אָפט, בלייבט שטעהן על־פרשת־דרכים, ווערט צעקלאַפּט, צעפירט, צעבראָקעלט אויף ברעק־ברעקלעך... ברעקלעך־יודען, שטיקלעך־יודען, קליינע חלקים'לעך פונ'ם

גרויסען יודען, זעמדעלעך געטראָגענע און געיאָגטע פון יעדען ווינד, — אָט דאָס איז דער איצטיגער יוד, דער וואָכעדיגער יוד, בעזונדערס דער אינטעליגענט און דער האַלב-אינטעליגענט.

„אתה בחרתנו מכל העמים" — און דער יוד קניעט זיך, בוקט זיך, בויגט זיך אין צעהנען פאַר יעדען פריץ, פאַר יעדען נישט-יודען, פאַר אַ קאָפּיקע, פאַר אַ שמייכעלע. —

„ורוממתנו מכל הלשונות" — און דער יוד שאַצט נישט דאָס, וואָס עס מאַכט אים פאַר אַן'אומה-ולשון. דער פריערדיגער יוד האָט געלערענט תורה, דער איצטיגער — לערנט גאָרנישט. זיין פרומקייט — געוואוינהייט, עקשנות, פערשטיינערטקייט, מצות אנשים מלומדה. זיין שפראַך — פערגעסען לאַנג לשון קודש — נור אייניגע אויסדער-וועהלטע קענען עס; יודיש — די קינדער קענען פויליש, רוסיש, ענגליש, דייטש, אַלע שפראַכען, נור ניט יודיש...

„וקדשתנו במצותיך" — און לעכערליך ווערט מען נור, ווען מען רעדט אַ איצטיגען יודען פון קדושה, פון טהרה, ער פערשטעהט עס נאָך, ווען מען דערמאָהנט עס אים אין שיהל. קדושה, טהרה? — מהיכי-תיתי. ווערטער ווי אַלע ווערטער. ח"ל מען עס אָבער איינפיהרען אין לעבען, אין פערהעלטעניש צו מענשען, אין גע-שלעכטס-לעבען, דאַן לאַכט נור דער יוד, דאַן קומט ער מיט זיינע וואָלוועלע גלייכווערטלעך, מיט זיינע מאַרק-גלייכווערטלעך, און די יוגענד ענטפערט אויף דעם מיט מאוסע, געמיינע, תאוה'לעך פון מענשען שוואַכינקע, צעבראָכענע, פערפוילטע אין אַלע רמ"ח אברים און שס"ה גידים.

„ושמך הגדול והקדוש עלינו קראת" — דער גרויסער הייליגער גאָטס נאָמען! דער גרויסער שטאָלצער הייליגער נאָמען יוד! וואָס כ ע נ ד י ג זענט איהר געוואָרען אין דער יודישער גאַס! דער, וואָס טראָגט דעם נאָמען יוד טראָגט איהם נור אויס געוואוינהייט, אויס בושה פאַר'ן צווייטען, אויס מורא פאַר שטראָף אויף יענער וועלט, אָדער אויס עקשנות, אָדער דורך אַ וואָסער-ניט-איז מאָמענטאַלע אידעע, מאָמענטאַלע פאַנטאַזיע, — ווענינ, זעהר און זעהר ווענינ זענען אָבער די, וואָס פיהלען אין דעם דאָס העכסטע און דאָס הייליגסטע, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט.

מען טראָגט אויף זיך דעם נאָמען יוד — מען טראָגט איהם אָבער ניט מיט יענעם אמת'ן שטאָלץ, מיט יענער אינערליכסטער

שמחה, מיט יענער טיפסטער איבערצייגונג, ווי מען דארף עס טראגען.

איך זעה דעם יודען אין דער געגענווארט, איך זעה דעם יודען מיט זיין קליין־סחר, מיט זיין קאפיקע־לעבען, מיט זיין לויפעניש, יאגעניש, איילעניש, מיט זיין ארימקייט, עלענדקייט, צו־בראכענקייט, פחד, קנעכטשאפט, הכנעה פאר'ן שטארקען און חוצפה קעגן אייגענעם שוואכען ברודער.

איך זעה נאך דערצו דעם יודישען אינטעליגענט און דעם האלב־אינטעליגענט מיט זיין אבגעריסענקייט פון פאלק, ארומשוועבען אין עולם התוהו, דינען אלע געטער און ניט האבען קיין איינעם, מיט זיין אהנמאכט און ענגהערציגקייט, מיט זיינע ווערטער אנשטאט געדאנקען, פלפולים אנשטאט בעווייזען, חוצפה אנשטאט שטארקייט, הפקרות אנשטאט מסירות־נפש, קראנקע נערוון אנשטאט נשמה, מיט סענטימענטאליזם אנשטאט ליבע, אנשטאט אמת'ן געפיהל.

איך זעה דעם יודישען אינטעליגענט און האלב־אינטעליגענט מיט זיין אייביגען ארומטאנצען און ארומלויפען פון אידעע צו אידעע, פון פארטיי צו פארטיי, ווייל קיין שום זאך לאזט אין אים קיין ווארצלען ניט; דעם יודישען אינטעליגענט, וואס אים איז אזוי גרינג „פריי" צו זיין און „פריי" צו דענקען, ווייל ער איז צו קיין זאך ניט צוגעבונדען שטארק, ווייל ער טראגט ניט קיין גאט אין הארצען און קיין זאך איז ביי אים נישט הייליג באמת; דעם יודישען אינטעליגענט, וועלכער איז סוף כל סוף גרייט צו יעדער צייט אויף אלץ א מאך צו טון מיט דער האנד, זאגען „עט!", שפייען אויף אלע אידעאלען מיט יעזען הייליגטום און ווערען א גאנץ געוועהנליך בעל־הבית'ל —

איך זעה די ברייטע יודישע מאסען מיט זייער עם־הארצות, בעשמאקלאזיגקייט, מיט זייער פינסטער לעבן, א לעבען אהן א שטראל ליכט, אהן האפנונג, אהן שטרעבונג, אהן אמת'ן גלויבען, אהן אמת'ע פרייד, א לעבען פון טאג אויף טאג, א קעלער־לעבען, א בענוגענען־זיך מיט גארניט, אנ'אייביג פוילען און פוילען אין פינסטערניש, אנ'אייביגע פערפלוכט־זיין און פעריאגט־זיין פון אלעמען. —

איך זעה אויך דעם איצטיגען יודען אין זיין געזעלשאפט־ליכען לעבען, אין זיינע הונדערטער פארטייען.

פאַרטייען אויף פאַרטייען — און קיין איין אמת׳ע פאָלקס-פאַרטיי; פאַרטייען אויף פאַרטייען — און דאָס פינסטערע יודישע לעבען איז אויף קיין איין האָר נישט ליכטיגער געוואָרען; פאַרטייען אויף פאַרטייען — און דער יוד האָט אַלץ נישט וואו דעם קאָפּ צולעגען: פאַרטייען אויף פאַרטייען — און דער יוד איז נאָך ווי שטענדיג מאַכטלאָז, רעכטלאָז, שוצלאָז; פאַרטייען אויף פאַרטייען — און זיי האָבען נאָך דערצו דאָס יודישע לעבען אינגאַנצען רואינירט דורך מחלוקת, וואָס די וועלט האָט עס נישט, דורך שנאה פון אייגענע ברידער, דורך ענגען, נאַרישען עגאָאיזם, דורך שטעלען דעם אייגענעם קרייזעל העכער פאַר׳ן פאָלק, דורכ׳ן סאָציאַליזם וועלכער איז אין דער יודישער גאַס פערקרימט און פערדרעהט-געוואָרען דורך דער שטרעבונג אַלע יודען דוקא צו „פראָלעטאַריזירען״, וואָס עס הייסט, אויף דער שפּראַך פון לעבען, פשוט אַלע יודען מאַכען פאַר קבצנים און אביונים, דורך אַ גרויסע, מורא׳דיגע מחנה פון אַלערליי מינים „חברים״, וועלכע האָבען „לשם שמים״ אויפגעגעסען די יתר-הפליטה, וואָס עס האָבען נאָך איבערגעלאָזען די כוליגאַנעס און די פערשידענסטע יודען-פרעסער.

איך זעה דאָס אַלץ און איך פרעג זיך זעלבסט: אָט די זענען דאָס די קינדער פון ישראל-סבא? אָט די זענען דאָס די אויסערוועהלטע פון אַלע פעלקער? אָט די זאָלען עס וועגען משיח טרוימען, די וועלען דאָס אַ גאולה ברענגען?

איך קוק אַרום און אַרום, איך זוך מיין יודען, איך זוך דעם זהן פון די נביאים און דעם טרעגער פון אונזערע היסטאָרישע אידעאַלען און איך געפין אים אין ערגיץ ניט. איך געפין, אמת, וואו ניט וואו „אחד מעיר ושנים ממשפחה״, איך געפין עטוואָס פון מיין טרוים, פון מיין וועלען זעהן יודען, — דאָס איז אַלץ אָבער באָר עטוואָס, נאָר אַ ברעקעל, אַ שאָטען פון דעם, וואָס עס דאַרף זיין.

און אפילו די זענען אַזוי ווענינ, אַזוי ווענינ, אַז מען קען זיי אויף די פינגער צעהלען...

וואָס-זשע דען איז נאָך דאָ אינ׳ם יודען? וואָס-זשע דען גיט מיר נאָך די האָפנונג, אַז דער יוד וועט דאָך זיך, דערקענען, וועט דעם וועג צו זיין אידעאַל געפינען, וועט ווערען דער עם הנבחר וואָס ער דאַרף זייז לויט זיין בעשטימונג?

דער איצטיגער יוד האָט אין זיך אין פּלוג גאָרנישט. וואָסשע האָט אין זיך אָבער פאָרט דער איצטיגער יוד? — ער האָט אין זיך טרויער, ער האָט בענקשאַפט, ער ווייסט, אַז עס פעלט אים עטוואָס, וואָס איז טייער אָהן אַ גבול, עטוואָס, פון וואָס ער איז אָבגעריסען און צו וואָס ער מוז זיך צוריקקערען מיט מער קדושה, מיט מער ריינקייט, מיט מער ליעבע. מיט מער אמת און פרייהייט.

דער יוד לעבט אפשר מאוסער פון אַנדערע; דער יוד פיהלט אָבער, אַז אים פעלט אַלץ; דער יוד ווייסט, אַז דאַרפען דאַרף מען גאָר אַנדערש לעבען; ער ווייסט נישט קלאָר, ווי אַזוי אַנדערש צו לעבען, — ער בענקט אָבער נאָך דעם אונגעהויער.

אַנדערע פיהלען עס נישט. אַנדערע גרויסען זיך מיט זייערס; דער יוד איז שטענדיג אונצופרידען. ער ווייסט, אַז ער האָט נאָך צו טון אין זיין לעבען עטוואָס וויכטיגעס, עטוואָס אונגעהויער הייליגעס.

„יעדער יוד זינגט". דאָס איז שוין לאַנג אַ משל געוואָרען; דאָס איז שוין טויזענדער מאָל אויסגעלאַכט-געוואָרען. וואָס-זשע איז אָבער דאָס זינגען? — דאָס איז דאָך דאָס נישט-אַרויסגעזאָגטע געפיהל, די נישט-אַרויסגעזאָגטע טיפסטע שמערצען. די נישט אַרויסגעזאָגטע טיפסטע האָפנונגען און חלומות, וועלכע קענען מיט ווערטער נישט איבערגעגעבען ווערען, שטרעבונגען, וועלכע קענען נישט אַרויסגעזאָגט ווערען, טיפסטע בענקשאַפט פון האַרצען, טרערען, וואָס זענען נאָך נישט אויסגעווייבט געוואָרען. זינגען — דאס איז דאָך די אמת'ע שפּראַך פון דער נשמה. דאָס, וואָס דער יוד קען נישט אַרויסזאָגען אָדער ער קען זיך נישע קלאָר-מאַכען, זאָגט ער אַרויס מיט געזאַנג.

„יעדער יוד איז מוזיקאַליש" — אַזוי בעמערקט טאָלסטאָי אין זיין „וואָסקרעסעניע", רעדענדיג וועגען דעם אויפגעהאָנגענעם יודען ראַזאָווסקי. טאָלסטאָי בעמערקט עס גלאַט אַזוי און זאָגאַר מיט אַ שטיקעל כעס...

וואָס בעדייט אָבער דאָס וואָס דער יוד איז מוזיקאַליש? — דאָס בעדייט דאָך, אַז דער יוד אין זיין טיפסטען אינער'ס איז טויזענד מאָל רייכער, שענער און בעסער ווי אין זיין אויסערען; דאָס בעווייזט דאָך, אַז אין נשמה טראָגט ער אוצרות, אוצרות

פון לעבען און גייסט, וועלכע ער מוז אין געזאַנג אויסגיסען.

דער יוד לאַכט שטענדיג, דער יוד וויינט שטענדיג — מען קען זיך האַבען וועגען דעם אַ מיינונג וואָסערע מען וויל. מען קען זאָגען, אַז אין ליטעראַטור, אין קונסט איז עס שעדליך. וואָס בעדייט אָבער דאָס אייביגע לאַכען און אייביגע וויינען פונ'ם יודישען פאָלק אין זיין גרויסען גאַנצען? — דאָס בעווייזט דאָך, אַז דער יוד קוקט מיט'ן גרעסטען בעדויערן אויף זיין איצטיגען פינסטערען לעבען, און אַז ער טראָגט אין זיך די מעגליכקייט פון אַ גרויסען, שענעם לעבען, וואָס די וועלט האָט עס נאָך ניט געזעהן.

די אַלטע יודישע ליטעראַטור — מכח יענער איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעדען, יענע איז דאָך פול דערמיט. נעמט אָבער אפילו די נייע יודישע ליטעראַטור, וואָס איז איר הויפט-מאָטיוו? בענקשאַפט, טרויס, משיח-זוכעריי...

אונזערע „חברים" האָבען אויסגעלאַכט די „בענקשאַפט", וועלכע איז מיט אַ יאָר צוריק געווען אויסגעגאָסען אויף דער יודישער גאַס. מיר איז זי גראָד זעהר הייליג און טייער געווען. אַז אין דעם איז זעהר ווענינ קונסט געווען, — דאָס האָב איך אויך גוט געוואוסט, פאַרהאַן אָבער עטוואָס, וואָס איז לאין ערך טייערער פון קונסט — דער מענש זעלבסט מיט זיינע טיפסטע ליידן און שטרעבונגען.

לאַכען קען מען וויפיל מען וויל. יענע קאָלעקטיווע „בענקשאַפט" האָט אָבער באַוויזן, אַז דער יודישער יונגער מענש פיהלט, אַז זיין לעבען, זיין איצטיג לעבען איז וואַכעדיג, קליין, געמיין, פאַלש און נידעריג.

און וואו זעהט איר נישט די יודישע בענקשאַפט? — נעמט אַלע שענסטע און בעסטע יודישע דיכטער, אַלע אָהן אויסנאַם, ביאַליק, פרץ, דוד פרישמאַן, בערדיטשעווסקי, פייערבערג, ברענער, — וואָס-זשע זאָגען זיי? וואָס-זשע ווילען זיי? זענען זיי ניט דורכאויס בענקשאַפט?

און וואו זעהט איר נישט די יודישע בענקשאַפט? — נעמט יעדער געוויינליכען יודען ביים זוהר-לערנען, ביים רבינ'ס חסידות-הערען, ביי זיין שטילען געזאַנג שבת-בין-השמשות, פאַר הבדלה... יעדער יוד ווען ער איז פערטראַכט און פערגעסט זיין וואָך, זיינע געשעפטען, זיינע קליינע דאגות — זעהט איר דען נישט דאַן און

פיהלט איר דען ניט דאַן זיין שטרעבונג צו הויכע וועלטען, צו העכערע פאָרמען פון לעבען?

„דער יוד האָט זיין וועג פערלאָרען". דער יוד האָט אויפגע־הערט גלויבען אין זיין בחירה, אין זיין גרויסער הייליגער שליחות צו זיין באמת הייליג און גרויס, דער יוד לעבט אפשר, איבער דעם מאוסער פון אַנדערע, — דער יוד פיהלט אָבער, אַז ער האָט זיין וועג פער־לוירען". אַז זיין וועג איז אַנ'אייביגער, אַז ווען נישט־ווען מוז ער אים געפינען און דעריבער איז ער פול בענקשאַפט און טרויער.

אַלע פעלקער האָבען זייערע וועגען שוין געפונען, דער יוד זוכט אָבער זיין וועג, וועלכער געהט אָן אַ זייט פון אַלע וועגען און געהט־זיך צונויף מיט זיי נאָר ערטער־ווייז.

ווען דער יוד זיך באמת דערקענען, ווען ער ווערען אין דערווירקליכקייט גרויס, ווי ער זעהט זיך אין טרוים — דאַן ווען ער זיין וועג געפינען, דאַן ווען ער באמת ווערען — אַנ'עם־הנבחר.

V.

„משיח איז שוין געקומען", „משיח איז נאָך ניט געקומען" — אַרום אָט די צוויי געדאַנקען דרעהט זיך כמעט די גאַנצע וועלט־געשיכטע אין די לעצטע צוויי טויזענד יאָר, „מיר האָבען שוין אַ משיח מיט זיין אַבסאָליוטען אמת" — אַזוי זאָגען אַלערליי קריס־טען און אַלערליי מאַכמעדאַנער יעדער אויף זיין שטייגער. „משיח וועט ערשט קומען, משיח'ן דאַרף מען נאָך זוכען, משיח'ן דאַרף מען ערשט אַראָבברענגען דורך מעשים טובים". — אַזוי זאָגען מיר יודען.

און פאַר אָט דער אמונה האָט מען אונז אין פייער געוואָר־פען און אין וואַסער געטרונקען, און די טייוועל־מאַשינען פון די אינקוויזיטאָרען האָבען אונזער קאָפּ און ברוסט געפרעסט, און די חלפים פון אַלערליי קרייץ־טרעגער און חמעלניצקי'ס האָבען אונזערע העלזער געשניטען און אין יעדער אָרט און אין יעדער צייט האָט מען אונזער האָב־און־גוטס געראויבט, און הפקר זענען מיר געוועז, און פון לאַנד צו לאַנד האָט מען אונז געטריבען, און מיר האָבען קיין איין טאָג רוה נישט געהאַט.

און אויך שפּעטער, אין דער איצטיגער „ליכטיגער" צייט, אין דער צייט פון באָסיאַקעס און חוליגאַנעס אין טשוועקעס אין קאָפּ און טאָג־טעגליכע פּאָגראָמען און גזירות און רדיפות און אונ־ערטרעגליכען אַנטיסעמיטיזם, אויף וויפיל אין דעם אַלעמען איז נאָך דאָ אַ רעליגיעזער עלעמענט (און דער דאָזיגער עלע־מענט איז נאָך גענוג גרויס און שטאַרק) — איז מען אונז אַלץ פאַר אונזער יודישקייט רודף.

„משיח איז נאָך ניט געקומען!" אַזוי זאָגען מיר יודען. וואָס־זשע בעדייט עס אָבער? וואָס איז דער היסטאָרישער זין דערפון? וואָס מיינען מיר יודען צו זאָגען דערמיט? —

מיר מיינען אָט־וואָס צו זאָגען: די וועלט איז נאָך ניט ריין גענוג, די וועלט איז נאָך פול נאַרישקייטען, מאוסקייטען און שקרים, די וועלט מוז ביסלעכווייז, ביסלעכווייז נעלייטערט ווערען, פון איר שמוץ אָבגערייניגט ווערען, ביז וואַנען זי וועט גרייט זיין צו מקבל־פּנים זיין דעם מלך־המשיח.

אַזוי זאָגען מיר צו אונזערע געגנער: ווען עס וואָלט געווען אַזוי ווי איר זאָגט, ווען די וועלט האָט שוין אַנ׳עליה גע־האָט, — פון וואַנען־זשע נעהמען זיך דען אַזוי פיל מלחמות, אַזאַ׳ן אייביגע בלוט־פערגיסעניש, אַזאַ מורא׳דיגע שנאה צווישען פאָלק און פאָלק, לאַנד און לאַנד, שטאַנד און שטאַנד, מענש און מענש? פון וואַנען נעהמען זיך דען אַזוי פיל מאוסע מדות און חיה־אינסטינק־טען איב׳ם מענשען?

פון וואַנען נעהמען זיך יענע אַלע תועבות, וואָס אפילו חיות אין וואַלד וואָלטען זיך שעמען דערמיט? און פאַרוואָס איז דער מענש בכלל נאָך אַזוי קליין און געמיין, אַזוי שלעכט און נידערטרעכטיג?

צו אָט דער טענה, גיבען מיר נאָך אַ שטילע טענה צו: און מיר יודען זענען דאָס שוין גאָר הפקר? מיר יודען זענען דען גאָר קיין מענשען נישט? ווען איר זענט אפילו אַלע צדיקים, קדושים וטהורים—פאַר וואָס־זשע הערט איר נישט אויף אונזער בלוט צו פערגיסען און אונזער גוטס צו רויבען צייט טויזענדער יאָרען? מען האָט אַייך געהייסען אַייערע פיינד ליב האָבען. איר רעכענט אונז פאַר פיינד, בעשטעהט דען אַייער ליעבע אין שווערדען, תלפים און טשוועקעס אין קאָפּ?...

מיר זאָגען דעריבער אַזוי: אותות ומופתים — דאָס איז נישט דער עיקר. אמונה אָ ה ן מעשים, — דאָס איז אויך גאָרנישט. אמונה און מאָראַל — דאָס איז נאָך אויך זעהר ווייניג. אַבסטראַקטע פּרינ־ציפּען, — הייגט זענען זיי קלאָר, מאָרגען אונקלאָר; הייגט ליכטען זיי, מאָרגען ווערען זיי פֿערדונקעלט; הייגט געדענקט מען זיי, מאָר־גען פֿערגעסט מען זיי. שוואַך איז דאָס מענשעלע. קליין איז עס, געמיין איז עס, צום זומפּ ציהט איהם; און ווען עס איז אפּילו שטאַרק — איז עס שטאַרק נאָר אין אכזריות, אין בלוט־דורשט, — צו דער חיה ציהט אים, אין מענשען איז נאָר דאָ אַ ניצוץ פֿון גאָט, עטוואָס, וואָס טרייבט אים און יאָגט אים העכער־ווערען און שענער־ווערען. אינ׳ם זומפּ פֿון לעבען ווערט אָבער דער ניצוץ פֿערלאָשען און דער מענש מוז אים שטענדיג אויפבלאָזען דורך מעשים. דער מענש, בכדי ער זאָל באמת העכער ווערען, אָרגאַניש, נאַטירליך, אין יעדער צייט, נישט נאָר אין געוויסע מאָמענטען, מוז ער אויף זיך דעם עול מצוות טראָגען. ער מוז זיין לעבען איינאָרדנען אַזוי, אַז אין יעדער ווייליע זאָל ער קענען פֿון זיין לעבענס־זומפּ אַרויס און שטרעבען צו זיין אייבי־גען ציל.

און מיט דעם אַלעמען איז נאָך אויך דער מענש אויף קיין איין האָר נישט זיכער. ווי ער זאָל נישט זיין פֿעראיידעלט און פֿער־שענערט, — שטענדיג איז אין אים די בהמה און די חיה שטאַרקער. די וועלט־אַרבייט: דאָס אויפהייבען און גייסטיג־מאַכען דעם מענשען, דאָס געמיינע און שלעכטע פֿון אים אויסוואָרצלען און דאָס געטליך־שעהנע אין אים איינפלאַנצען — דאָס איז אַן אַרבייט נישט אויף אַ דור און נישט אויף צוויי, דאָס איז אַן אַרבייט אויף דורי־דורות, אויף טויזענדער יאָרען, ביז דער „בירור", ווי די מקובלים רופען עס, וועט זיך אין גאַנצען ענדיגען... דאַן וועלען ערשט די „ימות־המשיח" אָנקומען!...

איר, פֿעלקער, האָט גענומען די יודיש־נביאישע מאָראַל, צו־געגעבען אייגענע דאָגמען, אין די שפּעטערע צייטען איינגעפֿירט אייניגע סימבאָלען, — דאָס אַלץ הייליגט אייך און בעשעהנט אייך רגע׳ווייז. אין וואָס בעשטעהט אָבער אייער גאַנצע וועלט־געשיכטע? — מלחמה פֿאַר אַ שטיקעל ערד, מלחמה פֿאַר אַ האָר כבוד; פּאָליטיק, דיפּלאָ־מאַטיע — פֿערדעקטע, שרעקליכע שקרים; גראַבע, מאוסע פֿערגניגענס, מיט קונסט פֿערדעקטער נאוף און אָפּעגער גאוף, דועלען, יאַגד,

געשלעג, שכרות; שטאַרקע, וואָס דריקען די שוואַכע; רייכע וואָס זויגען דאָס בלוט פון אָרימע; קלאַסען־ק אַ מ ף, וועלכער נעמט ביי אייך אָן אַ כאַראַקטער פון קלאַסען־ה אַ ס, וועלכער ווערט אומגעוואַנדעלט אין שפיכות־דמים, גזירות, נגישות און ש ו ו ע ר ע ר־מאַכען דעם יאָך — אויבען; באַמבעס און ווילדקייט און בלוטיגע אָנפאַלען — פון אונטען.

אמת, דאָס מיר, יודען, זענען אויך פון וועג אַראָב, צו הויך איז אונזער אידעאַל, צו ווייט איז ד ע ר ו ו ע ג צ ו ד י ש ט ע ר ע ן. מיר זענען אַלע פון וועג אַראָב, אונזער יוגענד בלאָנדזשעט אַרום און ווייסט נישט ווי צוריק צו קעהרען. ביי אַ י י ך לערנען זיי און פון אייך האָבען זיי טאַקע פיל געלערנט. זיי ווייסען שוין אויך וואָס עס הייסט נאוף, גזילה און שפיכות־דמים. זיי זענען נאָך אַמאָל העסליכער און מאוסער פון אייער יוגענד, ווייל ביי אייער יוגענד איז עס — נאַטירליך, ביי אונז איז עס — אומנאַטירליך. אייער יוגענד איז געזונד—אונזערע איז קראַנק. ווען אַן'אַלט ־ ער, קראַנקער, צובראָכענער מענש זינדיגט, איז ער טויזענד מאָל העסליכער פון אַ ג ע ז ו נ ד ע ן, וואָס זינדיגט. מיר זענען אָבער ד אָ ך אַ פאָלק פון ת ו ר ה, אַ פאָלק, וואָס האָט שוין באַלד צוויי־טויזענד יאָהר קיין מלחמות נישט געפיהרט, קיין בלוט נישט פערגאָסען, קיין בלוט נישט געגעסען, געהאַלטען אפילו די יאַגד פאַר אכזריות, פאַר אַ געמיינע אומזיסטע שלעכטקייט, געהיט זיך פון צער־בעלי־חיים אויפ'ן טויזענדען פאַל, נישט געגעסען קיין חיה טמאה און קיין טמא־זאַך, וואָס טראָגט אריין אין בלוט גראָבקייט, געמיינקייט, טומאה און בלוט־דורשט, געפיהרט די גאַנצע צייט אַ ריין פאַמיליען־לעבען, אויסגעצייכענט זיך אַלע מאָל מיט'ן שטענדיגען געפיהל פון יושר, אָבגעהיט שטרענג תרי"ג מצות מיט אַלע זייערע צעהנטויזענדער פרטים און דקדוקים און געוואוינט זיך אויף דעם אופן צו רעגולירען תאוות, צו פערשטיקען דעם יצר־הרע. אונזער יוגענד איז ווייט אַוועק, אונזער יוגענד וועט אָבער צוריקקעהרען. זי וועט סוף־כל־סוף דערקענען, אַז יענע געטער, וועלכע זי דינט איצט, זענען איר לחלוטין פרעמד, און זי וועט זיך צוריקקעהרען — צו איר אַלטען גאָט.

און אָט דאָס וויל איך זאָגען אונזער בעסערער טיפערער יוגענד, ווען איר מיינט, אַז מען קען זיין ג אַ נ צ ע־יודען ל ג מ ר י אָהן

תורה און מצוות — האָט איר אַ מורא'דיגען טעות. יודען זענט איר אַלע מאָל—דאָס איז אמת. פאַרהאַן אָבער אַלערליי יודען. פאַר־האַן חלקים פון יודען, און פאַרהאַן גאַנצע יודען. פאַרהאַן יודען און פאַרהאַן אויך־יודען...

איך גלויב, אַז איר זענט אין הארצען טויזענד מאָל מעהר יודען ווי פיל געוואוינליכע יודען, וואָס ווייסען גאָרנישט וואָס יוד איז און זענען יודען נאָר אָט, גלאַט אַזוי. דאָס איז אָבער זעהר וועניג. דער אמת'ער יוד בענוגענט זיך קיינמאָל נישט בלויז מיט פלאַטאָנישע ליבע, מיט רוחניות, מיט אמונה פון האַר־צען, — דער יוד פאָדערט שטענדיג מעשים און שטרענגע מעשים; אַלעס, וואָס איז ביים פאָלק הייליג און טייער, אַלע אידע־אַלען, וואָס ער טראָגט אין זיך, מוזען אין סימבאָלען און אין לע־בעדיגע מעשים פערקערפערט ווערען.

איך האָב דאָ נישט לאַנג אַ בריף ערהאַלטען פון אַ יונגען מענשען פול טענות און קושיות. ס'איז אייגענטליך, די טענה פון אונ־זער גאַנצער זוכענדער יוגענד, אויף וועלכער מען מוז ענטפערען.

אַזוי שרייבט מיר דער יונגער מענש:

— „מיינע עלטערען זענען דאָך אברהם אבינו, רמב"ם, רבי יהודה הלוי, בעש"ט, האָטש זיי האָבען אָבגעהיט אַלע מצוות מעשיות און איך קיין איינע נישט. ווייל דער עיקר קוקען מיר אויפ'ן תוך פון יודענטום און נישט אויף דער אויסערליכער זייט און סתם מנהגים.

און דער תוך, די נשמה פון יודענטום, איז: „ואהבת את ד' אלהיך", „רחמנא לבא בעי" (גאָט דאַרף דאָס האַרץ). דער מוסר פון האַרצען, דאָס אינערליכע בענקען צו גאָט, דאָס נאָהנטקייט צו גאָט — ודבקת בו".

אונזער יוגענד פערגעסט אָבער, אָדער זי ווייס נישט, אַז אָט די טענות, נאַטירליך, מיט פיל מעהר שאַרפקייט און דרייסטקייט, פייער און ערנסט, האָט געטענה'ט נאָך דער אַפּאָסטאָל שאול (פאול) אין זיינע „בריף". „דער אות איז — טוידט; דער רוח — בעלעבט". מען דאַרף פעראייניגען אַלע מענשען, האָט ער געטענה'ט, אינ'ם גייסט פון משיח'ן. דער עיקר איז נאָר אמונה. מילה — גאָרנישט; אַלע מצוות מעשיות — גאָרנישט. דער עיקר איז — דער גייסט. די רייכקייט פון האַרצען, די דביקות אין גאָט דורכ'ן משיח.

מיר יודען האָבען אָבער אָט די תּורה ג י ש ט אָנ־געגומען. פאַר וואָס־זשע האָבען מיר זי נ י ש ט אָנגענומען? מיינט איר דערפאַר, ווייל עס זענען אונז ווענ־ג געווען זיינע אותות ומופתים? — אונזער משיח איז נישט אין אותות ומופתים (זעה רמב"ם הלכות מלכים). אלא וואָס דען? — דער אינסטינקט פון פאָלק האָט אים געזאָגט, אַז „משיח איז נאָך נישט געקומען", דאָס הייסט: אַז די וועלט איז נאָך ווייט נישט גרייט דערצו, אַז זי זאָל קענען לעבען מיט ריינע אַבסטראַקציעס, מיט הוילע רוחניות. דאָס פאָלק האָט דערפילט, אַז אַפילו יחידי־סגולה, קענען נישט לעבען דורכאויס מיט רוח אַליין אָהן מצוות, און אַ פשיטא שוין דער גרויסער המון.

זאָגען אָבער, אַז מען קען זיין אַ יוד ל ח ל ו ט י ן אָהן יעדער מצוה, — דאָס איז נישט נור געגען דעם אָפיציעלן יודענטום, נאָר אויך געגען דעם רוח־היהדות.

ווייל דאָס איז דאָך טאַקי דער עיקר רוח היהדות (אויף וויפיל יהדות איז אָבגעטיילט פון קריסטענטום), אַז מיט גייסט אַליין אָהן שטענדיגע מעשים און סימבאָלען קען מען דעם מענש נישט אויפהויבען, וואָרום דער גייסט טהוט נאָר אַ בליץ אויף אַ רגע און דער מענש איז שטענדיג אין זומפּ פערזונקען.

אָט דערפאַר טאַקי האָט דער פריסטער יודישער גייסט, דער רמב"ם, אַ „יד החזקה" בעשאַפען, ווייל ווי ער זאָגט אין אַנדערע ערטער: „הדעות אם לא יהיו להם מעשים בפועל—לא יתקיימו" („די קלאָרע מיינונגען, ווען זיי זאָלען זיך נישט פערקערפּערען אין מעשים—וועלען זיי קיין קיום נישט האָבען"). אָדער ווי ער ערקלערט אין אַנ'אַנדער אָרט, אַז דער עיקר איז נור וואָס מעהר מצוות צו טהון: „כדי לזכך הנפש ברבוי עבודה" (כדי לייטערען דעם נפש מיט פיל אַרבייט).

און דערפאַר האָט רבי יהודה הלוי אַריינגעגעבען אינ'ם מויל פונ'ם מלאך, וואָס האָט זיך בעוויזען צום מלך־הכוזרי: „כונתך רצויה, אבל מעשיך אינם רצוים" (דיין כונה איז גוט—דיינע מעשים זענען אָבער נישט גוט), און דער גאַנצער „כוזרי" איז נור אויף אויפצווייזען, אַז הייליג און שען ווערט מען נור דורך מעשים פון דער תּורה.

און דערפאַר האָט אויך דער בעש"ט, דער וואָס איז געווען דורכאויס גייסט, געהייסען דעם שולחן־ערוך לערנען (זעה צואת

ריב"ש), און דערפֿאַר האָט דער רב מלאַדי, דער, וואָס איז דורכאויס אַ געטליכער פֿלאַם-פֿייער געווען, אַ הימעל-בענקשאַפֿט, — אַ שולחן-ערוך פֿערפֿאַסט...

זיי האָבען דעם יודען, דעם יודענס *גייסט*, זעהר גוט געוואוסט זיי האָבען געוואוסט, אַז הייליגקייט אָהן מעשים, — ווערט סוף-כל-סוף אַ פּוסטע פֿראַזע.

איך מיין, פֿערשטעהט זיך, נישט צו שלעפּען די גאַנצע יודישע יוגענד אין שולחן-ערוך אַריין. איך ווייס זעהר גוט, אַז מיט געוואַלד קאָן מען נישט גלויבען. מיט געוואַלד קען מען דעם געשמאַק נישט אומבייטען, — איך מיין אָבער צו זאָגען, אַז ווען מיר ווילען זיין גאַנצע יודען, מיר ווילען זיין געטריי דעם רוח היהדות, מוזען מיר אָבהיטען מצוות, יעדער נאָך זיין געשמאַק נאָך און זיינע אַנשויאונגען נאָך. און אין דעם, וואָס מיר זענען מקיים, מוזען מיר אונזער גאַנצען גייסט און נשמה אַריינטהון. —

דורך שענע מעשים, דורך הייליגקייט, דורך ריינקייט — וועלען מיר זיך ביסלעכווייז, ביסלעכווייז געגעהנעז צו אונזער אידעאַל, צו אונזער משיח...

V

זוכענדיג אַ וועג צום *יודישען* אידעאַל, אַרום-בלאָנדזשענדיג יאָהרען-לאַנג אין אַלערליי גאַסען און געסעלעך, שטעגען און שטעגלעך פֿון דער גרויסער גייסטיגער וועלט, בעגעגען איך שטענדיג די אידעאַלען פֿון ל. טאָלסטאָי

און איך פֿרעג זיך שטענדיג: די יודישע מאָראַל, דער יודישער אידעאַל, דאָס יודישע פֿאָלק אַלס אַ טרעגער פֿון *נבואה*, פֿון וועלט-חלומות, גאולה פֿאַר זיך און פֿאַר דער מענשהייט — גוט! דאָס יודישע פֿאָלק טראָגט אין זיך *בכח* אַלערליי *מעגליכקייטען* פֿון גוטס, שענקייט און הייליגקייט. בעטראַכט מען ערנסט אָהן השכלה-אפּיקורסות און אָהן בעהאַלטענעם כעס, דעם *פּאַטריאַרכאַלען* יודען, דעם שטעדטעל-יודען מיט צעהנדליגער יאָהר צוריק, זעהט מען, אַז ער, אָט *דער* יוד איז דאָך, *ביי* אַלע זיינע גרויסע חסרונות, שענער און בעסער געווען פֿונ'ם

געוועהנליכען (וועגען אויסנאַמען רעד איך ניִשט) נישט=
יודען. די יודישע מאָראַל איז אָבער דאָך בעגרענצט אין
חוקים און דיני=דינים, זי האָט אפילו אויף גוטסקייט און אויף היי=
ליגקייט אויף אַ מאָס: אַזוי פיל און נישט מעהר, ווילסטו דיין
האָב און גוטס פאַר אָרעמע-לייט צוטיילען טאָרסטו נישט צו=
טיילען מער ווי אַ פינפט-חלק (המבזבז אל יבזבז יותר מחומש״);
ווילסטו אין גאַנצען פון דער וועלט אַוועקגעהן קענסטו
נישט, דען דו מוזט נאָר פרוי און קינדער האָבען; ווילסטו זיין
אַ נזיר, — די מקובלים הייסען עס אפילו, — דער רוח היהדות
איז אָבער געגען דעם, דער יודישער אמת שטימט מיט דעם וואָס
זאָגט: „היושב בתענית נקרא חוטא״ (דער וואָס פאַסט איז אַ זינדי=
גער), די חסידים האָבען אויף אַלערליי מורא׳דיגע תעניתים און
סגופים פון די מקובלים מבטל געווען; ווילסטו אַלע מענשען גלייך
ליב האָבען, אַלע מענשען גלייך גוטס טהון, — מוזטו אָבער שטענ=
דיג אין זין האָבען: אייגענע און פרעמדע, צווישען יודען גופא זע=
נען אויך נישט אַלע גלייך: פאַראַן איין אונטערשיד צווישען תלמיד=
חכם און עם-הארץ, צווישען מאַן און פרוי, נאָהנטע און ווייטע.
בכלל מוזטו זיך רעכענען נישט מיט דיין ווילען, מיט דעם אי=
דעאַל, מיט׳ן פערלאַנג פון דיין האַרצען, נאָר מיט׳ן ספר,
מיט צעהן טויזענדער דינים. דו קענסט זאָגאַר נישט שטעלען
דיין מאָראַלען אידעאַל העכער פון אַלץ, ווייל אַלע צעהן טויזענ=
דער דינים זענען אַלע גלייך הייליג, דער פסוק „ואלה בני צבעון
ואיה וענה״ איז אַזוי הייליג, ווי „שמע ישראל״, און די צעהנטוי=
זענדסטע חומרא פון איין אחרון שבאחרונים איז אַזוי הייליג, ווי
„ואהבת לרעך כמוך״. ביזטו נישט מקיים די צעהנטויזענדער דינים,
ביזטו אויף די הייליגסטע געפיהלען און שטרעבונגען פונ׳ם מענשען
אויך עובר, ווי באַלד אַז אַלץ איז גלייך און אַלץ מקיים זיין
איז זעהר שווער...

יודישקייט האָט אויך נישט קיין פערהעלטעניש צו דער בע=
שעפטיגונג פונ׳ם מענשען. ביי יודען זענען אַלע פרנסות
גלייך. יודישקייט רעדט נישט וועגען משא=ומתן באמונה, ווייטער
מאַכט אָבער נישט אויס וואָס דו טהוסט, פון וואָס דו האָסט
דיין ברויט און ווערסט אפילו רייך, וואָס=זשע טהוט מען אָבער
מיט די, וואָס ווייזען אויף, אַז „אייגענטום איז גנבה״, אַז דער

מסחר בכלל איז געגרינדעט אויף עקספּלאָאַטאַציע, אויף דעם, וואָס די בעזיצער פֿונ'ם קאַפּיטאַל נעמען צו די מיה, דאָס בלוט און לעבען פֿון די אַרבייטער?

און איך פֿרעג זיך דעריבער: אפשר איז טאָלסטאָי'ס אידעאַל טאַקי העכער און רייגער?

מילא, מיר קענען מבטל-זיין די אַלע אַנדערע א י י ר אָ פּ ע א י ש ע רעליגיעזע שטרעבונגען; מיר קענען אָנווייזען אויף דאָס צ ב י ע ו ת, וואָס שטעקט אין זיי; מיר קענען בעווייזען אויף די שענע פ ר אַ ז ע ן און אויף די מאוסע מ ע ש י ם; מיר קענען לאַכען פֿון אַלערליי זייערע תּורות פֿון ליבע, הייליגקייט און ריינקייט, אין דער צייט, וואָס זייערע פּרעדיגער זעלבסט, שטיצען אונטער דעם קאַפּיטאַליזם מיט אַלע זיינע שענדליכסטע ערשיינונגען, מיט'ן הונגעריגען אונגליקליכען פּראָלעטאַריאַט מיט דער פּראָסטיטוציע, מיט'ן אויפוואַכען פֿון די ערגסטע חיה-אינסטינקטען, די שווינדלעריען און פֿאַלשקייטען פֿון אַלערליי פּאַרטייען, די פּרעסע מיט אירע שקרים און מיט איר פֿערקויפֿען זיך, דאָס גאַנצע סיסטעם פֿון שטיצען די שטאַרקע און ברעכען די שוואַכע. מיר קענען אָבער נישט אַזוי לייכט מיט דער האַנד אַוועקמאַכען די אידעאַלען פֿון ט אָ ל ס ט אָ י, וועלכער פּירט-דורך אַלע זיינע אידעאַלען ביז'ן ג ר ו נ ד, וועלכער איז בשום אופן נישט יוצא מיט מאָראַל אַליין, נור ער ווייזט, ווי אַזוי מען זאָל די העכסטע עטישע פּרינציפּען א י ן ל ע ב ע ן אַיינפֿירען, וועמע-ס אידעאַלען זענען שטרענג-אינדיווידועלע, אין דער זעלבער צייט אָבער אויך ס אָ צ י אַ ל ע, געזעלשאַפֿטליכע.

און אָט נעם איך מיך צוקוקען נעענטער צו טאָלסטאָי'ס לערע.

די הויפּט-פּרינציפּען פֿון טאָלסטאָי אין זיין קורצען און אַלגעמיינעם נוסח, זענען אָט די: 1) נישט טהון קיינעם קיין שלעכטס, אין ק י י ן פֿאַל, דאָס הייסט: נישט בענוצען ק יי נ ע גוואַלד-טהאַטען אפילו געגען די ערגסטע מענשען, אַפילו געגען די געמיינסטע און פֿערדאָרבענסטע רוצחים; 2) ליב-האָבען אַלעמען ג ל י י ך, אָהן אונטערשייד, אייגענע און פֿרעמדע, דיינע און נישט-דיינע, גוטע פֿריינד און שונאים, דיין פֿאָלק און נישט דיין פֿאָלק, נאָנטע און ווייטע, ליבען דאַרפֿסטו בכלל אָ ה ן אַ ר ע כ נ ו נ ג. טאָרסט נישט רעכענען: איך וועל נישט געבען ד ע ם, ווייל איך דאַרף געבען י ע נ ע ם, איך דאַרף נישט טהון ד אָ ס, ווייל איך דאַרף טהון עטוואָס אַ נ ד ע ר ש.

זיין! אויב דו האסט ל י ע ב דארפסטו זיך אברופען אין ג א נ צ ע ן
אויף דער ליעבע, וואס שטעלט דיר פאדערונגען אין געוויסען מאמענט.
„די ליעבע איז נור אין ג ע ג ע נ וו א ר ט, ווער עס האט אין זיך
נישט קיין ליעבע אין געגענווארט האט אין זיך אינגאנצען קיין ליעבע
נישט; 3) אינ׳ם מענשען איז פארהאן א בהמ׳שע נאטור און א געט-
ליכע נאטור. די בהמ׳שע נאטור זוכט פ ע ר ז ע נ ל י כ ע ן גליק,
פערגעניגענס, מאכט זאט און פעט דעם אייגענעם גוף אויפ׳ן חשבון
פון אנדערע לעבענס; די געטליכע נאטור שטרעבט אבער צום וועלט-
שכל, צו דער וועלט-ליעבע, ליעב-האבען אלעס, וואס לעבט, ווייל
אלץ איז א ערשיינונג פון גאט; 4) דער זין פונ׳ם מענשענס לעבען
בעשטעהט אין דעם, אז ער זאל איבערווינדען אין זיך די בהמ׳שע
נאטור און ענטוויקלען דורך ליבע און דורך שכל זיין ג ע ט ל י כ ע
נאטור, און דעריבער מוז דער מענש נישט נור גוט זיין, נור אויך
הייליג און ריין זיין, דאס געטליכע אינ׳ם מענשען ליידט נישט קיין
וואכעדיגקייט און קיין טומאה. די גראבע פערגניגענס ציהען דעם
מענשען צו זיין בהמ׳שער נאטור. די הייליגקייט, ווען זי איז דורכ-
געדרונגען מיט ליעבע צו מ ע נ ש ע ן, פיהרט זי — צו אייביגקייט;
5) דעריבער מוז אלס א י ד ע א ל ארויסגעשטעלט ווערען: פ ר י ש ו ת.
ווער עס קען דארף זיך דערווייטערען א י ן ג א נ צ ע ן פונ׳ם גע-
שלעכטס-לעבען. ווער עס קען נישט מוז אלענפאלס די געשלעכטליכע
פערהעלטענישען פערשענערען און פעראיידעלען; 6) דער וועג צו
ליעבע געהט דורך רחמנות; דער וועג צו פרישות איז דורך איינהאלטען
זיך, דורך בעהערשען די ליידענשאפטען; דער וועג צום שכל, צום
געטליכען שכל, געהט דורכ׳ן ק ל א ר ע ן דענקען, דורך ריינעם, קלא-
רען געוויסען, — דעריבער דארף דער מענש קיין פלייש נישט עסען,
ווייל מען בעקומט עס דורך מורא׳דיגע אכזריות; דעריבער דארף זיך
דער מענש היטען פון יעדער זאך, וואס רייצט אים, רעגט אויף,
פיהרט ארויס פון געדולד, ווייל דאן פערלירט ער זיך; דעריבער דארף
ער זיך היטען פון רויכערען, בראנפען טרינקען, פון אלערליי נארקא-
טישע מיטלען, ווייל דאס פערדונקעלט דעם מוח, פערטומעלט דעם גע-
וויסען; 7) דער מענש, וואס לעבט אין ליעבע, אין גאט, דארף זיך
דערווייטערען פון אלערליי אויסערליכע מצוות און מנהגים, ווייל זיי
טיילען פונאנדער פאלק פון פאלק, מענש פון מענש; 8) דער מענש,
וואס וויל זיין געוויסען נישט פערטויבען, דער וואס וויל זעהן קלאר,

ווי ער לעבט און פֿון וואַנען ער לעבט, מוז זיך דערווייטערן נישט נאָר פֿון מסחר און פֿון קאַפּיטאַל אין אַלערליי פֿאָרמען, נאָר אויך פֿון אינטעליגענטע פּראָפֿעסיעס, ווייל דאָס אַלץ זענען נאָר היטרע און פֿערוויקעלטע מיטלען, ווי אַזוי נישט צו טהון גאָרנישט, לעבען רייך אויפֿ'ן חשבון פֿון פּויערן און אַרבייטער. לעבען מוז מען דערייבער נאָר פֿון פֿיזישער אַרבייט, בעזונדערס פֿון ערד־אַרבייט; 9) דער מענש, וואָס לעבט אין גאָט באמת, דאַרף קיין אָנטייל נישט נעהמען אין אַלץ, וואָס מען רופֿט איצט אָן „געזעלשאַפֿטליך לעבען", ווייל אַלץ איז איצט געגרינדעט אויף מלחמה, שנאה און קנאה, גראָבע תענוגים, דריקען שוואַכע, די אָרעמע, די פּויערן, די אַרבייטער; 10) ווען עס וועלען ווערען פֿיל אַזעלכע, וואָס וועלען קיין אָנטייל נישט נעמען אין'ם איצטיגען געזעלשאַפֿטליכען מעכאַניזם, אַז עס וועלען ווערען פֿיל אַזעלכע מענשען, וואָס לעבען לויט די דערמאָנטע פּרינציפּען, וועט ממילא, אָהן שום עוֹלות און בלוט־פֿערגיסונגען, אומגעביטען ווערען די איצטיגע וועלט און עס וועט אָנקומען „גאָטס־רייך", די „ממלכת שמים", הייסט דאָס...

איך פּערזענליך קען אָט די דערמאָנטע פּרינציפּען בשום אופֿן נישט מבטל זיין מיט „עט" און „ווייס איך וואָס אַ פֿאַנטאַסט רעדט דאָרטען", ווייל אין אייניגע פֿון זיי געפֿין איך אַ גרויסע נאָהנטקייט צו פֿערשידענע ערטער פֿון אונזערע נביאים און ווייל איך האָב אַ בעזונדערע סוביעקטיווע בייגונג צו זיי.

און דאָך, נאָכ'ן קלאָרען און פֿיל־זייטיגען דענקען, זוכען און פֿרעגען אונזערע אַלטע מקורים, נאָכ'ן זעהן און בעאָבאַכטען אַלץ אַרום און צרום, נאָכ'ן אַריינדרינגען אין לעבען און אין די פֿער־העלטענישען פֿון לעבען, קום איך צום בעשלוס, אַז דער יודי־שער היסטאָרישער אידעאַל שטעהט דאָך לאין־ערך העכער פֿון די אַלע בעסטע נייע רעליגיעזע שטרעבונגען.

אמת טאַקי, דאָס טאָלסטאָי'ס אידעאַל איז נאָהנט צום אידעאַל פֿון די נביאים דורך דעם, וואָס ער שטרעבט צו אַ „מלכות שמים".

מיר שיידען זיך אָבער פֿונאַנדער פֿון טאָלסטאָי'ען אין די עצם וועגען, וואָס פֿיהרען צו מלכות־שמים. טאָלסטאָי צייכענט אָן נאָר די לעצטע עטאַפּען און ווייזט באמת נישט קיין וועג, ווי אַזוי צו קומען דערצו. ווען מען פֿרעגט טאָלסטאָי'ען וועגען דער שווערקייט צו לעבען אַזוי ווי ער הייסט, ענטפֿערט ער: דאָס איז אַן אידעאַל.

אַן׳אִידעאַל אִיז אוּנענדלִיך. מען דאַרף געהן צוּ אִים, יעדער נאָך זיינע קרעפטען־נאָך. ווען מען פרעגט טאָלסטאָי׳ען: פאַר וואָס לעבט ער זעלבסט נִישט לויט זיינע אִידעאַלען? פאַר וואָס אִיז בײַ איהם אַליין אַ קִינד געבוירען געוואָרען נאָך „קרייצעראָוואַ סאָנאַטאַ״? פאַר וואָס האָט ער זיינע גִיטער דער ווייב אָנגעשרִיבען און האָט זיי נִישט צוטיילט? ענטפערט ער ווייטער: דער אִידעאַל אִיז אוּנענדלִיך, דער מענש אִיז שוואַך...

טאָלסטאָי וואָלט אפשר גערעכט זיין, ווען מען וואָלט בעמערקען אִין דער געזעלשאַפט כאָטש אַן׳ערנסטע שטרעבוּנג צוּ לעבען אַזוי ווי ער הייסט, כאָטש אַן׳אָנהויב פוּן אַזאַ לעבען עס הויבט זִיך אָבער גאָר נִישט אָן. פוּן די „טאָלסטאָווצעס״ פוּן די עטלִיכע אִינטעלִיגענטען, וואָס האָבען געפּרוּבט לעבען אַזוי, אִיז גאָר נִישט געוואָרען. פאַראַן נאָר עטלִיכע פִינסטערע פויערען, דוּחאָבאָרען, וואָס פּרוּבען טאָלסטאָי׳ס אִידעאַלען פערווִירקלִיכען. זיי ווערען אָבער אויך אָבגעשוואַכט, און סוֹף־כּל־סוֹף ווערט פוּן זיי אויך גאָרנִישט...

טאָלסטאָי מיינט, אַז מען קען מענשען אויפהויבען דוּרך קלאָרע געדאַנקען, דוּרך קלאָרע עטִישע סִיסטעמען, — ווען עס וואָלט אַזוי געווען וואָלט שוין לאַנג די ישועה געקוּמען. ווענִיג שענע און גוּטע עטִישע סִיסטעמען האָט שוין די וועלט געהאַט?

אָט אִיז געווען, למשל, אַ שפִּינאָזאַ מִיט זיין וואוּנדערבאַרען פִילאָזאָפִיש־עטִישען סִיסטעם, העגעל האָט געזאָגט: „עס גִיבט קיינע העכערע מאָראַל, אַלס די מאָראַל שפִּינאָזאַס״.

אָט אִיז געווען, נאָהענט צוּ אוּנזער דור, דאָס גרויסע פִילאָזאָפִישע עטִישע סִיסטעם פוּן קאַנט, און נאָך אִים; אַ גרויסע מחנה פוּן וועלט־פִילאָזאָפען און גרעסטע מאָראַלִיסטען.

און — עולם כּמנהגו נוהג! די וועלט ווערט פוּן דעם אויף קיין איין האָר נִישט גערִיהרט. די וועלט ווערט אפשר גערִיהרט אִין סאָצִיאַלען זִין, אָבער בשום אופן נִישט אִין מאָראַלען זִין...

די יוּדִישקייט האָט אָבער אַן׳אַנדער וועג להלוּטין. אוּנזער לעצטער צִיל אִיז אויך: מלכות־שמים, מִיר דערמאָנען עס יעדען טאָג פִיל מאָל אִין אוּנזערע תפלות. מִיר זאָגען אָבער, אַז דער מענש קען דערהויבען ווערען דוּרך געווִיסע טרעגער פוּן דער געטלִיכער אִידעע, דוּרך אַ „גוֹי־קדוֹש״ און דער הויפּט דוּרך עבודה פוּן טויזענדער יאָהרען, דוּרך יסורים־לייטערוּנג, דוּרכ׳ן שטרענגען, ריינעם

פֿאַמיליען-לעבען, געזעלשאַפֿטליכען לעבען, דורך רעגולירען די תאוות מיט פֿערשידענסטע דינים דורכ'ן טיפֿען אַריינדרינגען אין דער טבע פֿונ'ם מענשען, פֿאָדערען, וואָס מען קען פֿאָדערען, און נישט פֿאָדערען דאָס, וואָס מען קען נישט פֿאָדערען...

אָט דאָס איז דער אונטערשיד צווישען טאָלסטאָי'ס אידעאַל און אונזער יודיש-היסטאָרישען אידעאַל אין אַלגעמיין. פֿרעגט זיך: אין וואָס געהן מיר זיך פֿונאַנדער בפֿרט? — דערויף וועט אינ'ם ווייטערדיגען בריף געענטפֿערט ווערען,

---

VI

איך וועל נישט אַריינגעהן אין צו ווייטע חקירות, וועגען די ענד-ציִלען פֿון יודענטום אין פֿערגלייך מיט די ענד-ציִלען פֿון טאָלסטאָי. איך מוז אָבער פֿיל-וועניג בעריִרען די פֿראַגע.

אָט, האָט איר למשל, וואָס אייניגע פֿון אונזערע רעליגיעזע אויטאָריטעטען האָבען געטראַכט וועגען דער גרויסער צוקונפֿט.

„אַז עס וועט אָנקומען דער וואונדערבאַרער שלום (פֿון (וגר זאב עם כבש...”) וועט בטל ווערען דער גאַנצער מסחר (לקוטי מוהר”ן).

„פֿלוצלינג וועט ווערען אַ גרויסער רעש אויף דער וועלט: „משיח איז געקומען” — און יעדער מענש וועט זיינע געשעפֿטען לאָזען. די וועלט וועט זיין די זעלבע וואָס איצט, נאָר יעדער מענש וועט זיך אָנהויבען שעמען מיט זיינע מעשים”... (שבחי מוהר”ן).

„ווען יודען וועלען פֿון גלות אַרויס און עס וועט אין זיי מקוים ווערען: ה׳ בדד ינחו ואין עמו אל נכר”, וועלען די יודען שוין מעהר נישט געשפייזט ווערען פֿונ'ם עץ-הדעת טוב ורע, מען מעג און מען טאָר נישט, ריין און אומריין, נאָר פֿונ'ם עץ החיים, וואָס דאָרטען איז נישטאָ קיין קושיות, קיין מחלוקת, קיין אסור והיתר”... (זוהר ר”מ פ׳ נשא).

אייניגע גרויסע יודישע אויטאָריטעטען ווילען אפילו האָבען, אַז דעם עול מצוות וועט מען אייביג און אייביג דאַרפֿען טראָגען,

אָהן דעם קלענסטען שנוי (רמב״ם הלכות מלכים, רשב״א אויף אגדות, דער רב אין „אגרת הקודש).

דער תלמוד זאָגט אָבער בפירוש: „מצוות בטלות לעתיד לבוא״ (לעתיד לבוא וועלן מצוות נישט זיין) און — „כל המועדים בטלים חוץ מפורים (אלע ימים טובים וועלן בטל ווערן אויסער פורים), וכדומה.

דער רב מלאדי וויל האָבען, אז דאָס געהט אַלץ, נאָר אויף נאָך תחית-המתים. מיר זעהען אָבער, אז ס׳רוב וואו עס ווערט דער-מאָנט „לעתיד לבוא״ געהט עס אויף ימות-המשיח.

ווי די זאַך איז, זעהט מען דערפון, ווי אונזערע גרויסע רע-ליגיעזע אויטאָריטעטען האָבען געקוקט אויף דער ווייטער צוקונפט פון יודענטום, אויפ׳ן גרויסען „לעתיד-לבוא״, ווי זיי רופען דאָס.

וואָס הייסט אָבער „לעתיד לבוא״, אָדער „ימות המשיח״?

„לעתיד לבוא״ אָדער „ימות המשיח״ איז יענע צייט, ווען דער מענש וועט שוין שטעהן אויף דער העכסטער שטופע, וואָס קען נאָר געבען, ווען ער וועט שוין טאַקי זיין זהב טהור, אויסגעלייטערט, אויסגעאיידעלט, שען און הייליג אַזוי, דאָס קיין זאַך וועט איהם נישט דאַרפען דערמאָהנען אָן גאָט, ווייל ער וועט לעבען איינגאַנצען אין גאָט. אָבער נישט — איצט ווען דער מענש האָט אין זיך נאָך אַזוי פיל חיה און בהמה און עס ציהט אים נאָר צו שלעכטע מעשים און כל׳ערליי געמיינהייטען; נישט איצט, ווען די פויסט הערשט אַזוי שטאַרק און שטיקט און דריקט אַלעמען; נישט איצט, ווען דאָס גאַנצע לעבען אַרום און אַרום איז פול טומאה, שקר און אכזריות; נישט איצט, ווען דעם מענשענס נאַטור בכלל איז נאָך אַזוי נידעריג, אַזוי קליין, אַזוי מאוס, אַזוי מגושמ׳דיג; נישט איצט, ווען „דער מענש האָט אין זיך נאָך אַזוי פיל אַפּפּע מעהר פון אַלע אַפּפּען פון דער וועלט״...

איצט מוז נאָך ערשט דער מענש דערצויגען ווע-רען געוואוינט ווערען צו גוטס, דיסציפּלינירט זיין דורך גע-זעצען און עס מוזען אים דערמאָנען סימבאָלען אָן דעם העכערען און שענערען זיין פונ׳ם לעבען.

איצט, ווען מען קומט אים זאָגען ווי טאָלסטאָי זאָגט: ווער פריי, וואַרף אַלץ אַראָב פון זיך, הער נאָר גאָטס שטימע, וואָס ביי דיר איז אין האַרצען — לאַכט זיך דער מענש אויס, אָדער

ער פּאָלגט טאַקי, ער וואַרפט אַלץ אַראָב פון זיך, ער הערט אָבער נישט, „גאָטס שטימע אין האַרצען”, ווייל ער האָט גאָר קיין גאָט אין האַרצען נישט, אָדער ער פּאָלגט כלומר׳שט, למראות־עין נאָר, און ווערט — אַ צבוע...

איצט לאָמיר־זשע זעהן די ערציהונגס־קראַפט פון מצוות, פון שטרענגע דינים אין ריינעם מאָראַל־לעבען. די מצוות מאַכען דעם מענש נישט מיט אַ מאָל פאַר אַ קדוש. יודישקייט הייסט דעם מענשען נישט אין הימעל שפּרינגען. דו דאַרפסט נאָר טהון וואָס דו קענסט. „אין הקדוש ברוך הוא בא בטרוניא על ברואים” (גאָט טיראַניזירט זיינע ברואים נישט), ביזט נישט מחויב דיין גאַנצען אייגענטום אָבגעבען. ביזט נישט מחויב די גאַנצע וועלט גליקליך מאַכען. קענסט און מעגסט זיך מיט מסחר בעשעפטיגען כל זמן דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע לעבען איז נאָך אויף דעם גע־גרינדעט, דאַרפסט פון דער וועלט נישט אַוועק געהן, די וועלט איז אַ גוטע וועלט, אַ שענע וועלט. זי איז — גאָטס גאָב.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז נעהמען אָבער די מצוות דעם מענ־שען אַרום אַזוי, אַז ער ווערט וואָס ווייטער, ווייטער אַלץ שענער און שענער, בעסער און בעסער, און ער ווערט אַלץ נאָנטער און נאָנטער צום טיפּוס משיח־מענש...

אָט לאָמיר נעהמען אַ קליינעם ביישפּיל, וועלכען מיר האָבען אין פריהערדיגע בריף דערמאָנט. דער יודישער דין זאָגט, אַז מען טאָר נישט צוטיילען מעהר ווי אַ פינפט־חלק פון׳ם פער־מעגען. טאָלסטאָי זאָגט, אַז ווען די ליבע צו מענשען פאָדערט — דאַרף מען דאָס גאַנצע אייגענטום אָבגעבען. לאָמיר אָבער אַ קוק טהון, ווי עס קומט פאָר אין דער ווירקליכקייט. דער דערמאָנטער דין איז פון יענע דינים, וועלכע געהערען צו דער קאַטעגאָריע „באושא התקינו”, דאָס הייסט: אַז אונזערע חכמים האָ־בען דאָס מתקן געווען אין דער שטאָדט אושא. און ווי באַלד אַז מען האָט אין אושא געמוזט אַזאַ דין מתקן זיין, איז דאָך די משמעות, אַז דאַן האָבען זיך געפונען פיל, וואָס האָבען צוטיילט מעהר ווי אַ פינפט־חלק פון זייער אייגענטום. האָט מען געגען דעם אַ „תקנה” געמאַכט — איז דאָך קענטיג, אַז עס זענען גע־ווען פיל יודען, וואָס האָבען עס יאָ געטהון...

האָבען זיך, אַלזאָ געפינען פיל יודען, וואָס האָבען זייער

גאַנץ האָב און גוטס מפקיר געווען פאַר אונגליקליכע, פאַר די, וואָס זענען געווען געיאָגט פונ׳ם רוימישען שונא, און פאַר סתם אָרימע לייט.

ווען טאָלסטאָי וואָלט אָבער צוטיילט נישט דאָס גאַנצע, נאָר כאָטש אַ צ ע ה נ ט-חלק פון זיין פערמעגען די אָרימע פויערן, וואָלטען דאָך יענע זעהר זעהר און זעהר צופרידען געווען...

די „ליבע אָ ה ן השבונות” פון טאָלסטאָי האָט אים געבראַכט דערצו, אַז ער האָט זיין גאַנץ פערמעגען אָבגעשריבען — דער ווייב; און די „ל י ב ע מ י ט חשבונות” פונ׳ם יודענטום האָט געבראַכט אַ סך יודען דערצו, אַז זיי האָבען זייערע גאַנצע פערמעגענס צוטיילט.

און עס איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען ווי אַזוי די יודישע גדולים האָבען זיך בכלל פערהאַלטען צו „ליבע מיט חשבונות”, כאָטש דער אָפיציעלער דין הייסט עס.

אָט ווייזט אויף דער רב מלאַדי אין איין בריף פון זיינע „אגרת הקודש”, אַז ווען דער צווייטער מענש האָט נישט קיין ה כ ר ח י ו ת, דאָס הייסט ווען אים פעהלט ברויט אָדער וואוינונג, מוז דער האָבענדער אים אַ ל ץ אָבגעבען און דאַרף זיך מיט קיין זאַך נישט רעכענען...

און ווער עס האָט גוט געקענט דעם אַמאָליגען טיפ פונ׳ם יודישען בעל-צדקה, יענער קען פיל אַזעלע בעל-צדקות, וואָס האָבען די לעצטע העמד זייערע אָרעמע לייט אָבגעגעבען. געווען פיל אַזעלכע, וואָס האָבען זייער ג אַ נ צ ע ן פערמעגען צוטיילט אַזוי, און אַלע אָהן רעש, אָהן אַ האָר צו רימען זיך דערמיט, זאָגאַר אָהן אַ געפיל, אַז מען טהוט עפּעס אונגעוועהנליכס. אדרבה! מען פלעגט עס טהון מיט דער גרעסטער פּ ש ט ו ת, מיט דער גרעסטער תמימות; זיי האָבען גאָר נישט פערשטאַנען, ווי קען זיין אַנדערש...

און דעריבער זאָג איך: מיר געהן זיך צונויף מיט טאָלסטאָיען און נאָך אַזעלכע בלויז אין די ל ע צ ט ע צילען. דער וועג צו יענע צילען איז אָבער נאָר דער י ו ד י ש ע ר וועג. דאָרטען איז שענע ווערטער און שענע געדאַנקען; דאָ איז — מ ע ש י ם.

VII

איך האָב אַלזאָ פאָרמולירט די פערהעלטניס פונ׳ם יודענטום צו טאָלסטאָי און אַנדערע גרויסע קריסטליכע מאָראַליסטען.

אונזערע ענד־צילען זענען די זעלבע, אונזערע וועגען זענען אָבער פערשידענע, זיי מיינען דערגרייכען זייערע צילען דורכ׳ן בלויזער מאָראַל, דורך שענע געדאַנקען, דורך שענע ווערטער, דורך צופעליגע שענע מעשים; מיר, יודען, מיינען אָבער, אַז די גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע, וועלכע בעשטעהט אין דעם, אַז פונ׳ם מענש־חיה זאָל סוף כל־סוף ווערען מענש־משיח, קען אויסגעפיהרט ווערען נאָר דורך שטרענגע שטענדיגע מעשים, דורך אַ שענעם, ריינעם און הייליגעס לעבען פון אַ פאָלק אינ׳ם משך פון טויזענדער יאָהרען.

ווי־זשע פערהאַלט זיך אָבער דאָס יודענטום צו אַלערליי גרויסע בעוועגונגען און געדאַנקען־וועלט־איבערקעהרערישע?

ווי פערהאַלט זיך דאָס יודענטום צו דער גרויסער אַרבייטער־בעוועגונג, צום סאָציאַליזם, אַנ׳אַרכיזם און נאָך אַזעלכע איבערקעהרעניש בעוועגונגען?

אמת טאַקי, דאָס אין דער פראַקטיק זעהן מיר, אַז דער איצטיגער אָרטאָדאָקסישער יוד האַסט כמעט אַלע נייע געזעלשאַפטליכע בעוועגונגען. דערפון איז אָבער נאָך קיין ראיה נישט, אַז דאָס יודענטום פאָדערט דאָס פון אים; ערשטענס, איז דער איצטיגער פון צרות פערשטיינערטער און פערציטערטער אָרטאָדאָקס גאָרנישט דער איינציגער פאָרשטעהער פון יודענטום, און, צווייטענס, האָבען די פאָרשטעהער פון די „בעוועגונגען” אָנגעמאַכט אין דער יודישער גאַס אַזאַ חורבן, אָנגעטהון אַזוי פיל צרות, געררודפ׳ט און געפייניגט דעם יודען און דאָס יודישקייט אויף אַזוי פיל, אַז ס׳וואָלט געווען דער גרעסטער חדוש, ווען דער יוד זאָל זיך איצט בעציהען צו זיי אָהן שנאה. צו דער מדרגה פון ליב־האָבען אַ שונא איז נאָך דערווייל קיינער נישט געקומען כאָטש פיל רעדען וועגען דעם...

נישט וועגען דעם יודען רעד איך אַלזאָ, נאָר וועגען יודענטום: ווי פערהאַלט זיך דאָס ריינע און טיפע יודענטום צו אַלערליי בעוועגונגען און איבערקעהרענישען?

בכדי צו געבען אַ קלאָרע תשובה אויף אָט דער פראַגע

מוז מען די פראַגע אַנאַליזירען, פונאַנדערנעהמען זי חלקים־וויַיז, צוטיילען זי אויף פיל בעזונדערע פראַגען, דאָם יודענטום האָט במעט צו יעדער מין בעוועגונג אַנ׳אַנדער פערהעלטעניש...

איך וויל דאָ פּרובען אַנאַליזירען די דערמאָנטע פראַגע און בעטראַכטען, ווי אַזוי דאַרף דער אמת׳ער, דענקענדער גאַנצער יוד פערהאַלטען זיך צו יעדער ערשיינונג און שטרעבונג בעזונדער.

און בכדי די זאַך וואָס קלערער און וואָס פערשטענדיגער צו מאַכען, וועל איך עס געבען אין דער פאָרם פון קורצע שאלות־ותשובות:

1) די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטליכע בעוועגונגען שטרעבען צו אויפהויבען, פערבעסערען און פערשענערען דעם מענשענס לעבען, ווי פערהאַלט זיך די יודישקייט צו אַזאַ שטרעבונג?

— די תורה, וואָס האָט געזאָגט: „ובחרת בחיים״ די תורה וועלכע איז פון לעבען גענומען, איהרע וועגען זענען דרכי־חיים און איר ענד־ציל איז לעבען — אַזאַ תורה איז אין גאַנצען פאַר אַלע בעסטע פּראָגרעסיווע שטרעבונגען.

2) די בעסטע פּראָגרעסיווע עלעמענטען ווילען שטיצען די שוואַכע, די רעכטלאָזע און אונטערדריקטע, שפּייזען די הונגעריגע, אויפהויבען די געפאַלענע, — ווי פערהאַלט זיך די יודישקייט צו דער שטרעבונג?

— אָט די שטרעבונג, אָט די טעטיגקייט, — אין דעם איז דאָך די גאַנצע תורה, אַלע נביאים (זעה מיכה ו׳ ז׳—ט; ישעיה ב״ה ו׳—י׳).

3) די בעסטע פּראָגרעסיווע עלעמענטען בענוגענען זיך נישט מיט דעם, וואָס דער מענש וועט זיין זאַט, אָנגעטהון, רוהיג, געזונד, פרעהליך, — זיי ווילען אויך, אַז דער מענש זאָל זיין פריי פון יעדען דרוק, — ווי פערהאַלט זיך די יודישקייט צו דער אידעע פון פרייהייט? —

— די זעלבע נביאים, וואָס רעדען וועגען ברויט פאַר הונגעריגע, וועגען קלייד פאַר נאַקעטע, וועגען וואוינונג פאַר עלענדע וואַנדערער, רעדען אויך וועגען בעפרייען די אונטערדריקטע, וועגען צוברעכען דעם שווערען, אונטערטרעגליכען יאָך (זעה ישעיה דאָרט).

די תּורה הייסט דעם מענשען אונטערגעבען זיך אַלע געזעצען, פּינקטלעך און ערלעך מקיים זיין זיי; אָבער דאָך קיין קנעכט נישט זיין.

דער תּלמוד זאָגט: „עבדי הם — ולא עבדים לעבדים" (זיי זאָגען מיינע קנעכט, — און נישט קנעכט צו קנעכט).

4) די פּראָגרעסיווע עלעמענטען, קעמפענדיג פאַר אַ בעסערער צוקונפט, בענוצען אין זייער קאַמף אויך גוואַלד־טהאַטען, אכזריות, שלעכטקייט. זיי רופען עס: „גוואַלד געגען גוואַלד". ווי פערהאַלט זיך די יודישקייט צו דעם?

— אין פּלוג האָט די תּורה געגען דעם גאָרנישט, די תּורה זאָגט אויך: „ובערת הרע מקרבך", אויסראָטען דאָס שלעכטס מיט אַלערליי מיטלען. דאָס איז אָבער נאָר אין פּלוג, אין אמת'ן אָבער איז די יודישע מיינונג אין דער הינזיכט גאַנץ נאָהנט צו טאָלסטאָי'ס שיטה: נישט קעמפּפען געגען שלעכטס מיט שלעכטס...

ווען מען דאַרף אַ שעדליכען עלעמענט בעזייטיגען, ווען די תּורה הייסט עס יאָ, איז עס אָבער דוקא נאָך דער שטרענגסטער דרישה וחקירה און דוקא דורך אַ בית־דין, און דוקא, בעת עס איז נישטאָ קיין קלענסטער ספק אין יענעמס זינד, און דוקא דאַן, ווען אפילו דער שאַרפסטער מוח קען אויף אים קיין זכות נישט געפינען...

און, סוף־כל־סוף, ווען אַ בית־דין הרג'ט אַ מענשען איינמאָל אין זיבעציג יאָהר, הייסט ער אַ רצחן, (בית דין ההורגת אחת לשבעים שנות נקראת קטלנית).

און איצט, ווען יודען טאָרען נישט, לויט זייער דין, משפּט'ן קיין דיני־נפשות, איז די פּראַגע אין גאַנצען אַראָב. במעשה טאָרען מיר קיין שום גוואַלד־טהאַט געגען קיינעם נישט בעגעהן.

5) ווי באַלד, אַז מיט גוואַלד־טאַטען טאָר מען זיך כמעט קיינמאָל נישט בענוצען, — ווי אַזוי־זשע וועלען די שלעכטע לעבענס־בעדינגונגען אומגעביטען ווערען? ווי אַזוי וועלען די הונגעריגע זאַט ווערען, די אונטערדריקטע — בעפרייט ווערען?

— נאָר דורך אַרבייט פון דורי־דורות, דורך אויפקלערונג, דורך בילדונג, דורך אויסבילדען דעם מענשענס כאַראַקטער, דורך אחדות, דורך שלום, דורך אהבה, דורך אַ לעבעדיגע, ערנסטע און טיפע פערבינדונג צווישען מענשען, דורך ווידערשטעלען זיך

געגען דעם שונא נישט מיט גוואַלד-טהאַטען, נור מיר דער קראַפט פון איבערצייגונג, גלויבען, טעטיגקייט...

אינ'ם י ו ד י ש ע ן אידעאַל איז דער ענד-ציל, דער „והיה באחרית הימים", ענג פערבונדען מיט דעם פראָגרעס פון ו י ס ע נ ש אַ פ ט, פון ד ע ר ק ע נ ע ן, פון ב ע ו ו א ו ס ט ז י י ן, פון „ומלאה הארץ דעה".

6) ווי בעציהט זיך דאָס יודענטהום צו רייכע און אָרעמע, קאַפּיטאַליסטען און אַרבייטער?

— די נביאים, ווי בעוואוסט, זענען בעפאַלען מיט זייער גאַנצער קראַפט, מיט'ן גאַנצען פייער פון זייערע נשמות די „עשירים" פון זייער צייט.

דאַן, אין דער צייט פון די נביאים, פלעגט דאָס רייכטהום ער־וואָרבען-ווערען אויפ'ן ערגסטען אופן, דורך איינפאַכען אָבנעהמען; דער, וואָס איז געווען שטארקער, האָט אָבגענומען ביים שוואַכען. דער מסחר איז נאָך דאַן געוועזן ווייניג ענטוויקעלט, די עשירות איז בעשטאַנען אין ערד, פיה און מענשען-קנעכט, וועלכע מען פלעגט ע"פ רוב אָבנעמען ביי די שוואַכערע, און דאַרום איז ביים נביא געוועזן דער „עשיר" (רייכער) אַ שם-הנרדף מיט „רשע" („ויתנו את ר ש ע י ם קברו ואת ע ש י ר במותיו").

אין דער צייט פון די בעלי התלמוד, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען אַ מסחר און דאָס רייכטהום האָט זיך אָנגעהויבען בילדען פון פעהיגקייט, ענערגיע און אַרבייט, און דערצו האָבען זיך אויך געפונען בעווייזען אַזעלכע יודישע רייכע לייט, וואָס האָבען זייער רייכטהום בענוצט צו צדקה און פיעל גוטס, זעהן מיר שוין אַנ'אַנדער בעציהונג צו עשירים. דאַן געפינען מיר שוין, למשל, אַזעלכע אויסדריקען ווי „רבי מכבד עשירים".

צו די ש ל ע כ ט ע עשירים איז אָבער געבליבען ביי די בעלי התלמוד דער זעלבער האַס אַזוי ווי ביי די נביאים. אַזוי געפינען מיר, למשל, „עתירי בבל יורדי גיהנם הם", ווייל די „עתירי בבל" האָבען זיך, ווי ס'ווייזט אויס, אויסגעצייכענט מיט זייער שלעכטסקייט. נאָך שפעטער, אין די ימי-הבינים, ווען אין די יודישע קהילות האָט זיך אויסגעבילדעט דער געוויסער טיפּ פון „פרנס" און נדבן, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט וואונדערבאַרע מעשים טובים און צדקות, וואָס קיין אומה ולשון האָט דאָס נישט פערמאָגט, האָט זיך יעדער געמוזט בעציהען צו זיי מיט'ן גרעסטען דרך-ארץ און כבוד.

נאָך שפּעטער אָבער, ווען דער דאָזיגער שענער און אידעאַלער טיפּ פון אַ יודישען פּרנס, איז ליידער, פּערוואַנדעלט געוואָרען אין בעוואוסטען טיפּ פון אַ „ראש הקהל", וועלכער איז געוואָרען יד אחת מיט די „חאַפּערס", האָט זיך ווידער דערוועקט יענער האַס און שנאה צו די עשירים, וועלכע דריקען זיך אויס אין דער נייער יודישער ליטעראַטור, ווי ביי מענדעלע מוכר ספרים און אַנדערע.

בכלל קען מען אָבער זאָגען, אַז דאָס יודענטום האָט זיך בעצויגען צום רייכען לויט זיין אויפפיהרונג און זיינע מ ע ש י ם. האָט ער זיין רייכטום בענוצט צו מעשים טובים, איז ער געווען בעליעבט און געעהרט; ווען נישט-איז ער געווען, פערקעהרט, פערהאַסט און פערפיינדט.

בנוגע ווידער אָרעמע, און בעזונדערס אַרבייטער, איז, דאַכט זיך, כמעט איבעריג צו בעווייזען, ווי ווייט דאָס יודענטום האָט זיך בעצויגען צו זיי מיט ליעבע און אַכטונג. תורת משה איז פול מיט מצוות פון צדקה (לקט, שכחה, פאה, מעשר עני) און אזהרות וועגען בעגעהן זיך מיט אָרעמע לייט, מען זאָל זיי נישט דריקען, שטענדיג העלפען, געלד-לייען, קיין פּראָצענט נישט נעהמען, בעשיצען פון תקיפים. נאָך מעהר: דאָרט, וואו עס הערשט אפילו דער שטרענגסטער דין, ווען דער אָרעמאַן, למשל, לייט געלד און מוז אָבצאָהלען, מוז מען איהם זיין משכון בייגאַכט אומקעהרען, אויב דער משכון איז אַ קלייד, וואָרום „במה ישכב" (אויף וואָס וועט ער ליגען?)

ר' שמואל דוד לוצאַטו האָט זעהר ריכטיג בעמערקט, אַז אַ זאַ מין פערהעלטניס צו אָרעמע-לייט איז ניט געווען ביי קיין אומה ולשון, אַריינטראָגען ר ח מ נ ו ת אין ריינע י ו ר י ד י ש ע אָנגעלעגענהייטען,—דאָס געפינען מיר נאָר אין תורת-משה.

צו מלאכה און בעלי מלאכה האָבען זיך די בעלי-התלמוד פערהאַלטען מיט דער גרעסטער ליעבע און אַכטונג. זיי זאָגען אַזוי: „גדול הנהגה מיגיע כפו יותר מירא שמים" (דער וואָס לעבט פון זיין האַנדאַרבייט איז העכער פון אַ ירא שמים); „גדולה מלאכה שמכבדת את בעליה" (הויך איז די מלאכה, דען זי גיעט עהרע איהר בעזיצער). מיר געפינען אין תלמוד זעהר פ י ע ל אַזעלכע מאמרים.

די בעלי-התלמוד האָבען זייער ליעבע אין פּראַקטיק בעוויזען: אַ היבשער טייל פון די בעלי-התלמוד זענען בעלי-מלאכות געווען (רבי יהושע, רבי יוחנן הסנדלר, רבי יצחק נפחא, קרנא וכדומה).

נאָך שאַרפער און נאָך ערנסטער זעהען מיר די ליבע צו אַר־בייטער אין די דינים, וואָס רעגולירען די סכסוכים צווישען אַרבייטער און בעלי־בתים. דער בעל־הבית טאָר קיין חרטה ניט האָבען; דער אַרבייטער מעג אַפילו אין מיטען טאָג חרטה־האָבען („פועל יכול לחזור בו אפילו בחצי היום"). ווען דער בעל־הבית דאַרף דעם אַרבייטער עסען געבען, דאַרף ער מיט איהם פריהער אָברעדען וואָס צו געבען איהם; ווען ניט — איז ער קיינמאָל ניט יוצא, ער מעג אַפילו מאַכען פאַרן אַרבייטער אַ „סעודת־שלמה", ווייל אַלע יודען זענען זעהר גרוי־סע מיוחסים, קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב...

7) ווי בעציהט זיך אָבער דאָס יודענטום צו פריוואַט־אייגענטום; צי רעכענט זי די דאָזיגע עקאָנאָמישע פאָרם פאַר אַ שטענדיגע, אייביגע?

— ווי מיר האָבען שוין דערמאָהנט, האָבען פיל יודישע רע־ליגיעזע אויטאָריטעטען אויסגעדריקט זייער האָפנונג, אַז „לעתיד לבוא", ווען די מענשהייט וועט קומען צו איהר העכסטען ציל, וועט דער מסחר בטל ווערען און דאָס „מיינע־און־דיינע"־סיסטעם וועט בטל ווערען.

ס'האָבען זיך זאָגאַר שוין גאַנץ לאַנג געפונען אַזעלכע יודען, ווי די איסיים, וואָס האָבען געוואָלט לעבען אין גאַנצען אין גאָט, האָבען מבטל געמאַכט דאָס פריוואַט־אייגענטום און געלעבט צוזאַמען. אַלץ האָט געהערט צו דער גאַנצער געזעלשאַפט.

פון די איסיים איז אָבער גאָר נישט געוואָרען, ווייל די צייט פון אַזאַ געזעלשאַפטליכען לעבען איז נאָך נישט געקומען, ווייל דער מענש איז נאָך נישט געווען ראוי דערצו.

אום איינצואָרדנען אַזאַ לעבען, מוז די גאַנצע געזעלשאַפט פריהער הייליג און ריין ווערען. מענשען מוזען עס טון פרייוויליג, בעוואוסטזיניג און פון דער טיעפסטער איבערצייגונג, אָבער נישט דורך רציחות און נישט דורך גוואַלד־טהאַטען.

פאַרהאַן אַ געוויסער געדאַנק פון בעש"ט: „תורת ד' תמימה"—די תורה איז נאָך גאַנץ ווי זי איז געווען. קיין מענש האָט זי נאָך נישט בעריהרט..."

דער בעש"ט מיינט עס אין רוחניות. ער וויל זאָגען, אַז קיינער האָט נאָך ניט בעגריפען די אמת'ע נשמה פון דער תורה. אַפילו דאָס וואָס מען רופט אָן „נסתר" (קבלה) איז אויך נאָר אַ זיידען־קלייד פון דער תורה, אַ צירונג, אַ קרוין, אָבער ניט די נשמה זעלבסט...

דען אַפילו די „קבלה" איז פול משלים, בילדער, מענשען־געדאַנקען, ווערטער. די אמת'ע נשמה פון דער תורה, ריכטיגער געזאָגט, די נשמה פון דער נשמה, ווערט אָבער ניט אַרויסגעגעבען מיט קיין וואָרט און בילד און מיט קיין מענשליכען בעגריף...

מיר וואָלט זיך וועלען אָט דעם זעלבען געדאַנק פון בעש"ט אין איין אַנדער אופן אַרויסזאָגען. איך וויל אַזוי זאָגען: די תורה איז נאָך גאַנץ. יודען האָבען זי נאָך נישט בעריהרט. דאָס יודישע פאָלק האָט נאָך ניט געלעבט אין גאַנצען אין דער גאַנצער תורה...

צייט פויזענדער יאָהרען, אַז די תורה איז יודען געגעבען געוואָרען. צייטען בייטען זיך, אַמאָל זענען יודען מקיים איין חלק פון דער תורה, אַמאָל—אַ צווייטען, קיינמאָל אָבער ניט די גאַנצע תורה מאלף ועד תיו...

דער בעש"ט רעדט וועגען דער „נשמה פון דער נשמה". איך מיין אָבער: די געוועהנליכע תורה, דער פראָסטער פשט, דאָס ליכט וואָס אַלע זעהען עס.

און דאָך: קיינמאָל האָבען מיר, יודען, ניט זוכה געווען צו לעבען אין גאַנצען ווי משה און די נביאים האָבען געהייסען.

איך רעד שוין ניט וועגען דעם, וואָס יודען, ווען זיי זענען אפילו מקיים די תורה, זענען זיי מקיים, גאַנץ אָפט, נאָר די מצוות, וואָס זענען „בין אדם למקום" (צווישען מענשען און גאָט) און ניט די מצוות וואָס זענען „בין אדם לחבירו" (צווישען איין מענשען און דעם צווייטען).

איך רעד אַפילו ניט וועגען דעם, וואָס יודען, ווען זיי זענען אַפילו מקיים אַלע אויסערליכע מצוות, זענען זיי אָבער, מייסטענס, ניט מקיים די אינערליכע מצוות: ריינקייט פון האַרצען, ליעבע צו אַלע מענשען, ניט טראָגען קיין שנאה אויף קיינעם, ניט טראַכטען קיין שלעכטס וועגען קיינעם, הייליגקייט פונ'ם געדאַנק, דביקות אין גאָט: וועגען דעם הערען ניט אויף צו רעדען אַלע יו־

דישע בעלי-מוסר, אָנהויבענדיג פון רבינו בחיי און זיין „חובת הלבבות" און ענדיגענדיג מיט'ן מחבר פון „חפץ חיים" אין „חפץ חסד". די בעלי-מוסר רעדען זיך, דער יוד לערנט עס, און טוט—פערקעהרט...

איך מיין אַפילו דעם לבוש פון תורה, די געוועהנליכע מצוות משפטים, דינים. זענען יודען מקיים איין טייל פון זיי—זענען זיי נישט מקיים אַ צווייטען טייל. אַמאָל ווילען יודען ניט מקיים זיין די תורה; אַמאָל קענען זיי נישט, ווען זיי זאָלען אַפילו דורכאויס וועלען...

אין דער גאַנצער צייט פונ'ם בית-ראשון האָבען יודען זעהר ווייניג מקיים געווען די תורה. ווען מיר זאָלען אַפילו רעכענען, אַז די טיטלען „בנים משחיתים", „זרע מרעים", מיט וועלכע די נביאים האָבען געעהרט די יודען פון זייער צייט זענען אַביסעל גוזמא'דיג, קען מען דאָך אָבער נישט אָבלייקענען דעם פאַקט, אַז די יודען אין דער צייט פונ'ם בית-ראשון האָבען ווייניג געוואוסט פון די חוקי-התורה.

אין יאשיהו'ס צייטען האָט מען אין בית-המקדש אַ ספר-תורה געפונען, און עס איז דאַן ביי אַלעמען אַ מורא'דיגער חדוש געווען. מען האָט דעם „ספר" פאַר אַלעמען געלייענט און מען האָט פסח געמאַכט. און דער פסוק דערצעהלט, אַז אַזאַ פסח איז נישט געמאַכט געוואָרען פון די שופטים'ס צייטען אָן (זעה מלכים ב' כ"ב און כ"ג).

ווען אַ טייל יודען האָבען זיך פון בבל צוריק געקעהרט און עזרא האָט פאַר'ן עולם די תורה געלייענט און עס איז געווען אַ גרויסע געטליכע פרייד פונ'ם פאָלק, האָט דאָס פאָלק סוכות געמאַכט, און דער פסוק דערצעהלט, אַז פון יהושע בן נונ'ס צייטען האָט מען אַזוינס נישט געמאַכט. (זעה נחמיה ח').

בנוגע צו דער אגדה, אַז אין יחזקיהו'ס צייטען האָבען אַלע קליינע קינדער געוואוסט די האַרבסטע הלכות פון טומאה וטהרה און נאָך אַזעלכע אגדות—זעה „מורה נבוכי הזמן" אין „שער האגדה".

אין דער צייט פון בית-שני האָבען יודען אַ קליינע צייט געפרובט מקיים זיין די תורה, נאַכהער האָבען זיך אָנגעהויבען אין ארץ-ישראל די גרויסע פּאָליטישע און רעליגיעזע קריגערייען, הלכות זענען נתחדש געוואָרען זעהר פיעל. אויף וויפיעל יודען האָבען אָבער דאָ מקיים געווען די הויפט-יסודות פון דער תורה איז זעהר שווער צו זאָגען.

אַ צייט נאָכ'ן צווייטען חורבן, איז ממלא אַראָבגעפאַלען אַ גרויס-

טער חלק פון דער תורה. פריִהער—אַלע „מצוות התלויות בארץ" (מצוות, וואָס זענען אָבהענגיִג אָן דער ע ר ד, אָן א ר ץ־י ש ר א ל), נאָכהער—כמעט אַלע דיִניִם פון טומאה וטהרה. וועגען „ק ד ש י ם" — איִז איִבעריִג צו זאָגען. לערנען האָט מען אַלץ געלערנט, — מקיים זיין עס איז געווען א ו נ מ ע ג ל י ך.

ציִ האָט דער יודישער ה מ ו ן בכלל מקיים געווען אין דער צייט פון די בעלי התלמוד, אין דער צייט פון די ימי־הגאונים, און אין שפּעטערע צייטען דו ה ו י פ ט־מצוות? — דאָס איז אַ גרויסער ספק. די גאַנצע און האַלבע תלמידי חכמים האָבען אודאי אלץ מקיים געווען. די עמי־הארצים האָבען אייניגע מצוות זעהר שטרענג אָבגעהיט, אנדערע — ל ג מ ר י נ י ש ט. (זעה, למשל, שבת מ"ט ע"א, תוספות ד"ה באלישע).

אין דיִ לעצטע יאָהר־הונדערטען פון די י מ י־ה ב י נ י ם זענען שוין אַלע מצוות מעשיות פונ׳ם המון אויך אָבגעהיט געווען. אין די לעצטע צייטען, אין א ו נ ז ע ר ע צייטען אָבער היטען נישט אָב אַ ג ר ו י ס ע טייל פון אונזער יוגענד און אַ געוויסע טייל פון עלטערע מענשען פיל מצוות מעשיות. בנוגע צו דער יודישער מ אָ ר אַ ל, וועגען וועלכער אַ געוויסע טייל פון אונזער יוגענד האָט אַזוי ליִעב צו ר ע ד ע ן,—ווערט זיִ אויף קיין א יין האָהר פון ק יי נ ע ם ניִשט אָבגעהיִט. דער „אייניִקעל" האָט זיִך אויף קיין איין האָהר ניִשט וואָס צו גרויסען אויפ׳ן „זיידען". דער „זיידע" האָט האָטש ע ט ו ו אָ ס יושר און רחמנות איִן זיִך געהאַט, דער „אייניִקעל"—גאָרנישט...

און דעריבער זאָג איִך, אַז דיִ אַלטע פראַגע וועגען דעם, ציִ האָט דיִ תורה יודען אויפגעהויבען און גליִק געגעבען, ציִ, פערקעהרט, אונטערגעדריִקט, דערשטיִקט, פערשקלאַפט,—קען דורך קיין שום ראיות און בעווייזען פונ׳ם פראַקטיִשען, טאָג־טעגליִכען לעבען נ י ש ט געלעזט ווערען.

גאַנץ פשוט: ווען יודען וואָלטען איִן וואָסער צייט עס איִז געלעבט איִן ג אַ נ צ ע ן, ווי משה און די נביאים האָבען געהייסען, וואָלט מען בעקענט אויספאָרשען אַזאַ לעבען און דייטליִך בעווייזען, וואָס פאַר א מין וויִרקונג דיִ תורה האָט געהאַט אויף יודען.

אָבער איִצט, ווען דיִ תורה ווערט מקוים איִן פערשיִעדענע צייטען נאָר חלקים־ווייז (און ק ל יי נ ע חלקים...), — וויִ אַזוי זשע קען מען משפט׳ן פונ׳ם יודיִשען ל ע ב ע ן אויף דער יודיִשער ת ו ר ה?...

יידען און יודישקייט האָבען אויף זיך פון אייביג אָן זעהר פיעל מקטרגים, אויסערליכע און אינערליכע. איך בין נישט קיין געשוואָרענער סניגור, פערקעהרט. איך זאָג אָפען אַרויס, אַז טייל טענות געגען אונז, יודען, זענען אין אַ געוויסען זין ריכטיג. איך זאָג אָבער: דער יוד אין זיין טיעפסטען, אידעאַלען מהות, — איז נישט דער, וואָס איהר זעהט איהם אין גאַס; און די אמת׳ע יודישקייט — איז לאַין ערך גרעסער, טיעפער, איידעלער און שענער, ווי יודישקייט, וואָס איהר זעהט זי אינ׳ם געוועהנליכען גלות־לעבען...

און דעריבער זאָג איך ווייטער: ווילט איהר דערקענען דעם אידעאַלען יודען, דעם יודען ווי ער דאַרף זיין, זענט מקיים די אַלטע עצה: „חפישו באורייתא שפיר״ (זוכט גוט, גוט אין דער תורה).

די דערמאָהנטע ווערטער שטאַמען פון די ערשטע קראיט. מיר מיינען עס אָבער נישט אין זייער זין. זייער זוכען אין תורה איז געווען זעהר בעגרענצט, קאַלט, אָהן וויסען, אָהן געדאַנק, אָהן ליכט, אָהן פייער, אַזוי זוכען קען מען נישט לאַנג. די קראים זיינען באַלד איינגעשלאָפען, האַרט געוואָרען, פערשטיינערט געוואָרען.

איך מיין אויך נישט דעם זוכען פון פלפול, פון פשט׳ליך און דרושים. מיט אַזאַ זוכען—קען מען נייע דינים מחדש זיין, נייע חומרות, נייע גזירות אָבער נישט בעווייזען דעם אור־תורה.

נאָך ווייניגער מיין איך דעם זוכען פון די היינטיגע ביבעל־קריטיקער, וועלכע צושניידען און צורייסען די גאנצע תורה און אַלע נביאים. די יודישע געלעהרטע, וועלכע געהען בלינד (און בלינד געהען כמעט אַלע, האָטש זיי שרייען אַז זיי געהען נישט בלינד) נאָך וועלהויזען, דעליטש און פיעל אַנדערע קריסטליכע ביבעל־קריטיקער פערגעסען איין קלייניגקייט. די קריסטליכע ביבעל־קריטיקער געהען צו צו דער יודישער תורה, ווי צו אַ טויטען קערפער, און זיי שניידען זי, ווי מען שניידט אַ טויטען קערפער, אין דער צייט וואָס מיר יודען פיהלען די תורה אַלס אייביג־לעבענדען אָרגאַניזם, צו וועלכען מיר מוזען צוטרעטען מיט ליעבע, מיט געפיהל, פאָרזיכטיגקייט, פערשטאַנד און בעגריפען פון נאָהנטע מענשען,— די קריסטליכע ביבעל־קריטיקער געהען צו צו דער תורה מיט אַ בעהאַלטענעם אָדער אָפענעם האַס, מיר—מיט דער כונה זיך זעלבסט־צודערקענען. אמת, אַז די שנאה זעהט אַמאָל ווייט; די ליעבע זעהט אָבער נאָך ווייטער.

ווען איך זאָג: „זוכען אין דער תּורה״, מיין איך גאָר אַן׳אַנדער מין זוכען. איך מיין אזאַ זוכען און פאָרשען, אין וועלכען ס׳זענען פעראייניגט אַ וואַרים יודיש האַרץ, אַ קאַלטער מוח פון אַ פאָרשער, פאַנטאַזיע און ליריזם פון אַ פּאָעט, וויסענשאַפט פון אַ געלעהרטען, חריפות און בקיאות פון א תּורה־למדן, קורץ גערעדט: איך מיין אַזא מין זוכען, ווי דעם אבן עזרא׳ס, רבי יהודה הלוי׳ס, רבי עזריה מן האדומים׳ס — אין ימי הבינים; ווי דאָס זוכען פון מענדעלסזאָהן. שיר, רבי נחמן קראָכמאַל, צונץ, שד״ל, א״צ צווייפעל, — אין דער נייער צייט.

אין דעם אַלעמען זעה איך אָבער נאָר אַ התחלה: איבער פיעל סבות איז אָט די אַרבייט איבערגעריסען געוואָרען און די הויפּט־אַרבייט דאַרף נאָך געטהון ווערען.

X

וואָס־זשע וויל איך פון דער יודישער יוגענד? וואָס פערלאנג איך פון איהר? וויל איך דען, אַז זי, די יודישע יוגענד, זאָל צוריק אין געטהאָ געהען? — די וואָס פערשטעהען מיך אַזוי און נאָר אזוי. פערשטעהען זיי מיך זעהר שלעכט.

איך דערמאָהן דעם יודען, אז ער האָט אייביג און אייביג געקוקט אויף זיך ווי אויף איין אויסערוועהלטען, ווי אויף אַ גואל, — מיין איך דען, אַז דער איצטיגער געטהאָ־יוד, קאָפּיקע־יוד, דער אונגליקליכער, פערשקלאַפּטער, פערחשכ׳טער און צוקאליעטשעטער יוד איז דער אויסערוועהלטער פונ׳ם גאַנצען מין האנושי, די קרוין פון דער בריאה. דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס די וועלט פערמאָגט? — די וואָס פערשטעהען מיך אַזוי און נור אַזוי האָבען אַ גרויסען טעות.

איך זאָג, אַז דאָס יודישע פאָלק אלס פאָלק קען נישט לעבען אָהן תּורה, — מיין איך דען אָבער שלעפּען אונזער גאַנצע יוגענד איז בית־מדרש אריין און צווינגען זיי „ספרי הרדים״ לערנען? — ניין! איך האָב עס נישט געזאָגט און זאָג עס נישט.

אלא וואָס דען וויל איך? — איך מיין איבערהויפּט דעם רוח התּורה, דעם יודישען גייסט, די נשמה פונ׳ם פאָלק.

פרץ, אש, די „רענעסאנס״־לייט רעדען אויף וועגען יודישען גייסט, וועגען נשמה פונ׳ם פאָלק; פאַר וואָס זשע בין איך מיט זיי

ניִשט איינשטיִמיִג? — ווייל זיי מיינען, אַז עס קען אַרומשוועבען אַ נשמה אָהן אַ גוף, אָהן איין אחיזה איִן לעבען. „בענקשאַפט" אָהן מעשים, יודען אָהן יודיִשקייט, אַ פאָלק אָהן אַ לאַנד און אָהן אַ רעליִגיע, און איִך זאָג, אַז דאָס אָרעמע פאָלק דאַרף ערשטענס, אַ לאַנד האָבען, ערד האָבען, אַ באָדען, און, צווייטענס, מוז זיִך די יודיִשע נשמה שטענדיִג איִן געוויִסע סיִמבאָלען, איִן געוויִסע מעשים פערקערפערען.

איִך קען ניִשט שיִקען יודען, וויִ אַנדערע איִן פרעמדע פעלדער און וועלדער, ווייל, ערשטענס, טרייבט מען אונז פון דאָרטען, און, צווייטענס, קען אַ פאָלק וואַקסען נאָר אויף איין אייגען באָדען, און, דריִטענס, פיִהלט זיִך דאָרטען אַ יוד, איין אמת'ער יוד, ביי זיין גאַנצע ליעבע צו דער נאַטור אַ שרעקליכען וועהטאָג, אַ וועהטאָג וואָס מען קען איהם מיִט קיינע ווערטער ניִט אַרויסזאָגען. ליִליענבלום האָט עס געפיִהלט וויִ אַ מין „לועג לרש". עס שפּאָט, עס לאַכט די גאַנצע נאַטור פונ'ם יודען: יאָ! איִך ביִן שען, איִך ביִן פּראָסט, איִך ביִן פול צויבער און פּראַכט, איִך ביִן הייליִג, איִך ביִן גוט און מיִלד צו אַלעמען, — נאָר ניִט צו דיִר, דו, אייביִגער קבצן, געה זיִך, געה זיִך, דו האָסט איִן מיִר קיין חלק ניִט!...

ביאַליִק, ווען ער איִז נאָר „יוד" פיִהלט ער זיִך „איִן פעלד": „ככלב בזה נפש ומעונה". ער אַנטלויפט פון שטאָדט איִן פעלד אַריין. ער קומט איִן פעלד און פאַלט צו דער מוטער-ערד. ער בוקט זיִך, ער קניִעט זיִך, ער קושט זי,—די מוטער איִז אָבער קאַלט און פרעמד...

נאָך שטאַרקער און נאָך ערנסטער האָט עס ביאַליִק דערפיִהלט נאָך „קיִשיִנעוו":

„כי קרא ד' לאביב ולטבח גם יחד: השמש זרחה, השטה פרחה, והשחט — שחט..."

נור באמת, איִז עס אַזאַ מין געפיִהל וואָס דער גרעסטער פּאָעט קען צו איהם קיין ווערטער ניִשט געפינען. איִן דעם געפיִהל איִז אַלץ פאַרהאַן: אי ליעבע, איִ שנאה, אי קנאה, אי רחמנות, איִ כעס, איִ געפיִהל פון איין איינגעליעבטען, וואָס זיין געליִעבטע האָט איהם אָבגענאַרט, אי אַ געפיהל פון אַ קיִנד, וואָס פאַלט צו צום מוטערסברוסט און די מוטער שטויסט עס אָב מיִט אכזריות, אי דאָס ניִדעריִג געפיהל פון שלום עליכם'ס „ריאַבטשיק, וואָס וויִל ערגיץ וואו אַ ביינדעל האַפּען און די קצבים-יונגען פערוואַרפען אים מיט העק, איִ

דאָס געפּיהל: איך וויל דיך נישט קענען, ווייל דו ווילסט מיך ניט קענען, דו פּעראַכטעסט מיך — און איך פּעראַכט דיך טויזענד מאָל אַזוי פיעל, און נאָך פיעל זעהר פיעל, אַזעלכע געפיהלען, וועלכע מען קען ניט אַרויסזאָגען און וועלכע פּערקערפּערען זיך בּיז'ן אמת'ן יודען אין איין גרויסען און טיעפען שמערץ.

איך קען אויך ניט זאָגען, ווי אנדערע: היט ניט קיין מילה! היט ניט קיין מצוה-מעשית! — און דאָך זענט יודען און גוטע יודען. איך פּערשטעה נישט: אויף וואָס קען זיך אַזאַ יודישקייט האַלטען?

מען זאָגט מיר: יודישע קולטור, יודישע ליטעראַטור, איך ווייס אָבער, אַז אונזער אמת'ע קולטור, אונזער אמת'ע ליטעראַטור, איך מיין, תנ"ך, משנה, בריתות, תלמוד בבלי און ירושלמי, מדרשים, פּוסקים, חוקרים, משוררים, מקובלים, חסידים, בכלל אונזער גאַנצע ליטעראַטור ביז די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען איז דורך און דורך דורכגעדרונגען מיט מעשים-טובים און מצוות נעהמט אַראָב אָט דעם יסוד — פּאַלט דער גאַנצער בנין. איז מען געגען אַלע מעשים טובים געגען אַלע מצוות, אַלע אָהן אויסנאַהם, — בּלייבּען דאָך אַלע פון די אַלע צעהנטויזענדער ספרים אונזערע פּוסטע דבורים, לויטער נאַרישקייטען. וואָס זשע האָבּען מיר דאַן פאַר אַ ליטעראַטור?

זאָגט מען מיר: די נייעסטע יודישע ליטעראַטור. זאָל טאַקי אונזער אַלטע ליטעראַטור צום גרונד געהן אויב זי איז געגען לעבען. פרעג איך: מיינט איהר דען באמת, אַז אַ פאָלק וואָס לעבט שוין צייט פיער טויזענד יאָהר קען מיט אַמאָל אָנהויבען לעבען ווי אָט ערשט געבּוירען? מיינט איהר דאָן באמת, אַז די יודישע נשמה איז אַ גלאַטער, פּוסטער לוח אויף וועלכען יעדער קען שרייבען וואָס ער וויל?

אמת, אַז אַ גרויסער טייל פונ'ם יודישען פאָלק לעבט נישט לויט זיין תורה, אַז אַ גרויסער טייל פונ'ם יודישען פאָלק ווייס ווייניג די תורה. — דער וואָס מיינט אָבער דעריבער, אַז דער יוד איז אַ „טאַבולאַ ראַזאַ" האָט ער אַ מורא'דיגען טעות. דער יוד לעבט אַמאָל נישט לויט זיין תורה, זי, די תורה, לעבט אין איהם, ערגיץ וואו, אין שטילען, פערבאָרגענעם ווינקעלע פון זיין נשמה. און אָט דאָס וואָס לעבט אין איהם וועט איהם קיינמאָל נישט דערלאָזען אויסמעקען זיין ער-טויזענד-יעהריגע געשיכטע און אָנהויבען אַלץ פון ס'ניי...

זאָגען מיר אַנדערע: די יודישע מאָראַל, די יודישע מדות, דער יודישער כאַראַקטער,—אָט דאָס איז, נאָר דאָס איז יודענטום. האָטש איך בין נישט אין גאַנצען איינשטימיג מיט אַזאַ מיינונג, פונדעסטוועגען וואָלט איך מיט אונזערע „מאָראַליסטען" ווייניג געהאַמפּערט זיך איבער דעם, ווען איך וואָלט זעהען, אַז אונזער יוגענד לעבט טאַקי באמת לויט דער יודישער מאָראַל, אָדער זי שטרעבט האָטש ערנסט דערצו. איך האָב עס אָבער נישט געזעהן. איך האָב אין מיין לעבען געהאַט צו טהון מיט פילע און פערשיעדענסטע יודישע יונגע לייט, וועלכע איך האָב גוט, גוט קענען געלערנט און ווייסען פון זיי ווייניג אַזעלכע, וואָס לעבען שטרענג מאָראַליש אינ'ם יודישען זין...

פרעג איך: ווי קען מען רעדען פון אַ מאָראַל, וואָס מען לעבט מיט איהר נישט און מען שטרעבט גאָר נישט צו איהר?

אחד-העם, קלויזנער, ד"ר ניימאַרק, זיי און זייערע נאָכפאָלגער, רעדען אויך וועגען יודישען גייסט, וועגען דער יודישער נשמה. אין וואָס געה איך זיך מיט זיי פונאַנדער? — זיי, די לעצטע פערשטעהען און פילען יודישקייט לאין ערך טיעפער פון פרץ מיט זיינע תלמידים, זיי זענען געוויס נאָהנט ל„אורחא דמהימנותא". זיי האָבען אָבער אַלע איין גרויסען חסרון: זיי זענען צופיעל „וויסענשאַפטליך", צופיעל בעל-הבית'יש געזאָנען. אחד-העם וויל די גאַנצע יודישקייט דוקא אין ספּענסערען איינקוועטשען, קלויזנער — אין קאַנט'ן; ניימאַרק ציטערט טאָמער וועט ער חס ושלום פערפעהלען איין לעצטע מסקנא פון איין לעצטען טאַלאַנטלאָזען ביבעל-קריטיקער...

אַ צווייטען חסרון האָבען זיי: ביי זייער גאַנצער „וויסענשאַפט" זענען זיי עכט דאָגמאַטיש, זיי ווילען דוקא פעסטע „עקרים" אין דער יודישער רעליגיאָן און אין דער יודישער מאָראַל. זיי זוכען אויף אַבסטראַקטע דאָגמען אין ווילען דאָס גאַנצע יודישע לעבען, די גאַנצע יודישע געשיכטע אַהין אַריין טהון.

אַ דריטען חסרון האָבען זיי: ביי זיי הויבט זיך אַלץ אָן און לאָזט זיך אויס מיט נאַציע. זייער גאָט איז נור נאַציאָנאַל-מאָראַליש. זיי פעהלט לחלוטין דאָס מיסטישע, דאָס פּאָעטישע, דאָס ריין רעליגיעזע, דאָס איבער-מענשליכע, איבער-געזעלשאַפטליכע. זיי רעדען אַפילו זעהר פיעל פון דער יודישער „תעודה" און פון „צדק העולמי" — די „תעודה" הויבט זיך אָבער אָן און לאָזט

יך אויס בײַ זײ גור מיט מאָראַל; און דער „צדיק העולמי" זײַע=
רער איז צו פיעל פּאַסיוו, צו פיעל געזעלשאַפטליך=בעלי=בתיש.

אמת, אַז אחד=העם זעלבסט דערהויבט זיך צײַטענווײַז צו
דאָס נביאישע, און דאַן, ניט פיהלענדיג און ניט וויסענדיג זעלבסט,
געהט ער אַוועק ווייט, ווייט פון זײַן ספּענסער מיט זײַן דאַרווין, דאַמאָלס
ווערט ער טאַקי דער אמת'ער גרויסער יוד, דער אמת'ער טרע=
גער פון גאָטס=פֿייער,—דאָ קומען מיר אָבער צו דעם הויפּט=געגענ=
זאַץ אין אחד=העם'ס נאַטור און זעלבסט=בעוואוסטזײַין.

אין אחד=העם'ן געפינט מען שטענדיג זעהר גרויסע סתירות און
הפכים. ניט דאָס אָבער מיין איך. איך ווייס זעהר גוט, אַז סתירות
און הפכים זענען פאַרהאַן פיעל בײַ יעדען פילאָזאָף, בײַ יעדען
דענקער, און דוקא בײַ ערנסטע און עהרליכע דענקער. די ווע=
ניג=עהרליכע דענקער מיהען זיך צו פערגלעטען, צו פערשמי=
רען די סתירות אין זייערע שיטות, די עהרליכע לאָזען עס אָפען.
די וועלט איז פול סתירות, ווער עס איז געטרײַ דער וועלט,
דעם לעבען און דעם אמת—מוזען זיך בײַ איהם סתירות געפינען,
און דוקא גרויסע, און דוקא צועלכע, וואָס מען קען זײ ניט פער=
ענטפערען.

ווי האָט היינע געזאָגט?—„צו פראַגמענטאַריש איז וועלט
און לעבען". די וועלט איז נישט קיין אויסגעטאָקטע און אויסגעשלי=
פענע שיטה. דער מענש איז אויך נישט פון בראָנזע געגאָסען. ער
עמפּפינדעט די וועלט, און ער עמפּפינדעט זי אין פערשידענע צײַ=
טען — אַנדערש.

איך מיין אָבער דעם געגענזאַץ, וואָס איז אין אחד=העם'ס
גרונד=כאַראַקטער. ער איז פּאָזיטיוויסט דורך און דורך. ער גלויבט
נור אין וויסענשאַפט און דוקא אין דאַרוויניסטישען
זין; אויף מאָראַל קוקט ער ווי בענטאם, ווי מילל, ווי אַנדערע ענג=
לישע דענקער. אַלץ הויבט זיך בײַ איהם אָן און לאָזט זיך אויס מיט
געזעלשאַפט, מיט פאָלק, מיט נוצען, מיט זיטליכקייט, וואָס פרישט
אויף, רייניגט און מאַכט געזונד די געזעלשאַפט. דאָס איז פון איין
זייט. פון דער צווייטער זייט גלויבט ער אין אַבסאָלוטע מאָראַל,
אונאַבהענגיגע מאָראַל, מאָראַל אַן און פיר זיך, מוסר לשם מוסר,
גערעכטיגקייט און נור גערעכטיגקייט — עס מעג אַפילו צוליעב דעם
די גאַנצע וועלט צום גרוגד געהן. ער גלויבט אינ'ם איינזייטיגען

מוסר דער מוסר וואָס רעכענט זיך נישט מיט קיין געזעלשאַפט, מיט קיינע צייט־בעדערפעני שען לעבענס־בעדערפענישען ער גלויבט אינ׳ם מוסר, וועלכער שעפט זיין קראַפט נור פון זיך זעלבסט, פונ׳ם נביאישען גייסט.

פרעגט זיך דאָך: ווי באַלד, אַז דער גאַנצער מוסר נעהמט זיך נור פון דער געזעלשאַפט, די געזעלשאַפט האָט עס אין זיך ענטוויקעלט שטרעבענדיג צו אַ גליקליכען און שענעם לעבען,—וואָס פאַר אַ טעם קען האָבען דער מוסר פון די נביאים, ווי אחד־העם פערשטעהט עס, דער מוסר, וואָס פאָדערט צדק, ווען אַפילו אָט דער „צדק״ געהט געגען דער גאַנצער געזעלשאַפט, געגען דאָס גאַנצע לעבען?...

מיך וואָלט אַפילו אָט די גרויסע סתירה אין אחד־העמ׳ן אויך נישט געאַרט. מיך אַרט אָבער זעהר, וואָס אחד־העם ערקענט עס אין זיך נישט. אַנ׳אמת׳ער טיעף־עהרליכער מענש ווי אחד־העם, קען און מעג אין זיך פיעל סתירות האָבען. ער מוז אָבער ערקענען די סתירות. ווען אחד־העם וואָלט אין זיך דערקענט די גרויסע סתירה צווישען בענטאם־מילל און ירמיהו הנביא,—וואָלט ער געמוזט ווייטער געהן עס וואָלט זיך אַזוי געזאָגט: די עוואָלוציאָנס־טעאָריע האָט זיך איהר אמת. ירמיהו הנביא איז דאָך אָבער אויך גערעכט געווען, ווען ער האָט געפיהלט אין זיך אַ הימעל־ליידענשאַפט אַ פייער נישט פון דער וועלט. זאָגענדיג צו זיך אַזוי, וואָלט אחד־העם מוזען מיסטיש ווערען, ער וואָלט מוזען זוכען אַ העכערען, טיעפערען אמת פונ׳ם זאָפיציעלען „וויסענשאַפטליכען״ אמת. פון סתירות וואָלט ער דאַן אויך נישט פריי זיין. ער וואָלט אָבער זיך זעלבסט מעהר טריי בלייבען, ער וואָלט זיך מעהר ערקענט און וואָלט מעהר געפיהלט פון וואַנען האָט זיך אין איהם זעלבסט גענומען זיין בעוואוסטער אמת: „תשועת ישראל עתידה לבוא על ידי נביאים—לא על ידי דיפלומטים״ (די יודישע ישועה וועט קומען דורך נביאים, נישט דורך דיפלאָמאַטען)...

ווי דער לעזער זעהט שוין, גלויב איך ניט, ניט אין יודען אָהן יודישקייט פון פרץ און זיינע תלמידים און ניט אין יודישקייט אָהן פאָעזיע און אָהן מיסטיציזם פון אחד־העמ׳ס תלמידים.

אלא וואָס דען זוך איך? — איך זוך אַזאַ יודישקייט, וואָס זאָל זיין דער סינטעז, פון פאָלק און מענשהייט, פון מענשהייט און וואָס

עס איז איבער דער מענשהייט. פון שענע מעשים און שענע, הייליגע כונה, גערעכטיגקייט (און אַבּסאָלוטע גערעכטיגקייט) אין סאָציאַלען לעבען, ריינקייט און הייליגקייט אין פּריוואַט-לעבען, ליעבע צום מענשען און ליעבע צום איבערמענשען, קעלט פון וויסענשאַפט און פלאַם-פייער פון נביאה, שרעקליכע ליידענשאַפטען און שטילע רוהע פון רוח-הקודש („כנסת ישראל איז געגליכען צו אַ טויב”...), אמת פון דער וועלט און אמת פון העכערע, ריין מיסטישע וועלטען...

איך גלויב, אַז דאָס יודישע פאָלק איז בערופען צו זוכען אַזאַ סינטעז, און געפינענדיג עס — פערקערפערען עס אין לעבען, אין לעבעדיגע מעשים. געהענדיג צו דעם, זוכענדיג עס, מוז מען אויך גוטע מעשים טהון, לויט דער מדרגה, אויף וועלכער מען שטעהט...

יוגענד־שטימען.

(אַ קליינע וקדיה).

בשעת איך האָב פערעפענטליכט מיינע „בריוועלעך צו דער יו־דישער יוגענד" האָב איך פון דער דאָזיגער יוגענד אונזערער, פון צעהנדליגער יונגע לייט ערהאַלטען פערשידענע בריעף פאַר און געגען דעם, וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט.

ענטפערען יעדען פון זיי בעזונדער איז מיר געוועזען, נאַטירליך, אונמעגליך. אין אַ טייל בריעף זענען אָבער אַרויסגעזאָגט געוואָרען גאַנץ ערנסטע פראַגען, ביטערע ספקות, האַרצרייסענדע געשרייען, אויף וועלכע איך געפין זיך מיך שולדיג אַ תשובה.

און אַט דעם חוב מיינעם וויל איך איצט אָבגעבען. אויסקלויבענדיג פון די פיעל בריעף, וועלכע איך האָב בעקומען, די אינטערעסאַנטערע און ערנסטערע ערטער, וויל איך זיי בעלייכטען, ערקלערען און ענטפערען אויף זיי.

דערמיט מיין איך, פערשטעהט זיך, צו ענטפערען נישט נאָר די מחברים פון די בריעף זעלבסט, נאָר הונדערטער און טויזענדער אַנדערע יודישע יונגע לייט, וועלכע דענקען און פיהלען אַזוי ווי זיי. און דאָס גיט מיר אגב אויך אַנ'אָרט און אַ געלעגענהייט צו ענטוויקלען ווייטער איניגע געדאַנקען, וואָס זענען פון מיר אַרויסגעזאָגט געוואָרען פריהער, פערענטפערן פיעל ספקות, בעלייכטען פיעל פינסטערע ווינקעלעך, ערקלערען פילעס אין אונזער געשיכטע און אין אונזער לעבען.

I.

דער ערשטער בריעף, וואָס ליעגט פֿאַר מיר, איז אַ בריעף פֿון אַ יונגען מענשען, וועלכער איז פֿון מיר דורכאויס ניט צופֿרידען.

ער האָט צו מיר זעהר שטאַרקע טענות:

„לעבען וויל דער יודישער יונגער מאַן און פֿון אייך וויל ער הערען דאָס וואָס ס׳איז צוגעפּאַסט צו זיין נשמה, דאָס וואָס ס׳זאָל בעלייכטען זיינע געדאַנקען אין לעבען אַלס מענש און אַלס יוד, און איהר קומט צו איהם מיט׳ן „עם הנבחר“, מיט אַ „עיקר העיקרים פֿון יודישקייט“, מיט אויטאָריטעטען: רבי יהודה הלוי, דער מחבר פֿון „בשמים ראש“ א. ד. ג. מיט וועלכען איהר ווילט דעם יודישען יונגען מאַן טרייסטען, מוטה געבען, אמונה איינפּלאַנצען, ער, דער יודישער יונגער מענש, קען אָבער ניט וויסען פֿון אייער ליב־געזאַנג דער יהדות, פֿון וועלכען ער האָט שוין לאַנג געמאַכט אַ באַלאַנס; ער קען ניט וויסען פֿון אַ „עם הנבחר“, וואָס דאָס ווירקליכע לעבען ווייזט איהם פּונקט דעם הפך. און ער קען קיין בעגריף ניט האָבען פֿון „הייליגע מיסטישע ראָמאַנען צווישען כנסת ישראל און איהר געליעבטען“.

„איהר וועט זאָגען: אין דערינען ליגט טאַקי דער גאַנצער אונגליק פֿון דער יודישער יוגענד, וואָס אַזעלכע ווערטער זענען פֿרעמד געוואָרען, וואָס בשעת מען רעדט פֿון „יודישקייט“ פֿערשטעהט מען עס ניט. יאָ, ה׳ צייטלין! אין דערינען ליגט טאַקי דאָס גאַנצע פערצווייפֿלונג פֿון דער יודישער יוגענד. די גאַנצע טראַגעדיע פֿונ׳ם יודישען יונגען מאַן ליגט אין זיין אָבגעריסענקייט פֿון דעם אַלטען, אין זיין גלייכגילטיגקייט צו אַלץ. איך פֿרעג אייך אָבער: וואָס זאָל א יודישער יונגערמאַן טהון ווען ער איז אין אַזאַ גייסטיגען צושטאַנד? ער וואָלט אפֿשר וועלען זיין אַנדערש, ער קען אָבער נישט. די אָבגעריסענקייט קומט ווי איהר ווייסט אַליין גאַנץ גוט, נישט פֿון שלעכטען ווילען, נאָר פֿונ׳ם לעבען, פֿון די לעבענס־בעדינגונגען, פֿון דער גאַנצעא סביבה, פֿונ׳ם מאָדערנעם דענקען און פֿיהלען. דאָס יודישע פֿינסטערע לעבען פֿון איין זייט, די אַלגעמיינע ליכטיגע וועלט פֿון דער צווייטער זייט — האָבען אינ׳ם יודישען יונגען־מאַן אויסגעאַרבייט אַ גלייכגילטיגקייט, אַ פערביסען פֿערהעלטניס, אַ פֿערדאָרבען שמייכעל אויף די ליפּען, ווען עס

ערט גערעדט פון היילִיגטום.

„און ביי אַזאַ צושטאַנד ווִילט איהר אִין אִיהם אמונה איינ־פלאַנצען? אִיהר ווִילט דעם יודישען יונגענמאַן, דעם צובראָכענעם פעסִימִיסט, געבען מוט און האָפנונג מִיט אַ „עם סגולה״, מִיט „ולתתך עליון על כל הגוים״? דערמִיט זאָל ער געטרייסט ווערען?״

„קען ער דען האָבען אמונה אִינ׳ם מִיסיאָן פונ׳ם יודענטום ווען די גאַנצע וועלט אִיז געגען אִיהם? קען אִיהם דען עפּעס העלפען וואָס ער אִיז „אויסדערוועהלט פון אַלע פעלקער״. ווען ער ליידט אַזוי פִיל אויף יעדען שרִיט און טרִיט?״

„אונזערע עלטערען האָבען געגלויבט באמונה שלמה אין זייער אויסדערוועהלטקייט. האָבען זיך גערעכענט באמת פאַר איבער־מענשען. פון די אַלע סגולות, פון די אַלע „אתה בחרתנו״ס, אִיז דער יוד אָבער גע־וואָרען צוקאַליעטשעט און צובראָכען אויף אַלע זיינע יאָרען. וואָלט דער יוד ווענִיגער געקוקט אויף זִיך ווִי אויף אַ אִיבער־מענש, וואָלט אפשר געווען פִיל גרינגער פאַר אונז, און מִיר וואָלטען נִישט געווען אַזעלכע קאַליקעס ווי אִיצט. קוקט זִיך צו צו דער גאַנצער יודִישער געשִיכטע וועט אִיהר עס זעהן בחוש. די גאַנצע יודִישע גלייכגִילטִיגקייט, קאַלט־קייט, פערבִיסענקייט, דעספּאָטִיזם, קאַפּרִיזען, גרונדלאָזִיגקייט,—שטאַמען דערפון און נאָר דערפון. ווִי איין עכטער, קאַפּרִיזנער „אתה בחרתנו׳־נִיק״ ווִיל ער נאָר אַזוינס, וואָס עס קען נִישט זיין און עס אִיז אונמעגלִיך, דער געדאַנק לויפט אָהן אַ שום גרענִיץ, די פאַנטאַזיע אִיז הִיצִיג אָהן איין עק און קען זִיך קיינמאָל נִישט אָבשטעלען ער, דער יוד, ברעכט אַלעס, ער צוואַרפט אַלעס אָהן אַ שום נוץ און אָהן אַ שום הילף...

„נאָר אָבער דערפאַר טאַקִי אַליין האָט דאָס אַלץ אִיצט געפּלאַצט״.

„דער זייפענבלאָז האָט פלוצלִינג געפּלאַצט און דער יוד האָט זִיך אָבגעשטעלט אִין מִיטען וועג, צווִישען שרעק און מרה־שחורה, יאוש און צער, צובראָכען און אויסגעקרִימט, און זוכט אַ וועג.

און עס קומען אַלע מאָל די כוואַליעס פונ׳ם לעבען און פער־טרינקען אַלע מאָל אַ פרִישען קרבן פון דער יודִישער יוגענד. דאָס לעבען און די וועלט צוואַרפען און צוברעכען יעדער בנין אונזערען אונ׳ברחמנות׳דִיג און די יודִישע יוגענד בלייבט הענגען אין דער לופ־טען. זיי זענען אָבגערִיסען און פרעמד פון אַלעמען און וואַרפען זיך אִין קאָנוואולסיע...״

„און דאָ קומט איִהר, ה׳ צייטלין, צוגעהן מיִט געדאַנקען וועגען יידיִשע אויסדערוועהלטקייט, מיִט די הייליִגקייט פון סיִמבאָלען, מיִט דעם וואָס „דאָס יודיִשע פאָלק איז דאָס האַרץ פון דער וועלט״, און ד. גל. זענט איִהר דען ניִשט, ה׳ צייטליִן, אַ לועג לרש? שיִט איִהר דען ניִשט קיין זאַלץ אויף די וואונדען?״

אָט דאָס זענען די הויפט-טענות פונ׳ם בריִף, און אַזעלכע טענות צו מיִר האָבען זעהר פיִל יודיִשע יונגע לייט.

מיין ענטפער אויף אָט די טענות—איִן קומענדיִגען קאַפּיטעל.

II.

בשעת דאָס האַרץ טהוט וועה, בשעת מען זעהט ווי יודען ווערען אייביִג געפייניִגט, אומגעשליידערט איִן כף הקלע, אָהן ליִכט, אָהן לעבען, אָהן האָפנונג, ווערט מען שטאַרק איִן כעס אויף די אַלטע „איינרעדעניִש״ פון איין „אויסדערוועהלט״ פאָלק, פון אַ „גוי קדוש״ מיִט „אַ פאָלק פון נביאים״ און אַלע הייליגע גרויסע חלומות.

מען זאָגט צו זיִך אַזוי: צו וואָס דוקא העכער פון אַלעמען? וואָלטען מיִר געווען כאָטש גלייך מיִט אַלעמען. מיִר זענען ניִדעריִגער פון אַלעמען, אָרימער, אומגליִקכער,—צו וואָס זאָל מען זיִך גרויסען מיִט׳ן פוסטען יחוס?

מיִר געהען נאָך ווייטער און מיִר זאָגען אַזוי: דאָס איִז טאַקי דער אייביִגער יודיִשער אומגליִק, וואָס קיינמאָל קוקט מען אויף אונז ניִשט ווי אויף מ ע נ ש ע ן. אַזאַ פערשאָלטען מזל האָבען מיר עס. מען קוקט אויף אונז פון אייביִג אָן אָדער ווי אויף מ ל א כ י ם, אָדער ווי אויף ש ד י ם, קיינמאָל אָבער ניִשט ווי אויף מענשען מיִט אַלע מענשען גלייך! איִן אונזערע אויגען זענען מיִר איין „עם הנבחר״; איִן די גוישע אויגען—„פון גאָט פערשאָלטען פאָלק״. די יודען-פריינד געפינען איִן אונז עפעס מערקוויִרדיִגע טאַלענטען און אייגענשאַפטען. די יודען-פיינד, דאַגעגען, געפיִנען נישט גענוג שוואַרצע פאַרבען צו מאָהלען אונז. פון טאָג צו טאָג טראַכטען זיי אויס אַלץ נייע בלבולים אויף אונז, פון טאָג צו טאָג טראַכטען זיי אויס אַלץ נייע און נייע טעאָריעס, דורך וועלכע עס ווערט בעוויזען, אַז מיִר, יודען, זענען דער מקור פון אַלערליי העסליִכקייטען, זיִנד און אומגליִקען. ווען אָבער

וועלען דאָס מענשען אָנהויבען פערשטעהן, אַז מיר, יודען, זענען נישט בעסער און נישט ערגער פון אַלע איבעריגע מענשען פון דער וועלט? בשעת מען שלאָגט אונז טהוט אונז וועה, בשעת מיר הונגערען ווילען מיר עס נישט ליידען און מיר מוזען זינדיגען, בשעת מען האַסט אונז האַסען מיר אויך, בשעת עס שיינט אונז די זון און מיר זעהן אַ גוטען ליבליכען שמייכעל, ווערען מיר אי גוט, אי מילד, אי פול פריינדשאַפט און דאַנקבאַרקייט...

אין געוויסע הינזיכטען איז דער גאַנצער ציוניזם און דער גאַנצער טעריטאָריאַליזם אַ פרוב צו מאַכען יודען—„לייטען גלייך". זאָלען יודען האָבען אַ לאַנד גלייך מיט אַלעמען. זאָל מען אויף זיי אויפהערען קוקען ווי אויף מלאכים, שאָטענס, אָדער טייוולאָנים, אָדער ווילדע חיות. זאָלען אַלע זעהן און זאָלען יודען זיך זעלבסט אויך ערקענען אַלס געוועהנליכע מענשען בלוט און פלייש...

איך לייקען נישט, אַז איך פלעג אויך גאַנץ אָפט אַזוי בעטראַכטען די יודען-פראַגע און די לעזונג פון דער יודען-פראַגע איז ביי מיר בעשטאַנען אין דעם, אַז יודען זאָלען ווערען,—„לייטען גלייך"...

די לעצטע חרבנות פון איין זייט און די אומזיסטע אָנשטרענגונג צו בויען פון דער צווייטער זייט האָבען מיר אָבער קלאָר בעוויזען, אַז דאָס יודישע פאָלק איז נישט „לייטען גלייך". קען נישט זיין „לייטען גלייך" און נור אַלס אַ אייגענאַרטיג פאָלק קען עס אויסגעלייזט ווערען...

איך זאָג אַזוי: דאָס וואָס איך זעה אַרום מיר רעדט אין פלוג מיט קלאָרע ווערטער: „אַלץ איז פערפאַלען". מיר האָבען נישט קיין לאַנד, מיר האָבען נישט קיין פאָלק, מיר האָבען נישט קיין שפראַך, מיר האָבען נישט קיין גלויבען, מיר האָבען נישט קיין פאָלקס-קאַפּיטאַלען, מיר האָבען נישט קיין העלדען, מיר האָבען גאָר נישט. אלא וואָס דען?—אין דער טיפעניש פון דער פאָלקס-נשמה, ערגעץ וואו ווייט, ווייט בעגראָבען, איבער יעדעס בעוואוסטזיין, איבער יעדע פאָרשטעלונג, ליגט אַ געהיימע שעפפונגס-קראַפט, וועלכע ווען נישט איז מיט אַ מאָל ענטדעקט ווערען, אויסברעכען מיט אַ שרעקליכען גוואַלד, וועט בעוואונדערען די גאַנצע וועלט און יודען זעלבסט...

איך גלויב אַזוי און האָב דאָס רעכט צו גלויבען אַזוי, ווייל אין דער יודישער היסטאָריע האָט זיך אָט די געהיימע קראַפט שוין

אייניגע מאָל בעוויזען. עס איז געקומען די גערהיימע שעפֿעריׁשע קראַפֿט און האָט פֿון עבדי־עבדים געמאַכט אַ גוי קדוש; עס איז געקומען די געהיימע שעפֿערישע קראַפֿט און האָט אין עזרא׳ס צייטען פֿון „עצמות יבשות" („טרוקענע ביינער") ווידער אַ גאַנץ פֿאָלק געמאַכט; עס איז געקומען די געהיימע שעפֿערישע קראַפֿט און האָט מלאכים אויף דער ערד אַראָבגעלאָזט און האָט אַ „זוהר" בעשאַפֿען; עס איז געקומען די געהיימע שעפֿערישע קראַפֿט און האָט אין אַ סביבה פֿון קרעמערס, מעקלערס און אַרענדאַטאָרס אַ „חסידות" בעשאַפֿען...

און, אַזוי גלויב איך, עס וועט קומען דיזעלבע געהיימע שעפֿערישע קראַפֿט, און וועט ווען נישט איז פֿון צובראָכענע, אויסגעמוטשעטע, אויסגעהונגערטע, אונגלויביגע האָפֿנונגסלאָזע, פֿערקרימטע און צוקאַליעטשעטע יודעלעך אַ פֿאָלק שאַפֿען, און דאָס פֿאָלק וועט אַ לאַנד שאַפֿען, אַ תורה האָבען און „די נבואה וועט זיך צו יודען צוריקקעהרען"...

אין דעם זין און נאָר אין דעם זין האָב איך גערעדט אין מיינע „בריוועלעך" וועגען די יודישע „אויסדערוועהלטקייט", וועגען אונזערע „איבערמענשליכע קראַפֿט", וועגען נאָך אַזעלכע אייביגע טרוימען.

און עס קומט צו מיר אונזער סקעפּטישע יוגענד און טענה׳ט: מיר זענען דאָך נישט בעסער פֿון אַנדערע, אויב מיר זענען נישט ערגער פֿון אַנדערע, זענען מיר אַלענפֿאַלס שוואַכער און צובראָכענער פֿון אַנדערע. ווי אַזוי־זשע זענען מיר דאָס די „אתה בחרתנו"־ביקעס" און די „איבער־מענשען"?

ענטפֿער איך אונזערע יונגעלייט: אודאי און אודאי זענט איהר צובראָכען און צוקאַלעטשעט, אודאי און אודאי האָט איהר אָנגעוואָרען יעדען גלויבען און יעדע האָפֿנונג, דאָ רעדט זיך דאָך אָבער נישט פֿון געוויסע גרופּען און זאָגאַר נישט פֿון געוויסע עפּאָכען, דאָ רעדט זיך דאָך פֿון אַ אייביג פֿאָלק. וועט אין אייערע צייטען דאָס נישט געשעהן—וועט עס געשעהן אין די צייטען פֿון אייערע קינדס־קינדער...

און איבערהויפּט: דאָ רעדט זיך דאָך נישט פֿון היינט און זאָגאַר נישט פֿונ׳ם נעכטען. ווענינגער ווי אַלע גלויב איך אין איצטיגען מאָמענט אין די רעאַלע קרעפֿטען פֿונ׳ם יודישען פֿאָלק. דאָ רעדט

זיך אָבער פון אַ מעגליכקייט וואָס אַ אייביג פאָלק טראָגט אין זיך. דאָ רעדט זיך פון אַ אידעאַל, פון אַ אייביגע פאָלקס־שטרעבונג...

„אונזער יוגענד איז איצט פול יאוש״. פון וואַנען שטאַמט אָבער איהר איצטיגער יאוש? — פון דעם, וואָס די „פרייהייטס־בעוועגונג״ אין רוסלאַנד איז אָבגעשטעלט געוואָרען, פון דעם וואָס די פּאַרטייען זענען פונאַנדערגעפאַלען, פון דעם וואָס די פערשידענע נסיונות פון ציוניסטען און טעריטאָריאַליסטען האָבען דערוויייל צו גאָר נישט געבראַכט. וואָס פאַר אַ בעדייטונג האָבען אָבער אָט די עטליכע שלעכטע געשעהענישען דאָרטען, וואו עס רעדט זיך וועגען אַ אייביגע טיף־אינערסטע אמונה פון אַ פאָלק?

„די טיף־אינערסטע אמונה״. דאָ רעדט זיך אין קיין פאַל נישט פון דעם, וואָס יעדער יענקיל און חיים איז העכער פון אַלעמען אין דער וועלט, נאָר פון דעם וואָס איבער אַלע דורות און איבער אַלע צרות פונ׳ם פאָלק שוועבט אַ וועלט־גייסט, אַ גואל, אַ משיח.

און דאָ געהט גאַנץ ווייניג אָן די טענה, וואָס מיר יודען זענען איצט אַזוי אָבגעשוואַכט, אַזוי קראַנק און צוריסען. די טענה האָט ישעיה נאָך מיט טויזענדער יאָהרען צוריק געפּיהלט, און מיט זיין גאַנצער נבואה־מאַכט האָט ער אונז (אין קאַפּיטעל נ״ג) בעוויזען, ווי אַזוי דאָס קראַנקסטע און דאָס שוואַכסטע פאָלק וועט ווען נישט איז די גאולה ברענגען...

„שרותא דקודשא בריך הוא בהני מאנין תבירין״ (גאָט רוהט אין יענע צובראָכענע כלים), דוקא אין צובראָכענסטע און קראַנקסטע מענשען שיינט אַמאָל אַריין גאָטס גייסט.

און אויב אַז מיר, די מענשען פון איצטיגען דור, זענען לגמרי צובראָכען און עס איז שוין נישטאָ אויף וואָס די שכינה זאָל רוהען, זענען מיר דאָך אָבער נישט איינע ביי גאָט. וועלען מיר אויסשטאַרבען אין די מדבריות, און אונזערע קינדס־קינדער וועלען דעם הייליגען לאַנד דערזעהן...

III.

איין וואַרשאָווער יונגערמאַן שרייבט מיר אַזוי:

„לעזענדיג, אַז איהר לויבט דעם וועג, אין וועלכען אונזערע עלטערען זענען געגאַנגען, האָב איך געטראַכט:

שוין־זשע הייסט איהר אונז, יודישע קינדער, צוריק געהן צו דער פערגאַנגענהייט? צי שוין־זשע וויל ה' צייטלין, אַז איך, אַ יודיש יונגעל, וועלכער שטרעבט צו בילדונג און ליכט זאָל צוריק געהן אין בית־המדרש אַריין? צי הייסט מיר ה' צייטלין צוריק געהן צו מיין פינסטערן רבי'ן? אמת. פאַרהאַן צווישען אונז אַזעלכע, וועלכע זענען באַלד פון דער גמרא צו „סאַנין" אַוועק און ה' צייטלין האָט רעכט ווען ער וויל זיי מיט געוואַלד פון אָט דעם זומפּ אַרויסשלעפען, אַזעלכע זענען דאָך אָבער צווישען אונז נור עטליכע, אָבער איך און צעהנטויזענדער ווי איך, וועלכע מיינען באמת ובתמים נור ליכט זוכען—שוין־זשע וועט עס אונז נור די גמרא געבען?

„ה' צייטלין ווייזט אונז, אַז אין אונזער אַלטער ליטעראַטור איז פאַרהאַן פיל הייליגעס, ערהויבענס. רבונו של עולם! צי האָב איך און צעהנטויזענדער, ווי איך, ווען נישט איז געלייקענט עס? וואָס הייליג איז הייליג, וואָס גרויס איז גרויס—וואו נעהמט מען אָבער לעבען?"

„אומקעהרען זיך צו די אַלטע לאַנג, לאַנג אָבגעלעבטע פאָרמען קען מען נישט. איך גלויב, אַז אונזערע קדמונים האָבען אָט אין די אַלטע פאָרמען פיל קדושה און שענהייט אַריינגעטראָגען. אונזערע געדאַנקען זענען אָבער אַנדערע, אונזערע פאָרשטעלונגען זענען אַנדערע, אונזער געשמאַק איז אַ אַנדערער. אונזערע עלטערען, לויט זייערע בעגריפען, און לויט זייער געשמאַק האָבען געקענט אורות עליונים זעהן אין יעדע קליינינקייט. מיר אָבער, לויט אונזערע בעגריפען און לויט אונזער געשמאַק, קענען עס דאָרט נישט זעהן. ווען זיי האָבען עס געטהון האָבען זיי אין דעם נשמה אַריינגעטראָגען. ווען מיר אָבער וועלען עס טהון וועט עס זיין אָהן לעבען, אָהן נשמה, אָהן גייסט וממילא אויך העסליך. מען קען זיך זעלבסט צווינגען צו טהון געוויסע מעשים, מען קען זיך אָבער נישט צווינגען צו דענקען אַנדערש ווי מען דענקט, צו פיהלען אַנדערש ווי מען פיהלט און צו האַלטען פאַר שען געוויסע פאָרמען, אויף וועלכע

אונזער געשמאַק זאָגט: נאַריש און אומגעלומפּערט".

„אָט האָט איהר אַ קליינעם ביישפּיל: אונזערע ע.-טערען האָבען זיך געפֿיהרט אַז אַ יונגעל האָט פֿון 4 ביז 12 יאָהר געלערנט אין פֿינסטערען חדר; פֿון 12 ביז 17 אין בית-מדרש אָדער ישיבה, צו 17—18 יאָהר חתונה געהאַט. אַ יונגעל, וועלכער האָט זיין יוגענד נור אין פֿינסטערניש פֿערבראַכט, ווערט מיט אַמאָל אַ ערציהער פֿון קינדער. ווי אַזוי זשע זאָל אָבער אַזאַ 17-יאָהריגער יונגעל קינדער ערציהען ווען ער איז אַליין נישט ערצויגען?

„אונזערע עלטערען האָבען זיך געפֿיהרט, אַז אַ מיידעל איז גענוג ווען זי קען קאַרטאָפֿעל שיילען און אַ מיטאָג אָבקאָכען, אַ מיידעל ברויך פֿון גאָר נישט צו וויסען. ביי רייכערע און אינטעליגענטערע האָט מען זי פּויליש אָדער רוסיש געלערענט בכדי אַז ווען דער מאַן וועט זיין אַ סוחר זאָל זי קענען פֿאַר איהם אַ בריוועל שרייבען; צו 16—17 יאָהר האָט זי חתונה געהאַט. צי קען דען אַזאַ אַזאַ קינד קינדער ערציהען? די ערציהונג איז דאָך אָבער נאָר איין פּרט פֿון דעם גאַנצען אַלטען פֿינסטערען לעבען. און דעריבער פֿערשטעה איך נישט אייערע „בריוועלעך צו דער יודישער יוגענד"...

„איהר ווילט מקרב זיין אונז אונזערע עלטערען. אין דער זעלבער צייט אָנערקענט איהר זעלבסט, אַז אין דעם לעבען און אויפֿפֿיהרונג פֿון אונזערע עלטערען איז דאָ גענוג דומהייט און פֿינסטערניש. ווי אַזוי זשע זאָל אָבער די ליכט-זוכענדע יוגענד צוריק געהן צו דער דומהייט און צו דער פֿינסטערניש?..."

אַזוי האָט דער יונגערמאַן געשריבען. אַזוי האָבען מיך פֿיל יונגעלייט געפֿרעגט. איך מוז אָבער אונזער יוגענד איין קליינעם טעות אין מיינע רייד אויפֿקלערען. איך האָב קיינמאָל נישט גערופֿען אונזער יוגענד צו די עלטערען, נאָר צום אַלטען אייביגען פֿאָלק. דער חלוק צווישען אָט די צוויי בעגריפֿען איז אונגעהויער גרויס.

אומקעהרען זיך אינגאַנצען צו די עלטערען הייסט: אומקעהרען זיך צום אַלטען געטאָ-לעבען, צו דעם אַלטען גלות-לעבען. איך אָבער, אַלס איינער פֿון די וואָס האַסען דעם גלות מיט דער פֿינסטערער, אומגליקליכער געטאָ, מיט אַלץ וואָס דערמאָהנט אונז דעם פֿינסטערען גלות און דעריבער רופֿען זיי צו אַ ניי פֿריש לעבען אין אַ ניי לאַנד—ווי אַזוי זשע קען איך רופֿען אונזער יוגענד צוריק פֿער-

שטיינערט ווערען, פערהארטעוועט ווערען, פערגליווערט ווערען אין איין פאזע, בלייבען אימער שטעהן אויף איין ארט, ווי שטעהענדיגע, טריבע וואסער?...*)

אומקעהרען זיך צום אלטען, אייביגען פאלק הייסט אבער גאר עפּטוואס אנדערש. דאס הייסט: אומקעהרען זיך צו זיך זעלבסט; הערען דאס, וואס עס זאגט דיר דיין אייביגע, טיפע, יודישע נשמה; צו בעהמען פון אנדערע, פערדעלען, פערשענערען און פערטיפען די תורות, מדות און מנהגים, וועלכע זענען צוגעפאסט צו דער יודישער נשמה אדער זענען, לכל הפחות, נישט דערווידער איהר, און בעפרייען זיך פון יענע תורות, מדות און מנהגים, וועלכע זענען א סם-מות פאר איהר; הערען גאט'ס שטים וואס קלינגט אין אלע צייטען, אין אלע דורות; שטעלען זיך העכער פון אלע צייטיגע געטער, מאדעס און מנהגים; אומקעהרען זיך צו דעם אייביגען קוואל, צו דער אמת'ער יודישער נאטור, צו דער געטליכער שעפפונגס-קראפט, צו דער נבואה...

און געבענשט זאל אונז זיין אין יודישען לעבען אלץ וואס טראגט אין זיך כאטש שוואכע שפורען פון דער אלטער נבואה און זאל עס פערשטארקט ווערען, פערגרעסערט ווערען און פערבעסערט ווערען. זאל עס געלעגט ווערען אלס א גרונד צו א ניי יודיש לעבען אויף א יודיש לאנד.

זאלען די נבואה-קערענדלעך אין אונזערע שמאכטענדע און גאטס-דורשטיגע נשמות פערזייהט ווערען און זאלען מעכטיגע בוימער אויפשפראצען און אויפבליהען אין פרייען גאטס-פעלד.

און פערפלוכט זאל ווערען און אויסגעריסען זאלען ווערען פונ'ם יודישען לעבען אלץ וואס איז אויסגעוואקסען אין דעם טויזענדער יאהריגען שטיקענדען און חושכ'דיגען קעלער, וועלכען מען רופט אן „גלות"; אלץ וואס ס'איז א פראדוקט פון קנעכטשאפט, הכנעה פאר'ן שטארקען, שנאה צום לעבען, שנאה צו זיך זעלבסט; אלץ וואס איז אנגעטראגען געווארען אין אונזער לעבען פון אונזערע שונאים, פערפאלגער און בעדריקער; אלץ וואס איז א פראדוקט פון שוואכהייט,

---

*) איך מאך אויפמערקזאם דעם לעזער, אז בשעת איך האב מיינע „יונגענד-שטימען" געשריבען בין איך נאך נישט פריי געווען אינגאנצען פון דער טעריטאריאליס-טישער אידעאלאגיע. יעצט האב איך א גאנץ אנדערען קוק אויפ'ן „גלות" און אויפ'ן „געטא". דער „גלות" און דאס „געטא" זענען נישט בלויז נעגאטיווע מאמענטען, נאר אויך—פאזיטיווע.

קראַנקהייט, פּערוויזרונג, צומישונג; אַלץ וואָס איז געבוירען פון פינ־סטערע מרה־שחורה, אייביגער עלענד, האַרץ־קלעמעניש און טויט־שרעקען; אַלץ וואָס עס דערלאָזט דעם מענשען ניט פריי בעוועגען זיך, אָטע־מען, געניסען, וואַקסען און ענטוויקלען זיך...

אין אונזער יודיש לעבען איז פאַרהאַן אי דאָס, אי דאָס. עס זענען דאָ אי די קערענדלעך פון דער נבואה, וועלכע האָבען געשפּראָצט און געבליהט און אַ טייל פון דער אגדה, פון דער קבלה, פון חסידות, טייל מאָל אויך אין דער הלכה, אין דער חקירה, אין דרוש און מוסר, טייל מאָל אויך אין דער „השכלה” און אין דער נייעסטער יודישער ליטעראַטור; עס זענען אָבער דאָ אויך זעהר פיל ווילדע גלות־געוויקסען, וועלכע זויגען איין אין זיך דעם גאַנצען זאַפט פון אונזער לעבען, פערשטעלען, פערדעקען און פערדונקעלען אַלץ וואָס איז שען און ליכטיג, סיי אין גאַס און סיי אין בית־מדרש, סיי אין לעבען און סיי אין ליטעראַטור, סיי אין לעבען פון פרט און סיי אין לעבען פון כלל, סיי אין דעם אַלטען יודען, און סיי אין דעם כלומרשט יונגען יודען — אומעטום טרעפט איר אָן איינס פון דיביידע: אָדער הכנעה פון אַ „מה־יפית”־יוד אָדער חוצפה פון אַ בערייטען קנעכט; טויזענט־יאָריגער שטויב און שימעל אָדער פריש־געבאַקענע הפקירות; ניט רירען זיך פון אָרט ווי צוגעשמידטע, אָדער קדחת־איילעניש און משוגעים־טאַנץ; האַלטען זיך שטאָל און אייזען פאַר אַלערליי נאַרישקייטען און עבודות־זרות, אָדער אַרויסשליידערען אַלץ, וואָס איז באמת הייליג און גרויס און אידיאָטיש לאַכען דערביי. און אַלע מאָל, אין אַלע הינזיכ־טען, הערשען: פּחד, שוואַכקייט, קליינליכקייט און קאָפּיקע־חשבונות...

איך רוף, אַלזאָ, אונזער יוגענד צוריק, נישט צוריק אין געטאָ, נאָר צוריק צו אונזער אַלטער פערגאַנגענהייט. דער פערגאַנגענהייט, אין וועלכער עס האָבען געלעבט משה, די נביאים, די אַלטע יודישע גבורים...

איך רוף אויך צוריק צו דער נאָנטער יודישער פערגאַנגענהייט, אָבער נאָר אויף וויפיל עס האָבען געלעבט אין איר די אייביגע גייסטער פון משה, די נביאים און די גבורים און האָבען צוגענומען טייל מאָל ליכטיגערע, חייכערע און צו אונז נענטערע פאָרמען...

און פערשטעהט זיך, אַז ניט די פערגאַנגענהייט זעלבסט בין איך אויסען, נאָר די צ ו ק ו נ פ ט. איך גלויב, אַז די ליכטיגע און שענע

צוקונפט אונזערע אין אַ ליכטיג און שען ניי-לאַנד, קען געבויט ווערען נאָר אויף דאָס ליכטיגסטע און דאָס שענסטע פון אונזער פערגאַנגענהייט...

IV.

וואָס איז דער אמת'ער מהות פון דער אַלט-יודישער נבואה?

בשעת איר לעזט די נביאים און איר האָט אַ אינערליכען חוש השמיעה, פילט איר ווי אָט שטורמט דער ים, עס שלאָגען די וועלען אָן ברעג, אַ שטורם-ווינד רייסט פון אָרט בוימער, וועלכע זענען פון ששת ימי בראשית פערפלאַנצט, איר הערט אַ געשריי פון לייבען, אַ גע-רויש פון חילות, און אָט בעלעגערט מען, און מען ברעכט מויערען, און אַ פייער נעמט די וועלט אַרום און מענשען לויפען אַרום און ברעכען די הענד אין יאָמער און קלאָג, און מענשען האָבען ניט וואו רעטונג צו זוכען און וואוהין צו לויפען, און דער געשריי דערגעהט ביז'ן הימעל. און פלוצלינג: ברומען פון אַ שטילער טייבעלע, פליסטערען פון אַ קוואַל, אַ שטיל ווינדעלע, וועלכער גלעט דיך און קושט דיך און מאַכט דיך פערגעסען דעם געשריי, דעם וויי, רעדט צו דיר ווי אַ ליבע מוטער, טרייסט דיך פערשלעפערט דיך.

און מיט אַמאָל — „ואשא אתכם על כנפי נשרים”. מען פער-טראָגט אייך אויף אַדלער-פליגלען הויך, הויך איבער די געדיכטע וואָלקענס, איבער די בלאָע הימלען, מען בעווייזט אייך די „מרכבה”, די „שרפים”, די „אופנים”, די „חיות”, דעם „שרעקליכען אייז” און דעם אייביגען „פייער”, גאָטס היכל, די אייביגע רוה, געזאַנג פון מלאכים.

און לאַנג לאָזט מען אייך דאָרט ניט זיין. מיט אַ קויהל פון מזבח בעריהרט מען אייערע ליפען און מען זאָגט דיר: געה אין דער גידער.

און מען בעווייזט אייך די גאַנצע טומאה און ליידען פון דער ערד, מען זאָגט דיר: געה און זעה. אומגליקליך זענען די מענשען, פינסטער, עלענד, אומריין, זינדיג, שוואַך, הילפסלאָז, ווער דו זעלבסט געלייטערט אָט אין דעם כור עוני, ווער געפייניגט מיט אַלעמען גלייך, און פרוב זיך ערהויבען, און ערהויבען אַנדערע אויך מיט דער קראַפט פון דיין פייער, מיט דער קראַפט פון דיין ליבע.

און מיט אַמאָל — שווערע זיפצען און שווערע ספקות און טענות און מענות אָן אַ סוף צום רבונו של עולם: פאַר וואָס שווייגסטו? וואָס קוקסטו, ווי ווילדע מענשען־חיות שלינגען איין ריינע, אונשולדיגע מענשן און שווייגסט? פאַר וואָס זענען דאָס די ערגסטע מענשען־פיינד אַזוי פעט און דיק, געזונד און רוהיג? פאַר וואָס זענען דאָס די בעסטע מענשען פון דער וועלט אַזוי פעראָרעמט, פעריאָגט און אויסגעלאַכט? און צו וואָס האָסטו גאָר די נאַרישע וועלט בעשאַפען? און צו וואָס איז נאָר דאָס שלעכטס און די טומאה אויף דער וועלט? און צי איז נישט גלייכער, אַז דער מענש זאָל בעסער גאָר נישט געבוירען ווערען, איידער דאָס אַלץ זעהן און איבערלעבען און נישט קענען העלפען?

און מען פרובט זיך זאָגאַר, גאָט זיין מתנה צוריק קערען און מען שילט דעם טאָג פון געבוירען און מען וויל מיט אַמאָל די וועלט קאַפויר אומקערען.

און דאָ ערשיינט גאָט צום מענשען „פון שטורם" און בעווייזט אים זיין גאַנצע גרויסקייט, זיין הערליכקייט, זיין איבער־וועלטליכען אמת, וועלכען אפילו דער גרעסטער און דער הייליגסטער מענש פון דער וועלט קען אויף קיין איין האָר נישט משיג זיין די איבער־וועלטליכע ליבע, וועלכע איז גאָר נישט ענליך צו דעם מענשענס ליבע און די אייביגקייט בעווייזט זיך אים און טוט אויף איין קליינע רגע אַ בליק, און באַלד פערשווינדט זי און דער מענש דערפילט, אַז ער דאַרף נאָר שווייגען, שווייגען און שווייגען.

אַזעלכע און פיל אַזעלכע איבערגאַנגען האָבען די נביאים, און איר פילט, ווען איר קענט פילען, ריכטיגער, ווען איר האָט אַ וואָסער נישט איז אינערליכע שייכות צו זיי, אַז אַלע מאָל רעדט אין זיי די גרעסטע קראַפט פון דער נאַטור, דאָס שטאַרקסטע און דאָס מעכטיגסטע, וואָס די וועלט פערמאָגט צוזאַמען מיט דאָס ווייכסטע און דאָס עדעלסטע, עס רעדט דער גרויזאַמער בעשטראָפטער און עס רעדט דאָס שטילע קינד; עס רעדט דער גרעסטער שונא און דער גרעסטער ליבהאָבער; עס רעדט דער גרויסער נוקם־ונוטר און עס רעדט דער, וואָס איז אַלץ מוחל; עס רעדט דער גרעסטער שטאָלץ און די טיפסטע ענוה; עס רעדען די שווערסטע ליידענשאַפטען. און עס רעדט די טיפסטע קדושה; עס רעדט דער גרעסטער הערשער און עס רעדט דער צובראָכענער, אומגליקליכסטער און נידעריגסטער מענש; עס רעדען זעהר פיל הפכים, און אַלע מאָל רעדט אין זיי דער אמת, דער העכערער אמת

וועלכער איז איבער־מענשליך, איבער־וועלטליך און פעראייניגט אין זיך אַלע סתירות.

און דאָ קומען צו געהן צו מיר יודישע יונגע־לייט און פרעגען קשיות: די אידעאַלען פון די נביאים זענען דאָך כמעט ביי אַלע פעלקער הייליג, און מיט וואָס איז דאָ אָבגעטיילט „יודיש" פון „נישט יודיש"? ווי אַזוי קען מען רעכנען די אויפלעבונג פון דער נבואה אַלס ספּעציעל יודישע און נאָר יודישע זאַך?

די וואָס פרעגען אַזוי פערשטעהן אָבער ניש, אַז דאָ האַנדעלט זיך נישט וועגען אַבסטראַקטע „אידעאַלען", נאָר וועגען דער מהות פון נבואה, וועגען די קראַפט און מאַכט פון איר, וועגען דעם פייער און פלאַם וואָס איז אין איר, וועגען דער חכמה, אמת און קדושה, וועלכע געהן אַריין אַלס אָרגאַנישע חלקים, וועגען דעם אייביגען לעבען, וואָס זי טראָגט אין זיך, וועגען איר אַלטקייט, וועלכע איז דאָך אימער ניי, אימער פריש און שען, וועגען גאָטס קול, וואָס הערט זיך אין איר סיי אין דונער און סיי אין רוהע, סיי אין וויסטע און סיי אין גרינע פעלדער, סיי אין שלעכטס און סיי אין גוטס, סיי אין די טיפע תהומות און סיי אין זיבעטע הימלען.

און זעהט איר די נבואה האָבען אַנדערע ביי אונז קיינמאָל נישט איבערגענומען, און האָבען עס קיינמאָל נישט געקענט איבערנעמען ביי זייער גאַנצען ווילען, מען קען ביים צווייטען איבערנעמען דעות, מוסר, אידעאַלען, מען קען אָבער נישט איבערנעמען דעם צווייטענס נשמה, דעם צווייטענס בלוט, דעם צווייטענס פייער. די יודישע נבואה ליגט אין יודיש בלוט, און נאָר יודען זענען די אמת'ע יורשים פון איר און די קינפטיגע טרעגער פון איר. דער טעות פון אונזער יוגענד נעמט זיך פון דעם, וואָס זיי פערשטעהען נבואה אָדער אין ענגען טעאָלאָגישען זין (אַלס גזירות א. ז. וו.) אָדער זיי פערשטעהן עס ווי „אחד העם" און זיינע תלמידים (אַלס מוסר, אַלס אַ געוויסע לערע פון „צדק עולמי"), אָדער זיי פערשטעהן זי אַלס פּאָעזיע, אַלס שען ווערק.

די נבואה האָט אין זיך, אמת, פיל פון אַט די דערמאָנטע זאַכען. אין די דערמאָנטע זאַכען פעלט אָבער נאָך דער עיקר: די נבואה זעלבסט. איך מיין: עס פעלט אין זיי די געהיימע קראַפט, די בעזונדערע שעפּונגס־קראַפט, וועלכע איז גאָר נישט עהנליך צו געוועהנליכע „קונסט" און צו געוועהנליכע „פּאָעזיע" און איז לאַנג־ערך

העלער פון יעדער „צדק עולמי" און פון יעדער מאראל.

דען די נבואה איז גרויס און הייליג ניט מיט זער אדער יענער לעהרע, נאר מיט זיך זעלבסט, מיט איהר קראפט, אלס א בעזונדערע וועלט-שאפפונג און וועלט-זעהן.

די נבואה, אין דעם זין, איז שטענדיג געבליבען נאר ביי יודען, וועגען את דער נבואה זאג איך, אז זי שפיגעלט זיך אב בעזונדער אין אגדה, קבלה און חסידות, און א ביסעל אין דער נייע-יודישער ליטעראטור. אין די דערמאנטע זאכען שפיגעלט זי זיך אב. מיר האפען אבער, אז עס וועט א צייט קומען, ווען מיר וועלען האבען פאר זיך ניט א שוואכען שפיגעל, נאר די נבואה זעלבסט מיט איהר אונשטערבליכקייט און איבערוועלטליכער מאכט.

V.

אין וואס פאר א פערהעלטניש שטעהט די אלטע, גרויע, ווייטע, ווייטע יודישע פערגאנגענהייט צו דער נאהנטער, מעהר בעקאנטער און בעוואוסטער יודישער פערגאנגענהייט און צו דער ג א ר נאהנטער פערגאנגענהייט?

את די פראגע, וועלכע דארף אין פלוג אינטערעסירען נאר פארשער, היסטאריקער, סאציאלאגען, דארף ב א מ ת, אינטערעסירען יעדען יודען, וועלכער דענקט און פיהלט, וויל בעגרייפען זיין יודישקייט, בעזיגען זי, בעלויכטען זי, זוכט ז יי ן אמת, א וועג צו זיין גאט.

דען אויב די נאהנטע און די נאהנטסטע יודישע פערגאנגענהייט שטעהט אין קיין בעציהונג נישט צו דער אלטער נבואה-צייט - און גבורה-צייט, אדער זי שטעהט אין א זא בעציהונג, אז אלץ וואס אין דער נבואה- און גבורה-צייט איז גלייך געווען האט זי פערקרימט, אלץ וואס איז שעהן געווען האט זי מיט איהרע העסליכקייטען פערמאוס'ט, אלץ וואס איז גוט, עהרליך, און נאטירליך געווען האט זי פערדרעהט און פערקרימט, דאן איז דאך אונזער זאך לחלוטין פערשפילט, דאן האבען מיר יודען דאך קיין האפנונג נישט, דאן וועלען מיר זיך שוין קיינמאל צו אונזער אלטער גרויסקייט נישט אומקעהרען, דאן האבען דאך באמת אונזערע ליידען קיין זין נישט, דאן וועלען מיר דאך איי-

ביז בלייבען א פאָלק פון בעטלער, קנעכט און געמיינע זינדיגער, וועלכע קענען נאָך דערצו איינע די אַנדערע ניט ליידען, רייסען און בייסען איינע די צווייטע אויס פערדרוס און אויס שנאה צום גאַנצען כלל, צום גאַנצען איביגען אומגליק...

דען דאָס וואָס אַנדערע מיינען, אַז מען קען די נשמה פערברענען און דעם גוף גאַנץ לאָזען, אַז מען קען און מען דאַרף אַלץ, וואָס יודען האָבען אין גלות געשאַפען, פערברענען און דאָך יודען בלייבען און נאָך געזונדטע יודען, אַזאַ מיינונג, ריכטיגער, אַזאַ גלויבען, וועלכען עס האָבען אונזערע „פּאַרטייען" און אונזער „אינטעליגענץ", בעוואוסטזיניג, אָדער נישט בעוואוסטזיניג,—איז פאַלש דורך און דורך.

אַזאַ מיינונג איז פאַלש נישט נאָר וויל, ווי אחד־העם האָט אויפגעוויזען, אַז מען קען לאָגיש נישט אָבטיילען די צוקונפט פון דער פערגאַנגענהייט און מען קען לאָגיש נישט אָבטיילען דעם אור־אַלטען עבר אונזערען פון דעם נאָנטען, נאָר וויל דאָס איז אָרגאַניש אונמעגליך, וויל דאָס איז געגען אַלע געזעצען פון דער נאַטור, וויל דאָס הייסט „פסיק רישיה ולא ימות" (אָבשניידען יענעם דעם קאָפּ און יענער זאָל לעבען בלייבען).

בשעת מען אָפּערירט נאָר מיט דער לאָגיק און זאָגאַר מיט היסטאָרישע בעווייזען, קען מען דאָ זאָגען אַזוי און אַזוי, מען קען אחד־העמ'ן אַזוי ענטפערען: די נאָנטע פערגאַנגענהייט איז נאָר אַ סתירה צו דער אַלטער פערגאַנגענהייט, זי איז גאָר דער היפך אירער, אַלץ, וואָס די אוראַלטע פערגאַנגענהייט האָט בעיאַהט האָט זי פערנאַנט, און פערקערט. ממילא איז די אָפּעראַציע, וואָס מיר ווילען מאַכען, וועלכע בעשטעהט אין אָבשניידען פונ'ם יודישען אָרגאַניזם די גאַנצע גלות־פערגאַנגענהייט, די גאַנצע גלות־שעפּונג, גאָר אַ שטיק געזונד פאַר'ן יודישען פאָלק. מיר וועלען דערווייטערען נאָר אַ שלעכטען, קראַנקען און פוילען אבר.

אַנדערש איז אָבער ווען מען בעטראַכט די פראַגע פּסיכאָלאָגיש, נאָך ריכטיגער ביאָלאָגיש. מען דאַרף געדענקען, אַז יודען האָבען קרוב צו דריי טויזענד יאָר געלעבט אין אָט דער פערגאַנגענהייט, (דען עס איז שוין קרוב צו דריי טויזענד יאָר זינט די נבואה איז פון יודע,

אָבגעטון געוואָרען). יודען לעבען שוין כמעט דריי טויזענד יאָר אָן אמאָליגע גרויסקייט (דען אַפילו אין דער צייט פון בית־שני זענען יודען כמעט די גאַנצע צייט ערנידעריגט און בעדריקט געווען), יודען פירען שוין אַלזאָ, כמעט דריי טויזענד יאָר דאָס, וואָס מען רופט אָן אַ „גלות־לעבען”. און אויב אַז דער אמת איז ווי אונזערע „פאַרטייען” און „אינטעליגענטען” דענקען, אַז אָט די פערגאַנגענהייט איז, אויסער אייניגע גליקליכע אויסנאַמען, נאָר שלעכטקייט, אוננאַטירליכקייט, נאַרישקייט און העסלעכקייט, דאַן קען מען וועגען יודען זאָגען נאָר „אין להם תקנה”, דאַן זענען פאַלש און לעכערליך זייערע טרוימען וועגען „נאַטירליכע יודען” און וועגען „געזונדע יודען”, אַ פאָלק וואָס לעבט טויזענדער יאָר נאָר אין קרענק און אוננאַטירליכקייט, קען בשום אופן נישט געזונד און נאַטירליך ווערען.

די עוואָלוציאָנס־טעאָריע, לויט ווי דאַרווין האָט זי ענטוויקעלט, לערנט אונז, אַז אַלע אינסטינקטען אין דער אָרגאַנישער וועלט שטאַמען פון פריערדיגע איינפאַכע רגילות׳ן. ווען די רגילות׳ן, וועלכע ווערען אַרויסגערופען אין׳ם קאַמף אויס דאַזיין, אויס אַ געוויסע נויטווענדיגקייט צו צופאַסען זיך צו די אַרומיגע בעדינגונגען, ווען אָט די רגילות׳ן געדויערען זעהר אַ לאַנגע צייט, דאַן געהען זיי אַריבער אין אינסטינקטען, אין אָרגאַנישע נויטווענדיגקייטען, און ווי באַלד אַז יודען לעבען שוין כמעט דריי טויזענד יאָהר אין גלות־רגילות׳ן, זענען אָט די רגילות׳ן לאַנג אינסטינקטען געוואָרען, זיי זענען שוין געוואָרען בלוט און פלייש, נשמה און לעבען. און ווי באַלד, ווי די „אינטעליגענטען” אונזערע דענקען, אַז אָט די רגילות׳ן זענען לחלוטין שלעכט, דאַן איז מיט׳ן גאַנצען יודישען פאלק לחלוטין שלעכט, דען אינסטינקטען, בלוט, נשמה, קענען דורך „אַגיטאַציע” און „פראָפּאַגאַנדע” נישט אויסגעריסען ווערען. זיי קענען נישט אויסגעריסען ווערען און אויסגערוימט ווערען, זאָגאַר דורך דער העכסטער „קונסט”, דען אינסטינקטען זענען טיפער און מעכטיגער פון אַלץ אין דער וועלט.

מיר זעהן אַלזאָ, אַז אויב די נאָענטע און נאָנטסטע יודישע פערגאַנגענהייט שטעהט אין קיין בעציהונג נישט, אָדער אין אַ שלעכטע בעציהונג צו דער אוראַלטער יודישער פערגאַנגענהייט, דאַן זענען מיר אין גאַנצען באַנקראָט, דאַן האָט דאָס גאַנצע יודישע פאָלק נאָר אַ שלעכטען שפּיל געשפּילט און עס בלייבט אים נאָר שילטען דעם טאָג פון זיין געבוירען...

צום גליק איז אָבער דער אמת נישט אַזוי ווי אינזערע פּאַר־שידענסטע „אינטעליגענטען" און פּאַרטיי־פירער דענקען. דער אמת איז ווי אונזערע קדמונים האָבען עס בילדליך פאַרגעשטעלט: „כל מקום שגלו ישראל — שכינה עמהם" (וואוהין יודען זענען פערטריבען גע־וואָרען, די שכינה אויך מיט זיי), אמת, אַז די נבואה איז פון אונז לאַנג אָבגעטהון געוואָרען, און מיט איר אויך די אמת'ע מאַכט און די אמת'ע שענהייט, — דער רושם פון איר איז אָבער ביי יודען אַלע מאָל געבליבען, און אָט דער רושם אפילו האָט אין זיך אַזאַ מאַכט, אַז ער פלעגט צייטענווייז איבערווינדען אַלע שלעכטע בעדינ־גונגען און אַלע שלעכטע געוואוינהייטען, וואָס דער גלות פלעגט אונז געבען.

אין דער גאַנצער געשיכטע פון די דריי־טויזענד יאָר זעהט מען דעם קאַמף פון דער פאָלקס-שכינה מיט דעם גלות און אַלע שלעכטע בעדינגונגען פון לעבען, וועלכע האָבען דעם פאָלק שטענדיג געשלעפּט אין דער נידער, און מען דאַרף פערשטעהן דעם קאַמף אין ברייטערען און העכערען זין. די פאָלקס־שכינה האָט געקעמפט ניט נאָר מיט דער גראָבקייט, שלעכטסקייט, געמיינהייט און עם־הארצות פונ'ם המון, נאָר אויך מיט דער גאוה, הארטקייט, טרוקענקייט, צביעות, פלפול און קאָפּ־דרעהענישען פון די למדנים, דער קאַמף איז פאָרגעקומען נישט נאָר צווישען דעם גראָבען און אָרימען לעבען און דעם ספר, צווישען מאַרק און בית־המדרש, נאָר אויך אינ'ם ספר זעלבסט, אין בית־המדרש זעלבסט, צווישען דער גייסטיגער אַריסטאָקראַטיע גופא.

אין דער צייט פונ'ם פּאָליטישען און רעליגיעזען קאַמף צווישען די צדיקים און פרושים, וועלכער האָט צייטענווייז אָנגענומען זעהר נישט קיין שענע פאָרמען, האָט די שכינה גערוהט אין ערגעץ אַ שטיל ווינקעלע, אין אַ קאַפּעליע פון א סיים־חסידים, וועלכע האָבען מקיים געווען „ואהבת את ד' אלהיך", און „ואהבת לרעך כמוך" אין ריינסטען און טיפסטען זין פון די ווערטער, זיי האָבען געלאָזען אי די פּאָ־ליטיק אי די שווערע הלכות פאַר אַנדערע, און אַליין האָבען זיי אין גאָט געלעבט, זיי האָבען זיך בעשעפטיגט נאָר מיט פיזישע אַרבייט, האָבען געלעבט אַלס ברידער, זייער האָב און גוטס האָט געהערט צו אַלעמען גלייך; קומענדיג פון פעלד, פון דער אַרבייט, האָבען זיי גאָט געבעטען, געזונגען, פערנומען זיך מיט וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונגען, געהיילט קראַנקע, געטרייסט ליידענדע, געגעבען ברויט און שוטץ פער־

בייגעהער, אָרימע און פֿערפֿאָלגטע, און אין רוהע-מינוטען געטרוימט, דעם פֿאָטער אין הימעל געזוכט, גרויסע און שעהנע וועלט-געדאַנקען אַרויסגעזאָגט, יענע געדאַנקען, וועלכע זענען פֿון איין זייט דאָס עכט מיסטישע און עכט-מאָראַלישע, וואָס איז אַריין נאָכהער אין ניט יודישע אמונות, און פֿון דער צווייטער זייט דער מקור פֿון די טיפֿסטע אגדות אונזערע.

אַזוי זעהן מיר דעם רושם פֿון דער אַמאָליגער נבואה ביי די איסיים. דאָ האָט זיך די שכינה בעוויזען אין שטילקייט, אין עדעלקייט, אין צערטליכקייט, און אונענדליכער גוטסקייט, אינ׳ם געשטאַלט פֿון אַ שטילע טויב...

ניט אַלע מאָל ערשיינט אָבער די נבואה אין שטילקייט. אַמאָל גיסט זי זיך אויס אין שטורם, אין פֿייער, אין שווערד, אין בלוט, און אָט זעהען מיר דעם רושם פֿון דער אַמאָליגער נבואה ביי די וואָס זענען אין פֿלוג דער היפך פֿון איסיים. ביי די קנאים פֿון גליל. מיט זייער שווערד און בלוט האָבען זיי פֿערטיידיגט די יסודות פֿון תורת-משה: „כי לי כל הארץ" און „עבדי הם אשר הוצאתי מארץ מצרים". מיינע קנעכט און ניט קנעכט צו קנעכט...

און אַזוי זעהען מיר דעם רושם פֿון דער אַמאָליגער נבואה אין דער אגדה, אין איהר זיסקייט און טרויערקייט, אין איהר פֿאַנטאַזיע וועלכע וועבט אויף איהר שטייגער די אוראַלטע יודישע פֿערגאַנגענהייט, אין איהר מיסטישען פֿליהען איבער די הויכע הימלען, אין איהר זעהן ווי די שכינה רוהט אומעטום, וואו עס ווערט תורה געלערנט, וואו אַ וואָסער ניט איז יודישער קבוץ איז פֿאַרהאַן, וואו עס איז עלענד און נויט, און ווי אַזוי מלאכים פֿליהען אַרום און טאַנצען ווי אויף אַ חתונה דאָרטען, וואו עס ווערט מעשי מרכבה געדרש׳ט, אין איהר הערען דעם בת-קול פֿון הר-חורב און פֿון די „חורבות ירושלים", אין איהר שטרעבען צו געגעהנען דעם הימעל צו דער ערד און די ערד צום הימעל, אין איהר בעזונדערען, אייגנאַרטיגען שטילען רייּ־דען, וועלכער ברענגט אונז שטענדיג אַריין אין אַ צווייפעל, צי עס ריידען מענשען, צי עס ריידען מלאכים, אין די בעסטע און די שענסטע מדות, וועלכע זי לערנט אויף שריט און טריט, אין איהר אייגנאַרטיגען וויץ, וועלכער בייסט און שטראָפֿט, בעלייכט און לערנט, אין דער שאַרפֿסטער איראָניע און אין דעם עדעלסטען הומאָר.

אָט אַזוי זעהען מיר אויך דעם רושם פון דער נבואה אין דער קבלה, וועלכע האָט אין זיך פילע פון די אייגענשאַפטען, וואָס די אגודה האָט אין זיך. דערצו אַ שטרעבונג מיט געוואַלד דעם הימעל־סוד ענטדעקען, מיט געוואַלד אַריין אין „פרדס", משביע זיין אַלע מלאכים און בעהערשען זיי, בעהערשען די גאַנצע נאַטור. און צווינגען זי דעם העכסטען מענשען דינען, זעהען די שענסטע און הייליגסטע זעהונגען, טראָגען אויף זיך דעם שיין פון רוח הקודש און קעהרען זיך און ווענדען, פערזינגען זיך אין געטליכקייט און קיינמאָל פון דעם אייביגען קוואַל ניט ארויס, פערטיפען זיך אין יענע איבער־ערדישע געדאַנקען, צו וועלכער מען קען קיין ווערטער ניט געפינען נאָר ווייטע רמזים און בילדער, שטרעבען צו פערעדעלען און פערשענערען די וועלט ביז זי וועט איהר „בירור" האָבען און צו „ימות־המשיח" רייף ווערען...

און אָט זעהען מיר דעם רושם פון נבואה אין ח ס י ד ו ת. די הסידות האָט אין זיך כמעט אַלע אייגענשאַפטען, וואָס עס האָבען אין זיך די אגדה מיט דער קבלה צוזאַמען. און דערצו נאָך לעבענס־לוסט, שמחה און דביקות. צוזאַמען מיט דעם: ווייטער פערטיפונג, פערעדעלונג און פערשענערונג פון אַלעם דעם, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען אין נבואה, אין אגדה, און קבלה...

מיר זעהן אויך דעם רושם פון נבואה און בכלל פון אַמאָליגע יודישע שאַפונגס־קראַפט אויף אַנ׳אַנדער ליניע: אין די מלחמות פאַר פרייהייט, אין די פערשידענסטע משיח־טרוימען, אין די משיח־בעוועגונגען, אין די פערשידענסטע ווערק, טהאַטען און מענשען, וועלכע האָבען זיי בעגלייט.

מיר זעהן דעם רושם פון דער אַלטער נבואה אויף אַ דריטער ליניע: אין דער ה ל כ ה אויף וויפיל זי שטרעבט צו סאָציאַלע גערעכטיקייט, צו געזונד מאַכען און ריין מאַכען דעם מענשען, צו פערהייליגען, פערעדעלען און פערפיינערען איהם; אין חקירה־ספרים אויף וויפיל זיי האָבען געשטרעבט צו פערעדעלען די אמונה־בעגריפען; אין מוסר־ספרים אויף וויפיל זיי האָבען זיך נאָך ניט דערווייטערט פונ׳ם תנ"ך־מוסר און „חובת הלבבות"...

אָט די רשמים פון דער אַלטער נבואה זענען אַלע מאָל געוועזען אין דער נאָנטער, אין דער נאָנטסטער יודישער פערגאַנגענהייט און זיי זענען אַלע מאָל געוועזען אַ שאַרפער פראָטעסט אַ געגען די עם־

הארצישע גראָבקייט, אי געגען דער למדנישער פערשטיינערטקייט.

נאָר ווי איך האָב שוין געזאָגט זענען דאָס מער נישט געווען ווי רשמים. אין זיי האָט געפעלט די נאַטירליכקייט און די הימלישע מאַכט פון דער אַלטער נבואה און דעריבער האָבען זיי נישט אַלע מאָל געקענטביישטעהן געגען אַלע רעאַלע בעדינגונגען פונ׳ם גלות-לעבען.

פון איין זייט האָבען זיך אין די אלע דערמאָנטע ערשיינונגען ווייטער ענטוויקעלט אי דער נבואה-געדאַנק, אי די נבואה-שטימונגען. אין געוויסע הינזיכטען זענען זיי זאָגאר פערפיינערט און פערעדעלט געוואָרען, פון דער צווייטער זייט פעהלט אין זיי אָבער דער גרויסער עיקר פון דער נבואה: די געהיימע נאַטור, די גבורה, די התגלות, וועלכע איז ענטשטאַנען אין דער יוגענד פונ׳ם פאָלק אויף זיין לאַנד.

און וייל אין אָט די אַלע ערשיינונגען זענען נאָר דאָ שפוּרען פון דער אַלטער נבואה, ווערען די שפורען אויך פיל מאָל פערשוואונדען און פערווישט, און אויף זייער אָרט קומט סיי אין לעבען, סיי אין ספר, די פינסטערע ווירקליכקייט, די פראָדוקטען פונ׳ם פינסטערען גלות מיט אַלע זיינע בעגלייטער: גייסטיגע און מאַטעריעלע אָרעמקייט, קאָפּ-שווינדעל אויף דעם אָרט פון געפיהל, נעדאַנק און בילד; אונאָרדענונג, צומישונג, בטלנות, מאַרק-געמיינהייט, וועלכע נעמט אָן אַ פנים פון קדושה, טויזענדער מחלוקת איבער זאַכען, וואָס זענען ניט מעלה און ניט מוריד, פוסטע, נאַרישע מעשיות, אין וועלכע עס איז אונמעגליך צו געפינען אַ פּאָעטישן קערענדעל, אונוויסענהייט, וועלכע רעכענט זיך פאַר דער גרעסטער חכמה, און איבערהויפט געשמאַקלאָזיגקייט אויף יעדען שריט און טריט, געשמאַקלאָזיגקייט, וועלכע פערוואַנדעלט אפילו די העכסטע און די שענסטע זאַכען—אין העסליכקייטען.

און עס איז מקוים געוואָרען בנוגע צו דער יודישער ליטעראַטור דאָס וואָס דער רמב״ן האָט געזאָגט בנוגע צו ארץ-ישראל: „כל המקודש יותר חרב יותר”. אומעטום פעהלט אַ אָרדנונג, געשמאַק, אַ קריטישער בליק אָבצוטיילען דאָס וויכטיגע פון דאָס נישט וויכטיגע, דאָס הייליגע פון וואָכינע, דערווייטערען די הענדלער פון גוֹיִם׳ס מקדש; אומעטום דוקא ביי דאָס שענסטע און דאָס הייליגסטע געפינט איר גלייך דאָס אומגעלומפערטע, דאָס נאַרישע און העסליכע.

אונזער שטרעבונג דאַרף אַלזאָ זיין: אַלעס ליכטיגעס, שענעס,

הײליגעס און אײביגעס אין אונזער גלות־ליטעראַטור אױסקלױבען, ערקלערען און בעלױכטען, מצרף זײן עס צו דער אַלטער נבואה־ליטעראַטור און דאָס אַלץ איבערטראָגען אױף אַ נײעם באָדען, אין אַ נײ יודיש־לאַנד וואו דאָס יודישע פאָלק וועט לעבען מיט איהר אײגענער נאַטור.

נייע בריוועלעך צו דער יודישער יוגענד.

ערשטער בריף.

„ס'איז פאַראַן — דיכטעט רבי נחמן ברעסלעווער — אַ באַרג, און אויף דעם באַרג שטייט אַ שטיין, און פון דעם שטיין גייט אַ קוואַל, און איטליכע זאַך האָט אַ האַרץ, און די וועלט אינגאַנצען האָט אויך אַ האַרץ — — —

און דער באַרג מיט דעם קוואַל שטייען אין איין עק פון דער וועלט און דאָס האַרץ פון דער וועלט שטייט אין דעם אַנדערן עק פון דער וועלט. און דאָס האַרץ שטייט קעגן דעם קוואַל און גלוסט און בענקט תמיד זייער, אַז עס זאָל קומען צו דעם קוואַל. דאָס בענקען און גלוסטען פונ'ם האַרץ צו דעם קוואַל איז גאָר ווילד"...

ווער איז „דאָס האַרץ פון דער וועלט?"

די איינצעלנע אויסדערוויילטע מענטשען, וואָס פילען דאָס גאַנצע ליידען פון דער וועלט, די ליידען פון דער מענטשהייט; די, אין וועלכע דאָס גאַנצע לעבען פון דער וועלט ווערט קאָנצענטרירט; די, וואָס בעוועגען שטענדיג די וועלט, וואָס לאָזען זי אויף איין אָרט ניט שטיין; די, וואָס יאָגען זי און טרייבען זי אַלץ ווייטער און ווייטער און הייבען זי אַלץ העכער און העכער; די, וואָס ברענגען מיט זיך שטענדיג ליכט און לעבען, ליבע און גוטס, טרייסט און האָפנונג, פריד און פרייד, פרישקייט, פריילעכקייט און מונטערקייט: די, וואָס גיבען אַ זין דעם לעבען, אַ ווערט, אַ ריכטונג...

און וואָס איז עס פאַר „אַ קוואַל אויפ'ן שפיץ באַרג"?

דאָס איז: דאָס העכסטע פון דאָס הויכע, דאָס טיפסטע פון דאָס טיפע, דאָס אייביגסטע פון דאָס אייביגע, דאָס הייליגסטע פון דאָס הייליגע, דאָס געהיימסטע פון דאָס געהיימע...

דאָס, וואָס מיר קאָנען מיט קיין איין וואָרט ניט באַשטימען;
דאָס, וואָס מיר קאָנען מיט קיין איין נאָמען ניט אָנרופען, און דאָך פילען מיר, אַז אַהין און נור אַהין דאַרפען מיר שטרעבען — אָט דאָס איז „דער קוואַל אויפען שפּיץ באַרג"...

„און ס'שרייט תמיד דאָס האַרץ, אַז ס'זאָל קומען צום קוואַל און דער קוואַל גלוסט צום האַרץ אויך"...

און וויבאַלד אַז דאָס האַרץ „בענקט יאָ אַזוי צום קוואַל — פאַרוואָס גייט עס ניט צום קוואַל? — נאָר וויבאַלד דאָס האַרץ וויל צוגיין נאָענט צום באַרג, וואָס אויבען אויף אים איז דער קוואַל, אַזוי זעט עס שוין ניט אַרויס דעם שפּיץ פון באַרג (וואָרום אַזוי איז דער שטייגער ביי אַ הויכען באַרג: פון ווייטען, אַז מען שטייט, זעט מען אַרויס דעם שפּיץ פון באַרג, און אַז מען גייט צו נאָענט, זעט מען שוין ניט אַרויס דעם שפּיץ), און וויבאַלד, אַז עס זעט ניט דעם שפּיץ פון באַרג — קען עס ניט זען דעם קוואַל, און וויבאַלד, אַז עס קוקט ניט אויף דעם קוואַל גייט עס אויס —

און ווען דאָס האַרץ זאָל אויסגיין וואָלט גאָר די וועלט חרוב געוואָרען, וואָרום דאָס האַרץ איז דאָס חיות פון איטליכער זאַך, און ווי קען די וועלט אַ קיום האָבען אָן דעם האַרץ? איבער דעם קען דאָס האַרץ ניט צוגיין צום קוואַל, נור עס שטייט תמיד אַנטקעגען דעם קוואַל און עס בענקט און עס שרייט, אַז עס זאָל קומען צום קוואַל"...

דאָס „האַרץ פון דער וועלט" מוז, אַלזאָ, אייביג נור שטרעבען צום קוואַל, בענקען נאָך אים, ניט האָבענדיג די מעגליכקייט נאָענט צוקומען צו אים. אין דערזעלבער צייט מוז, אָבער, דאָס „האַרץ פון דער וועלט" שטענדיג זעהן דעם אייביגען קוואַל, דען „וויבאַלד, אַז עס קוקט ניט אויפען קוואַל גייט עס אויס". שטענדיג מוזען די אויסדערוויילטע מענשען פאַר זיך קלאָר זעהן דעם העכסטען אידעאַל. ווען זיי זעען עס ניט — דאַן גייט די וועלט צום גרונד...

און קראַנק איז אַמאָל „דאָס האַרץ פון דער וועלט" און שוואַך איז עס. ניט אַלע מאָל זעען די אויסדערווילטע מענשען דעם זין פון וועלט און לעבען, ניט אַלע מאָל איז פאַר זיי קלאָר דער אידעאַל וואוהין זיי דאַרפען שטרעבען...

פערצווייפעלט, פעראירט, פערפירט גייען זיי אַרום. און אַז עס בלאָנדושען די פירער, צווייען זיך די שעפעלעך אין אַלע זייטען און

זיי זוכן וואו אַ גראָז און וואו אַ בלעטעל און וואו אַ קוואַל וואַסער; און די שטאַרקע שפּעלעך שטויסן די שוואַכע, פּרעסן אַלץ אויף און דאָס קלאָרע וואַסער פאַרשמוצן זיי, און וועלף בעפאַלן זיי אַלעמען און עס ווערן גערעטעט אייניצעלנע אויף די הויכע בערג צי אין די טיפע טאָלן —

און די בעסטע מענשן זען עס און קענען גאָרניִשט העלפן. און פאַרצווייפעלט הייבן זיי די אויגן צום הימל אויף — דאַן טרעפט, דערזען זיי אַ הויכן ליכטיִגן שטערן, וואָס ווייזט זיי דעם וועג; דאַן, טרעפט אַמאָל, שניי־ווייסע מלאכים־פליגלען באַשיצן זיי; גייסטער פון ווייטע געהיימע וועלטן קומען צו זיי; די געהיימע שטימע פון אייביִגקייט רעדט צו זיי — ליכטיג ווערט זיי, לעבעדיג ווערן זיי און די גאַנצע וועלט באַלעבן זיי...

און אַזוי האָט די וועלט שטענדיג אירע עליות און ירידות, באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ, שטאַרקייט און שוואַכקייט, זין און אומזין, וועג און אירטום. זעט דאָס „הארץ פון דער וועלט" דעם „קוואַל אויפ'ן שפּיץ : אַר.", דאַן קלאַפּט דאָס „האַרץ" רוהיג און אַלע גלידער באַקומען זייער נאַרונג; זעט דאָס „האַרץ" דעם „קוואַל" ניט, ווערט עס אָפּגעשוואַכט און דער וועלט־אָרגאַניזם האַלט אין איין חלש'ען...

פאַראַן פּעריאָדען אין דער היסטאָריע, ווען די מענשהייט — אינ'ם געשטאַלט פון אירע בעסטע פאָרשמיעהער, — ווייסט וואוהין זי גייט, קלאָר איז איר וועג, קלאָר אירע אידעאַלען, פול ליכט איז זי דאַן, און גלויבען אין פרייד אין לעבען. פאַראַן, אָבער, פּעריאָדען אין דער היסטאָריע, ווען די מענשהייט — אינ'ם געשטאַלט פון אירע בעסטע פאָרשטעהער— האַלט נור אין איין בלאנדזשען; מאַכען געטער און צוברעכען זיי; גלויבען אין אַלע נאַרישקייטען, אָדער אין גאָרניִשט גלויבען, צעבראָכענקייט און וויי־געשריי. דאַן קומט ווידער אַ מאָמענט פון דורכלויכטונג און די מענשהייט קומט צו אַ העכערער מדרגה, ווי זי איז אַמאָל געווען און ווידער אַ פאַל און ווידער נאָך העכער, אַזוי אַרום שטייגט די מענשהייט דאָך אין לעצטען סכום אַלץ העכער און העכער. נאָענט גיין צום „קוואַל" קען זי ניט — זעען אים קען זי, אָבער, אַלץ קלאָרער און קלאָרער...

דאָס זענען די אייביגע עבבע און פלוטה פון דער געשיכטע. עס צעגיסט זיך אויס „גאָט־וויסען" ווי אַ ים, דער ים פאַרצלייצט זיינע ברעגעס, עס ברויזט, עס שטורעמט אַלץ, עס לעבט די וועלט.

אַמאָל, אָבער, ווערט דער ים פֿון דער געשיכטע אָפּגעפּאַלען, איינגע־האַלטען, געשטילט. נאָך אַ גרויסער, געוואַלטיגער אָנשטרענגונג פֿון דער מענשהייט, נאָך איר וועלען אַמאָל מיט געוואַלט צום „קוואַל" קומען, נאָך איר וועלען מיט געוואַלט צוברעכען די וואַנט, וואָס טיילט אָב שאַפֿונג פֿון שעפֿער, נאָך איר רייסען זיך צום אייביגען גאָט און דאָך ניט קענען צוקומען, נאָך איר שטאַרקען פֿליען — מוז נאַכהער קומען די צייט פֿון מידיגקייט, פֿון שוואַכקייט, פֿון אַראָפּפֿאַלען. אין אָט דער צייט פֿון מידיגקייט רוהט זי אָפּ פֿון איר פֿריערדיגען, שטאַרקען רייסען און זי זאַמעלט אָן נייע כחות אויף צו שטייגען נאַכהער — נאָך העכער.

אויף דער שפּראַך פֿון אונזער זעהער הייסט עס:

„אַז דאָס האַרץ פֿון דער וועלט דאַרף זיך אַביסעל אָפּרוען — אַזוי קומט אַ גרויסער פֿויגעל און פֿערשפּרייט די פֿליגעל אויף איהם און פֿערשטעלט אים פֿון דער זון, דעמאָלט רוהט זיך דאָס האַרץ אָפּ אַביסעל, און אַפֿילו דעמאָלט, אַז ס'רוהט זיך אָפּ, קוקט עס אַקעגען דעם קוואַל און בענקט אַלץ צום קוואַל".

דאָס „האַרץ פֿון דער וועלט" זענען אַזעלכע מענשען ווי בודדאַ, קאָנפֿוציוס, לאַאָטזי, עסכיל, סאָפֿאָקל, סאָקראַט, פּלאַטאָ, פּלאָטין; דאָס „האַרץ פֿון דער וועלט" זענען אויך אַזעלכע מענשען ווי: דאַנטע, שעקספּיר, בייראָן, היינע; דאָס „האַרץ פֿון דער וועלט" זענען אויך אַזעלכע ווי איבסען, ניטשע, טאָלסטאָי, מעטערלינק; דאָס „האַרץ פֿון דער וועלט" זענען זאָגאַר פֿיל קלענערע מענשען, ווען זיי בע־גרייפֿען דעם וועלט־שמערץ און זיי זאָגען זייער וואָרט דער מענשהייט אַרויס; דאָס „האַרץ פֿון דער וועלט" אין העכערען זין איז אָבער — דאָס גאַנצע, גרויסע, אייביגע פֿאָלק ישראל...

דאָ רעדט זיך נישט וועגען יעדען איינציגען חיים אין ברוך, וואָס איהר בעגעגענט אין גאַס, נור וועגען דעם פֿאָלק ישראל אין זיין גרויסען גאַנצען, דאָס יודישע פֿאָלק מיט זיין וועלט־בעדייטונג אין עבר, זיין וועלט־בעדייטונג אין געגענוואַרט און זיין וועלט־בעדייטונג אין צוקונפֿט...

איך דענק ווי רבי יהודה הלוי: „ישראל באומות כלב באברים: רב החליים יותר מכלם, ורב הבריאות יותר מכלם" (ישראל צווישען פֿעלקער איז ווי דאָס האַרץ צווישען אַנדערע אברים: עס איז קראַנ־קער פֿון אַלעמען און געזונדער פֿון אַלעמען).

די, וואָס זעהען אין אַזאַ אַנשויאונג שאָוויניזם אָדער ענגען

נאַציאָנאַלען עגאָאיִזם אָדער בלינדהייט און זעלבסט-נאַרעריי, פֿאַרגעסען אַז דאָ קען וועגען דעם אַלעמען קיין רעד נישט זיין, ווייל דאָ ווערט אָנגעוויזען ווי אויף די גוואַלדיגע מעלות פֿון יודען אַזוי אויף די גוואַלדיגע חסרונות פֿון יודען; דאָ איז גלייך אָנגעוויזען אי די געזונדהייט פֿון יודען, אי די קראַנקהייט פֿון יודען; דאָ איז אָנגעוויזען אי דאָס מיט וואָס יודען שטעהן העכער פֿאַר אַלע אַנדערע פֿעלקער, אי דאָס מיט וואָס זיי שטעהן נידעריגער פֿון אַנדערע פֿעלקער; דאָ איז גלייך אָנגעוויזען אי דאָס, וואָס אַז ווען יודען זענען הויך זענען זיי צו שטערען גלייך, אי דאָס, אַז ווען זיי זענען נידעריג זענען זיי — זאַמד פֿון דער ערד...

און מיינט עמיצער, אַז אין דעם גופֿא וואָס מיר שטעלען אַוועק דאָס אייביגע יודישע פֿאָלק אין דעם צענטער פֿון דער וועלט, אין דעם וואָס מיר זעהן אין איהם בעזונדערע מעלות און בעזונדערע חסרונות, איז דאָ אַ געוויסע נאַציאָנאַלע בלינדקייט, ווילט זיך מיר דערמאָהנען די ווערטער פֿון דעם פֿרייסטען גייסט פֿון אייראָפּאַ, פֿון דעם וואָס האָט ווירקליך אַלעס געזוכט, איבערגעוואונדען אין זיך און האָט געקוקט איבער דער מענשהייט — פֿרידריך ניטשע.

ער, ניטשע, האָט זיין גאַנצעס לעבען בעקעמפֿט די יודישע מאָראַל און די יודישע וועלט-אַנשויאונג, דאָך אַלס באמת פֿרייער גייסט, האָט ער געמוזט זעהן אין דעם יודישען פֿאָלק נישט סתם אַ פֿאָלק, נאָר אַ וועלט-פֿאָלק, אַ פֿאָלק וואָס מוז דער וועלט די גאולה ברענגען...

נאָך זעהר פֿיל טיפֿע אמת'ן וואָס ער זאָגט אַרויס אין זיין „מאָרגען-רייטהע" (§ 205) ענדיגט ער: „דאַן, ווען ישראל וועט פֿאַרוואַנדלען זיין אייביגע ראַכע אין אייביגע ברכה, דאַן וועט ווידער קומען יענער זיבעטער טאָג אין וועלכען דער אַלטער יודישער גאָט וועט זיך פֿרייען מיט זיך, מיט זיין שעפֿפֿונג, און מיט זיין אויסערוועלטען פֿאָלק, און מיר אַלע, אַלע וועלען אונז מיט איהם פֿרייען".

אונזער „אייביגע ראַכע" האָבען מיר נישט וואָס צו פֿערוואַנדלען אין „אייביגע ברכה", ווייל קיינמאָל האָבען מיר יודען באמת קיין שלעכטס נישט געוואונשען, מיר האָבען נאָר געצאָרנט ווען מען האָט אונז שלעכטס געטהון, מיר האָבען גאָט געבעטען, מיר האָבען געקלאָגט, מיר האָבען אונזער קללה אייביג אין ברכה פֿערוואַנדעלט,

מיר האָבען געזעהן אונזער גאולה אין דער גאולה פון דער מענשהייט...

און ווי קאָן מען דען אַנדערש דענקען וועגען דעם יודי־שען פאָלק, אויב נישט וועגען אַ וועלט־פאָלק?

שוין דאָס אַליין, וואָס דאָס יודישע פאָלק האָט צווישען אַלערליי מעגליכסטע פעלקער פון אַלטערטום געלעבט; וואָס עס האָט צווישען אַלערליי מעגליכסטע פעלקער פון מיטעלאַלטער געלעבט; וואָס עס לעבט יעצט צווישען אַלערליי מעגליכסטע פעלקער פון יעצטיגע עפּאָכען; שוין דאָס אַליין וואָס דאָס יודישע פאָלק איז געקומען אין בעריהרונג מיט הונדערטער קולטורס, מיט הונדערטער שפּראַכען, אמונות, מיט הונדערטער אַרטען פון פּאָליטישען לעבען, מיט הונדערטער אַרטען פון עקאָנאָמישען לעבען, אין אַלערליי מעגליכסטע, פערשידענסטע קלימאַטען, אין אַלערליי משונה'־דיגע לעבענס־בעדינגונגען, אין אייביגען קאַמף מיט גאָר דער וועלט פאַר'ן שטיקעלע ברויט, פאַר אַ פרייען אָטעם, פאַר אַ שטראַל ליכט; שוין דאָס אַליין וואָס דאָס יודישע פאָלק איז ניט נאָר דאָס עלטסטע פון אַלע יעצט עקזיסטירענדע פעלקער, נאָר אויך די מעהר ערפאַ־רענע פון אַלע פעלקער; שוין דאָס אַליין וואָס דאָס יודישע פאָלק פעראייניגט אין זיך די ערפאַרונג פון אַלטקייט מיט די פרישקייט פון יוגענד, די טיפע, רוהיגע אַנשויאונג פון אַ מזרח פאָלק מיט די בעוועגליכקייט, ענערגיע און געשיקטקייט פון אַ אייראָפּעאיש פאָלק, דעם היטציגען טעמפּעראַמענט פון אַ מזרח־פאָלק, מיט די קאַלטקייט, געלאַסענהייט און זאַכליכקייט פון אַ קאַמערץ פאָלק, שוין דאָס אַליין וואָס יודען זענען, מייסטענס, שטאָדט־לייט און זיי בעשעפטיגען זיך, מייסטענס, מיט מסחר און מיט ליבעראַלע פּראָפעסיעס, און זיי זענען אַלזאָ שטענדיג אין מיטעל־פונקט פונ'ם לעבען, — שוין דאָס אַלץ האָט געמוזט אַוועקשטעלען דאָס יודישע פאָלק אין צענטער פון דער וועלט. ווילענדיג, נישט ווילענדיג, מוז מען זעהן אין דעם יודישען פאָלק — דעם דופק פון דער וועלט.

„וואוהין, בעמערקט נישע זעהר ריכטיג, וואוהין זאָלען אהינ־קומען די פיל אָנגעזאַמעלטע גרויסע איינדריקען, וועלכע די יודישע געשיכטע גיט איבער יעדער יודישער פאַמיליע, די פולקייט פון ליי־דענשאַפטען, מעשים־טובים, ענטשלוסען, ענטזאַגונגען, מלחמות, נצחונות פון אַלערליי אַרטען,—וואוהין זאָל דאָס אַלץ זיך אויסשטראָמען, אויב

ניִשט אין גרויסע גייסטיגע מענשען און ווערק?"

אַט די לאַגע פֿון דעם יודישען פֿאָלק מאַכט איהם אָבער נישט אַלע מאָל הויך, שעהן און געזונד. פֿערקעהרט! ווייל דאָס יודישע פֿאָלק איז אין צענטר פון לעבען, טראָגט עס אין זיך אי דאָס שטאַרקע, גוטע און געזונדטע פון לעבען, אי דאָס קראַנקע, פוילע און נידריגע פון לעבען. ביידע זאַכען טראָגט אין זיך דאָס יודישע פֿאָלק זעהר אין אַ גרויסער מאָס. אַמאָל שטאַרקט זיך „דאָס געזונדטע", אַמאָל— „דאָס קראַנקע"...

איבער דעם איז דאָס יודישע פֿאָלק אין שטענדיגען געפֿאַהר. איצט, אין גאָר דער לעצטער צייט, איז די געפֿאַהר נאָך שטאַרקער געוואָרען און גאָט ווייסט, ווי אַזוי מיר יודען וועלען זי איבערלעבען...

אין דערזעלבער צייט איז אויך אונזער פֿעראַנטוואָרטליכקייט זעהר גרויס. ווייל מיר זענען נישט אַבי אַ פֿאָלק, ווייל מיר טראָגען אין זיך די קולטור פון דער גאַנצער מענשהייט, ווייל אין אונז ווערען זעהר פיל גאַבען, פֿעהיגקייטען און טאַלענטען קאָנצענטרירט,—איבער דעם זענען מיר פעראַנטוואָרטליך נישט נור פֿאַר זיך, נאָר אויך פֿאַר גאָר דער וועלט...

אין מיינע פֿריהערדיגע „בריוועלעך צו דער יודישער יוגענד" האָב איך מייסטענס אָנגעוויזען אויף „דאָס געזונדטע" אין דעם אייביגען יודישען פֿאָלק. אין איצטיגע „נייע בריוועלעך צו דער יודישער יוגענד", וויל איך אָנווייזען, ווי אַזוי דאָס אייביגע יודישע פֿאָלק, אַלס „האַרץ פֿון דער וועלט", טראָגט אין זיך אי דאָס געזונדטע, אי דאָס קראַנקע פֿון דער וועלט, אין וואָס אָט דאָס קראַנקע בעשטעהט, ווי אַזוי מען זאָל עס אויסמיידען, ווי אַזוי מיר זאָלען עס בעקעמפֿען, ווי אַזוי מיר זאָלען עס איבערווינדען...

צו אייך, יודישע יוגעלייט, ווענד איך זיך מיט מיין וואָרט. אייערע נשמות, וועלכע זענען נאָך נישט פֿערהאַרטעוועט געוואָרען אין לעבענס-קאַמף, אייערע הערצער, וועלכע זענען נאָך ריין גענוג, אייער אויער, וועלכער קאָן נאָך פֿערנעהמען דאָס ערנסטע און ריינע וואָרט, אייערע חושים, וועלכע דינען אייך נאָך אום צו אונטערשיידען אַן אמת הארציג וואָרט פֿון קאָקעטעריי און ביליגען ראַדיקאַליזם,— איהר, גלויב איך, וועט מיך פֿערשטעהן און פֿיהלען.

איך וועל מיך בעמיהען אויפֿווייזען דאָס הויכע און דאָס נידעריגע, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, דאָס שעהנע און דאָס העסליכע

וואָס איז דאָ אינ׳ם יודישען לעבען, וואָס איהר דאַרפט א י ן ז י ך און אַ ר ו ם ז י ך א י ב ע ר ו ו י נ ד ע ן, וואָס איהר מוזט פעסט האַלטען און אָבהיטען פון דער וועלט, וואָס איהר האָט צו טהון אום צו טראָגען הויך די פאָהן פונ׳ם אייביגען ישראל.

און מיט מיין גאַנצע ליבע צום אייביגען פאָלק און צו אייך, זיין צוקונפט, בעשוואָר איך אייך: בלייבט טריי די העכסטע אידעאַלען פון אייער פאָלק, דען אָט די אידעאַלען זענען אויך—די העכסטע אידעאַלען פון דער מענשהייט.

צווייט־ר בריף.

דער ערשטער וואָס האָט אַוועקגעשטעלט דאָס יודישע פאָלק אינם צענטער פון דער וועלט געשיכטע איז — רבי נחמן קראָכמאַל. זיינע פאָרגענגער האָבען עס נור משער געווען, ער האָט עס אָבער דורכגעפילט און קלאָר געזען. זיינע נאָכפאָלגער נעמען פון אים נור דאָס ספעציעל־יודישע, אָבער ניט זיין וועלט־אויפפאַסונג. ער בלייבט אַלזאָ מיט זיין אַרט זעהן וועלט און ישראל — ניט נור דער ערשטער, נ״ר אויך דער לעצטער.

די שטאַרקע, ערנסטע און קאָנסעקוועטנטע נאָכפאָלגער פון קראָכ־מאַל זענען, אין דער לעצטער צייט, פון איין זייט — יעבץ, פון דער צווייטער זייט — אחד העם.ביידע האָבען זיי, קענטיג, גוט געשטו־דירט קראָכמאַל. האָבען אים אויסגעצייכנט גוט געפילט און פערשטאַנען, דאַביי האָט אים יעבץ אַביסעל מער פערפרומט און אחד העם האָט אים אַביסעל מער — אייראָפייאיזירט. אין תוך אַריין חזר׳ן זיי ביידע איבער דעם „רוחני״ (וועלט־גייסט) פון קראָכמאַל, נור יעבץ קוקט מיט שטאַרקער בענקשאַפט אויף דער אַלטער יודישער פערגאַנגענהייט און זיין אידעאַל איז דעריבער „תרבות ישראל העתיקה״ (די אַלט־יודישע קולטור״); אחד־העם זעט אָבער דעם יודישען גייסט אין אַלע צייטען און וואַרפט אַ בליק אין דער צוקונפט. זיינע אידעאַלען זענען דערי־בער די „אידיאה מופשטת״ (אַבסטראַקטע אידעע) און „מרכז רוחני״ (אַ גייסטיגער צענטער).

אַלע הויפט־אידעען פון יעבץ און אחד־העם ווערען איינגעשלאָ־

סען אין פאָלגענדע געדאַנקען פון קראָכמאַל *):

„דאָס וועזענטליכע, וואָס איז אין אַ פאָלק אַלס אַזעלכעס, איז נישט אַנדערש ווי דאָס וועזען פון זיין גייסט, און דעריבער, אַז דער גייסט פון אַ פאָלק ווערט אָבגעשוואַכט — צופאַלט דאָס פאָלק; ווען דער גייסט פון פאָלק ווערט צו ניכטס — שטאַרבט דאָס פאָלק.

„דער גייסט איז דאָך אָבער עטוואָס אונשטערבליכעס, וואו זשע קומט ער אַהין, נאָכדעם ווי דאָס פאָלק וואָס האָט אים געבוירען איז אָבגעשטאָרבען? דער גייסט פון איין פאָלק געהט אַריבער צו אַ צווייט-פאָלק, וואָס — איז אים נאָנט אין צייט און אין אָרט**).

„די קליינע פעלקער גיבען איבער זייערע גייסטער איינס די צווייטע, אָבער די גרויסע פעלקער מיט זייערע גרויסע טהאַטען גיבען איבער זייערע גייסטער אין מאַלעריי, סקולפטור, פאָעזיע, וויסענשאַפט, געזעצען א. ז. וו. און זייער גייסט געהט אַלזאָ איבער צום גאַנצען מענשליכען געשלעכט, צו דעם אַלגעמיינעם גייסט, וועלכער ענטוויקעלט זיך און ענטדעקט זיך אין אים.

„אָט דער גייסט פון יעדעס פאָלק אָדער געניוס פון יעדען פאָלק, ווערט אָנגערופען אי „שר האומה", אי „אלהי האומה" אי „אלהי הארץ".

„אָט דער גייסט פון אַ פאָלק ווערט אויסגעדריקט אין אַ בעזונ-דער סימבאָל אָדער סימבאָלען און אָט דער סימבאָל אָדער סימבאָלען ווערען — זיין גאָט אָדער געטער. צו אָט יענע סימבאָלען דיענט דאָס פאָלק. איין גאָט סימבאָליזירט גבורה, דער צווייטער — ענערגיע, דער דריטער קונסט, דער פערטער — חן, דער פינפטער — וויסען, וכדומה. די סימבאָלען ווערען אויסגעדריקט דורך פערשידענע געשטאַל-טען, אַמאָל דינען די קאָסמישע קערפער אַלס סימבאָלען, אַזוי ווערט די זון — דער סימבאָל פון ליכט און פון ענטדעקונג, סאַטורען — בילדונג, יופיטער (זעווס) — יוסטיץ, מאַרס — גבורה, ווענוס — חן וכדומה".

„אַלעס פערגייט אָבער; זון און שטערען — אַלץ פערשווינדעט

---

*) קראָכמאַל'ס געדאַנקען גיב איך דאָ אין אַ פרייער איבערזעצונג בעמיהענדיג סיסטעמאַטיזירען זיי אַזוי, אַז זיי זאָלען מעהר פערשטענדיג זיין דעם לעזער, וואָס איז צו מעטאַפיזיק ווייניג געוואוינט.

**) צו קראָכמאַלס געדאַנק מוז מען צו געבען: און אין שטאַם...

דאָס העכסטע וואָס קען זיי קענען סימבאָליזירען — אויך דאָס פּער־שווינדעט. אויך דער גאַנצער גייסט וואָס ווערט אין מענשען בכלל ענטדעקט — אַלץ, אַלץ עקזיסטירען באמת ניט אין זיך, נור אין דעם אַבסאָלוטען גייסט, וועלכער איז דער קוואַל פון יעדען גייסט".

„יודען האָבען דערקענט ניט אַ וואַסער ניט איז איינצעלנעם גייסט, נור דעם אַבסאָלוטען גייסט, דעם שעפּפער פון אַלץ".

„און אַזוי האָט די איבערשטע מאַכט אויסערוועהלט דעם ער־שטען שטאַם אונזערען, די היילינע אבות, און האָט אויסגעטיילט פון זייערע קינדער די בעסערע, אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיך געבילדעט די משפחה פון צוועלף שבטים אויף אַ בעשטימטען לאַנד".

„און די געטליכע ווייזהייט האָט אַזוי ווייטער געפירט ביז זי האָט פון ישראל געבילדעט אַ ממלכת כהנים, דאָס הייסט: די וואָס דאַרפען לערנען דעם מענשליכען געשלעכט די אַבסאָלוטע וואַרהייט און פירט זי (די משפחה פון ישראל) אַזוי לאַנג, ביז עס וועלען ענטדעקט ווערען און געבילדעט ווערען אין איר אַלע גייסטיגע ירושות און אַלע גייסטיגע גאַבען אין שטרענגער האַרמאָניע און אויף אַזאַ אופן, אַז זיי אַלע וועלען אָנגעהאַלטען ווערען און געשטיצט ווערען אין זייערע אמת'ן אויף גאָט".

„דאָס הייסט ווידער, אַז אין יעדער טאָט פון אונזער פאָלק און אין אַלעם שענעם און ערהאַבענעם, וואָס ווערט פערקערפּערט אין אונז, זאָלען מיר וויסען אין האַרצען און ערקענען אָפען, אַז גאָט לעבט אין אונז און אַז פון זיין האַנד איז אונז אַלץ געגעבען, דען אַלע גאַבען זענען אין איהם און קומען פון אים".

„אַלע אַלטע פעלקער, אַז זיי האָבען דערפילט דאָס גייסטיגע, וואָס וועבט זיך אין זייער לעבען, זענען זיי דערפון ענטציקט געוואָרען און אויפגעפלאַמט געוואָרען אַזוי, אַז זיי האָבען אָנגעהויבען דיענען צו דעם. זיי האָבען אָבער בעגריפען נישט מער, ווי איינצעלנע גייסטער, וויל זיי האָט געפעלט דאָס קלאָרע בעוואוסטזיין פון דעם אַבסאָלוטען גייסט, פון דעם, וואָס די פאַנטאַזיע און געשטאַלט־קראַפט און נעדאַנק און שכל האָט קיין אָנהאַלט ניט (וויל ער איז איבער דעם אַלעמען), איבער דעם זענען זיי ביסלעכווייז, ביסלעכ־ווייז אָפגעשוואַכט געוואָרען, אין שמוץ נעזונקען, ביז דער גייסט האָט זיך פון זיי אין גאַנצען אָפגעטון, און זיי זענען צו גרונד געגאַנגען".

„נור מיט דעם חסד, וואָס גאָט האָט געטון מיט דעם פאָלק,

וואָס ער האָט אויסערוועהלט, דעם חסד וואָס זיין סיבה איז, געווענליך, ניט אין אונז און אין די דורות וואָס פאַר אונז, נור מיר מוזען זיך אומקערען ביז צום ערשטען קוואַל, צו די אבות, מיט אָט דעם חסד איז אונז געקומען אָט דער הויכער געדאַנק, וועלכער איז העכער פאַר אַלע געדאַנקען פונ'ם פערנונפט. און עס איז ביי אונז שטענדיג געווען אָט די גרויסע און שווערע השגה, כאָטש, פון דער צווייטער זייט, איז זי גאָר נאָנט און לייכט״.

און ווילסטו וויסען ווי ווייט דער געדאַנק איז אי שווער אי לייכט אין איין און דערזעלבער צייט — זעה! אָט איז דאָך דאָס גאַנצע פאָלק ישראל, כאָטש זיי זענען געשטאַנען אויפ'ן באַרג סיני און האָבען אָט דעם געדאַנק פערנומען, האָבען זיי אים דאָך ניט בעגריפען מיט זיין עכטע ריינהייט און דורכ'ן גאַנצען פאָלק, ביז נאָנט צו דער צייט פון ווען די גולי-בבל האָבען צוריקגעקערט, נור פון דאַמאָלס אָן איז עס שוין אין אונזער האַרצען אויסגעקריצט און דער געדאַנק ווערט פון אונז קיינמאָל ניט אָפּגעטון, און מיר זענען אין דעם לערער פאַר פיל פעלקער און דורך דעם עקזיסטירען מיר און דורך דעם וועלען מיר געהאָלפען ווערען אויף אייביג״.

פון אָט די געדאַנקען שטאַמען אחד-העם'ס געדאַנקען וועגען „אַבסאָלוטע גערעכטיגקייט״ און „אַ פאָלק פון נביאים״ און די „אַבסטראַקטע אידעע״ וועלכעס איז העכער פון אַלץ אין דער וועלט און וואָס אין איר ליגט די סיבה פון אונזער אייביגקייט, אין דער צייט וואָס אַנדערע פעלקער פערשוואונדען. פון אָט די געדאַנקען שטאַמט אויך דער גאַנצער ראָמאַנטיזם פון יעבץ און אַנדערע.

פאַראַן אָבער איין הויפּט-שטריך אין די דערמאָנטע געדאַנקען, וועלכער איז פרעמד געבליבען אי יעבץ אי אחד-העם, אי אַלע אונזערע פאָרשער.

אי יעבץ אי אחד-העם אי אַלע אַנדערע אַזעלכע פאָרשער שטעלען דאָס יודענטום געגען דעם הײדענטום אין אַלע זיינע ערשיינונגען און געגען אַלערליי מעגליכסטע אידעאַלען פון אייראָפּאַ, אָנבעמעריג נור אַזעלכע אייראָפּעאישע אידעאַלען, וועלכע זענען שטרענג כשר, לויט דעם גייסט פון יודענטום, ווי זיי פאַסען אים אויף.

ביי קראָכמאַלען איז אָבער דאָ באמת, אַ פיל ברייטערער קוק אויף יודענטום. דער „אַבסאָלוטער גייסט״, ווי קראָכמאַל פאַסט אים אויף איז באמת ניט געגען אַנדערע גייסטער, נור אַלע

גייסטער ווערען אײנגעשלאָסען אין איִם. ביי קראָכמאַל איִז די „אַבסאָלוטע ווארהייט" און „אַבסאָלוטער גייסט" ניט פיינדליך צו קונסט, צו פערזענליכקייט, צו שענהייט צו קראַפט, צו אַלע זאַכען, וואָס די אַרישע פעלקער פערגעטערען, נור זיי ווערען בטל אין דעם „אַבסאָלוט", ווי עס ווערען בטל טראָפּענס פון ים אין'ם ים...

אחד־העם'ס „אידיאה מופשטת" איִז נור איין אָריגינעלע גייסטיגע אויפפאַסונג פון איין משפחה אין אזיען, ביי וועלכע אָט די משפחה מוז זיך האַלטען. ווייל זי, אָט די אָריגינעלע אויפפאַסונג, ליגט אין איר בלוט און פלייש, אַזוי, אַז סוף כל סוף ווערט יודענטום עטוואָס וואָס איִז אויסגעשלאָסען פון דער אַלגעמיינער קולטור. ביי קראָכמאַל'ען איִז אָבער דער „אַבסאָלוטער גייסט" — די העכסטע האַרמאָניע פון אַלע כחות, פון אַלערליי מעגליכסטע גייסטיגע גאַבען („כלל הרוחניות" און „כל הנחלות והמנות הרמניות נערכות בערך שווי").

ביי יעבצן איִז דאָס יודישע פאָלק אַן אייביגער עדות פון אַלע וועלטליכע געשעהעניִשען און אַן אייביגער מאָראַלער שופט זייערע; ביי אחד־העם איִז דאָס יודישע פאָלק, אין זיין גרונד, דער אייביגער אנטיפאָד פון'ם אַרייאישען גייסט, -- ביי קראָכמאַל איִז אָבער דאָס יודישע פאָלק אין צענטר פון אַלץ. ווייל דאָס יודישע פאָלק איִז אין זיך כולל אַלץ, ווייל עס פעראייניגט אין זיך אַלערליי מעגליכסטע קאָנטראַסטען אין איין העכסטען אמת, אין וועלכען אַלץ ווערט פערהייליגט און פעראייביגט.

אָט פון דעם שטאַנדפונקט וועל איך אין מיינע קומענדיגע בריוועלעך געבען אַ איבערבליק אויף אונזער גרויסער פערגאַנגענהייט, דורך וואָס אונזער בליק וועט אפשר קאָנען דורכדרינגען דעם געדיכטען נעבעל, וואָס פערדעקט פון אונז די צוקונפט.

דריטער בריף.

איידער איך וועל צוטרעטען צו מיין היסטאָרישען איבערבליק אויף דער יודישער פערגאַנגענהייט, וויל איך אייך קלאָר מאַכען איין הויפט־פונקט אין וועלכען איך מוז זיך פונאַנדערגעהן מיט

קראָכמאַל. ביי קראָכמאַל'ען איז ניט קלאָר געַנוג, אויב עָר מיינט מיט זיין „אַבסאָלוטען גייסט" (הרוחני המוחלט) עטוואָס וואָס איז איבער און איבער אַלעס מענשליכעס אָדער נור דאָס טיפסטע, דאָס אַלגעמיינסטע און דאָס אַבסטראַקסטע אין'ם מענשען גופא.

פון איין זייט זאָגט ער, אַז אין'ם „אַבסאָלוטען גייסט" האָט קיין אָנהאַלט נישט, נישט די פאַנטאַזיע, נישט די געשטאַלט, נישט דער געדאַנק און נישט דער שכל („אין לדמיון ותבנית ולא למחשבה ולא לשכל תפיסה בו כלל"), פון דער צווייטער זייט זאָגט ער, אַז ער, „דער אַבסאָלוטער גייסט" איז אַ בעגריף פון'ם ריינעם פערנונפט („הוא מושג הבינה הטהורה לבד"). משמעות, אַז דער ריינער פערנונפט קען אים יאָ משיג זיין. נאָך מער: ביידע זאַכען קומען אין איין און דערזעלבער פראַזע...

ביי קראָכמאַל אַלס אַ נאָכפאָלגער פון העגעל איז עס פערשטענדיג. דער געוועהנליכער שכל קען טאַקי דעם „אַבסאָלוטען גייסט" נישט משיג זיין, דער „ריינער פערנונפט" קען אים אָבער יאָ משיג זיין...

מיר אָבער, וועלכע בשעת מיר בעטראַכטען די וועלט אויסערליך האָבען מיר מיט קיינע גייסטער נישט צו טהון, ווייל מיר זעהן דאַן נור מעכאַנישע קרעפטען, וועלכע ווירקען איינע אויף די צווייטע און די רעזולטאַטען פון אָט די פערשידענסטע ווירקונגען. און בשעת מיר בעטראַכטען די וועלט אינערליך, בשעת מיר ווילען דאָך וויסען, וואָס איז וועלט און לעבען אין זייער אמת'ער מהות, — דאַן בעגנוגענען מיר זיך נישט מיט קיינע גייסטער, ווייל מיר פערשטעהן דאַן, אַז „גייסט" איז אויך נור אַ ריין מענשליכער בעגריף און מיר זוכען דאָך דעם אמת ווי עָר איז אַן און פיר זיך, דער אמת ווי ער עגזיסטירט נישט פאַר אונז, נור אין זיין איבער־מענשליכען וועזען, מיר בעגרייפען, אַז אפילו דער ריינער פערנונפט („בינה הטהורה), האָט אויך אין דער „אַבסאָלוטער וואַרהייט" קיין אָנהאַלט נישט...

דער „אַבסאָלוטער אמת", בעגרייפען מיר דאַן, גיט זיך דער מענשהייט נור אין איינצעלנע זעלטען־זעלטענע מאָמענטען, אין מאָמענט פון התגלות (אָפּענבאַרונג), בשעת „דאָס פאָלק זעהט די קולות", בשעת מענשען זעהן נישט מיט חושים און נישט מיט שכל,

נור מיט דער גאָטהייט, וואָס רוהט אין זיי...

אָט די מאָמענטען לאָזען זייערע שפורען אויף טויזענדער יאָרען, אויף דורות און דורי־דורות, מענשען געדענקען זיי און ווערען ריין און הייליג; מענשען פערגעסען זיי און ווערען — אומריין און וואָכעדיג.

נור אפילו אין דעם מאָמענט פון התגלות, אויך דאַן טהוט עס נור אַ בליץ, נור אַן אָנהויב האָבען דאַן די מענשען, אָבער זיי קענען נישט בעגרייפען עטוואָס וועזענטליכעס. זיי דערשפירען אין זיך דעם, וואָס איז איבער יועלט און מענשען — זיין מהות ווערט אָבער קיינמאָל נישט ענטדעקט (וראית את אחורי, ופני לא יראו").

אין דעם איז דער אייביגער טעות פון די מעטאַפיזיקער. סוף כל סוף קענען זיי זיך נישט פאָרשטעלען עטוואָס העכער פון שכל, דער „העכסטער שכל", דער אַבסטראַקסטער שכל, אָבער דאָך נור — שכל. פון דעם טעות איז נישט פריי געווען אויך דעם רמב"ם, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט בנוגע צו דער גאָטהייט: „הוא המדע הוא היודע והוא הידוע" (ער איז דאָס וויסען, ער איז דער וויסער און ער דאָס וואָס ווערט בעוואוסט). אַלץ דרעהט זיך אינ'ם קרייז פון ערקענטניס...

אין אמת'ן אָבער מוז אונזער יודישע אויפפאַסונג פון גאָטהייט זיין ווי דער רב מלאַדי האָט עס אויפגעפאַסט: „עצמות האלהות כשם שהיא למעלה מן הגשמיות, כך היא למעלה מן הרוחניות" (אלהות זעלבסט ווי זי איז העכער פון קערפערליכקייט, אַזוי איז זי העכער אויך פון גייסטיגקייט). אַזוי שרייבט ער אין זיין „תורה אור" און אויך אין זיין „תניא" (פרק ב' אין הערה זאָגט ער, אַז די גאָטהייט ווי זי איז אַן און פיר זיך איז אפילו „חכמה דאצילות" געגען איר נישט מעהר ווי „גשמיות")...

זיין איינינקעל, דער ליובאַוויטשער, האָט עס נאָך פיל מעהר פערברייטערט און האָט פערטיפט (אין איין כתב־יד) די געדאַנקען פונ'ם מהר"ל מפראָג, וועלכער האָט אויסגעצייכענט בעגריפען דעם גרונד־טעות פון רמב"ם.

דאָס איז נישט נור אַ ריין טעאָלאָגישער וכוח. קוים שטעהן מיר אויפ'ן עקסט־אידעאַליסטישען שטאַנד־פונקט, קוים זעהן מיר אין דער יודישער געשיכטע איבערהויפט גרויסע, אַלוועלטליכע גייסטיגע

מאָמענטען, מוזען מיר זיך דאָך קלאָר מאַכען, צי אָט דער גייסט, וואָס בילדעט דאָס יודישע פאָלק, שטרעבט צום וועלט־גייסט, וועלכער ווערט בעגריפען „דורכ'ן ריינעם פערנונפט" אָדער צו עטוואָס וואָס איז העכער איבער דער וועלט, אין וועלכען דער וועלט־גייסט רוהט נור, ווערט בטל אין אים...

איך געה אַרויס אין מיינע אַנשויאונגען אויף דעם שיקזאַל פונ'ם יודישען פאָלק פונ'ם לעצטען שטאַנד־פונקט און איך זעה, אַז קראָכמאַל זעלבסט, ווען ער פערגעסט אַ ווײַלע זיין העגעליזם און העגעל'ס טערמינאָלאָגיע, זעהט ער אפילו אינ'ם „וועלט־גייסט" נישט עטוואָס אַבסאָלוטעס, נור עטוואָס וואָס עקזיסטירט נור אין דער גאָטהייט, וועלכע איז איבער אים און בכלל איבער אַלץ...

אַזוי זאָגט ער אין איין אָרט בפירוש:

„גם הרוחני המושג לנו בקשורו עם כל הגשמים ומתגלה יותר במין האדם ובסגולותיו, אין עמידתו ואמתת מציאותו, כי אם בהשם יתעלה") (זאָגאַר דער גייסט וועלכער ווערט אונז בעגריפען אין זיין פערבאַנד מיט אַלע קערפּערס און ווערט ענטדעקט בעזונדערס אינ'ם מענשליכען געשלעכט און אין זיינע אויסערוועלטע, איז זיין בעשטאַנד און די אמת'קייט פון זיין עגזיסטענץ נור אין גאָט").

און אַלזאָ זוכט אייביג דאָס יודישע פאָלק אָט דעם וואָס איז איבער אַלץ און אַלעמען, דעם „קוואַל אויפ'ן שפּיץ באַרג"...

און „עס בענקט דאָס האַרץ צום קוואַל און דער קוואַל צום האַרץ".

ווי ישראל בענקט צו זיין קוואַל, אַזוי וויל דער „אייביגער קוואַל" אויך דעם „האַרץ פון דער וועלט" לעבען געבען...

דאָס „האַרץ פון דער וועלט" רופט צו זיך דעם קוואל און מיט דעם בלייבט דער קוואַל אין דער וועלט. דאָס וואָס איז אַן און פיר זיך אויסער דער וועלט און איבער דער וועלט, בלייבט אין דער וועלט און הייליגט און ריינינגט די וועלט...

עס האָט אָנגעהויבען קלאַפּען דאָס „האַרץ פון דער וועלט" אינ'ם געשטאַלט פון אַנ'אַלטען העברעער—אברהם. ער האָט צום „קוואַל אויפ'ן שפּיץ באַרג" געבענקט—דער „קוואַל" האָט זיך איהם בעוויזען...

„אַ גרויסער פּאַלאַץ איז דאָ. דער פּאַלאַץ איז פול ליכטער. איז דען אָט דער פּאַלאַץ אָהן אַ פיהרער?"

„גלייך האָט איהם גאָט ברוך הוא אָנגעקוקט: איך בין דאָס דער הערר פונ'ם פאַלאַץ"...

אברהם האָט די געוואַלדיגסטע ערשטוינונג איבערגעלעבט: ווי? איז דאָס? וואָס איז עס? וואָס איז וועלט און לעבען? פון וואַנגען קומט עס? וואוהין פיהרט עס?

און באַלד האָבען איהם די געטליכע אויגען אָנגעקוקט און האָבען איהם אין דעם וועג פון אייביגקייט געפיהרט...

און עס האָט זיך איהם גאָט בעוויזען אַלס דער ריכטער פון גאָר דער וועלט („שופט כל הארץ") וועלכער פאָדערט פונ'ם מענשען, אַז ער זאָל אין זיין וועג געהן, און די רעכט און גערעכטיגקייט אין לעבען איינפיהרען („משפט וצדקה").

און עס ווערט איהם גאָט ענטדעקט אויך אַלס גוטס-טהוער, אַלס דער וואָס שפייזט אַלעמען. גרויס און קליין, גוט און שלעכט, גאָט-דינער און געצען-דינער און ער פאָדערט פון מענשען אויך, אַז ער זאָל אין זיין וועג געהן און זאָל מיט אַלע מענשען גוטס טהון, (די אָפּענבאַרונג אין אלוני ממרא, די דריי מענשען ווערען אברהמ'ען ענטדעקט, לויט דעם אויסגעצייכענטען פערשטעהן פון דער אגדה, אַלס דריי בעדואינער, געצענדינער וואָס בוקען זיך צום שטויב פון זייערע פיס—אויך אָט די מוז מען בעדינען, שפייזען און גוטס טהון).

און ער ווערט איהם ענטדעקט אויך אַלס די העכסטע פאָלקאָמענהייט און גאַנצקייט און ער פאָדערט דעריבער פון מענשען אויך די העכסטע פאָלקאָמענהייט און גאַנצקייט (והיה תמים").

און ער ווערט איהם ענטדעקט אויך אַלס די גרעסטע נדיבות, גרויסמוטיגקייט, רייכטום, אייביגעס שענקען און געבען און ער פאָדערט דעריבער פונ'ם מענשען, אַז ער זאָל אויך זיין שטענדיג גרויסמוטיג, אַז ער זאָל קענען אייביג געבען און שענקען (דער ספּור מיט דעם מלך סדום. אברהם רעטעט איהם און זיין פאָלק און ווען דער מלך סדום וויל איהם רייך מאַכען ענטפערט ער: קיין פאָדעם וועל איך פון דיר נישט נעהמען).

און ער ווערט איהם ענטדעקט אויך אַלס דאָס מעכטיגסטע און אין דערזעלבער צייט אויך דאָס טייערסטע וואָס שטעהט איבער וועלט און מענשען. צוליב וואָס דער מענש דאַרף און מוז אַלערליי מעגליכסטע נסיונות, אַלערליי מעגליכסטע צרות אויסשטעהן, גאַנץ און ריין בלייבען.

און ער ווערט איהם ענטדעקט אויך אַלס דאָס העכסטע וואַר־הייט צוליב וועלכע דער מענש דאַרף קענען מקריב זיין אפילו דאָס וואָס עס איז ביי איהם דאָס טייערסטע אין לעבען („עקדה”).

אָט דאָס אַלץ ווערט אברהמ'ען ענטדעקט און דאָס אַלץ פיהרט ער דורך אין לעבען מיט דער גרעסטער גבורה, פעסטקייט און קלאָר־קייט און ער ווערט ווירקליך פאָלקאָמען און גאָט איז מיט איהם כורת ברית, ווייל נישט נאָר אין בעגריפען איז ער צו די העכסטע פאָלקאָמענהייט געקומען, נאָר אויך אין טאָג־טעגליכען לעבען. ווי באַלד אַז ער האָט שוין די פאָלקאָמענהייט נישט נאָר אין נשמה נאָר אויך אין קערפער געהאַט—קאָן זיך פון איהם גאָט קיינמאָל נישט אָפּטהון...

און ווי באַלד, אַז זיין זוהן יצחק איז איהם געבוירען נאָכ־דעם ווי ער האָט שוין די פאָלקאָמענהייט אין זיך געהאַט, אין קערפער, אין לעבען—האָט יצחק גע'ירש'ענט דאָס געטליכע אין זיין בלוט און פלייש און ער איז שוין געבוירען געוואָרען אַלס „עולה תמימה”. און אויב עס איז נאָך אין איהם עטוואָס אומפאָלקאָ־מענע געווען איז שוין יעקב אין גאַנצען געווען דער גאָטהייט געווידמעט.

און אַזוי אַרום ווערט געבוירען די הייליגע משפחה, וועלכע בילדעט אין יענער צייט דעם איינציגען אָרט וואוהין גאָטס אויגען זענען געווענדעט, ווייל נאָר דאָ האָט זיך געפונען דאָס „האַרץ פון דער וועלט” צו וועלכען דער „קוואַל” בענקט ווי דאָס „האַרץ” צו איהם...

נאָר דאָס „האַרץ” קען נישט רוהען, ווייל עס מוז בעוועגען די וועלט, דערצו וואָלט עס אין דער וועלט נישט געקאָנט עקזיסטירען, ווייל עס וואָלט בטל ווערען אין קוואַל...

דערום מוז דאָס „האַרץ” האָבען איהרע עליות און ירידות און די „הייליגע משפחה” מוז די גאַנצע וועלט דורכוואַלגערען זיך, אַלץ אין זיך איינזאַפּען, דאָס געזונדטע און דאָס קראַנקע, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, אָבשטויסען פון זיך נאָכהער דאָס קראַנקע און דאָס שלעכטע און דערמיט די גאַנצע וועלט פון מאָל צו מאָל בעזונדטער און בעסער מאַכען...

דערום איז געקומען „דער שוואַרצער פויגעל וואָס האָט פער־

דעקט דאָס האַרץ, אַז ער זאָל נישט זעהן דעם קוואַל". אַ פינסטערע אימה איז אויף אברהמ'ען אָנגעפאַלען און געזעהן האָט ער ווי זיינע קינדער וועלען אין מצרים קנעכט זיין...

און די הייליגע משפחה ווערט טאַקע מגולגל אין מצרים און זי ווערט דאָרט גרויס און פיל און זי דינט פרעה'ן, קנעכט לעהם און מאַכט ציגעל צו בויען פיראַמידען פאַר טיראַנען און פערשקלאַפט ווערען זיי פון טאָג צו טאָג און נידעריג ווערט זייער גייסט און אין „מ"ט שערי טומאה" זינקען זיי—איינס איז זיי אָבער געבליבען: זיי שרייען צו דעם גאָט פון אברהם...

טיף, טיף ליגט דאָך אין זייער האַרצען דאָס געטליכע וואָס אברהם האָט אין זיי פערזייט. דאָס לאָזט זיי נישט אינגאַנצען זינקען, דאָס הויבט זיי מיט געוואַלד פון זייער נידער, דאָס טרייבט זיי מיט געוואַלד ווייטער און ווייטער, דאָס דערלאָזט זיי בשום אופן נישט אין קנעכטשאַפט און געמיינהייט בלייבען...

און שטענדיג, שטענדיג ווען דאָס יודישע פאָלק זינקט אין קנעכטשאַפט, זינד און שמוץ—ערוועקט זיך אין איהם מיט אַ מורא'דיגער קראַפט פון אַנ'אַנדער זייט דאָס, וואָס איז אינ'ם אייביגען פאָלק פערזייט געוואָרען דורך אברהם.

שד"ל האָט שוין לאַנג בעמערקט: וואָס עס שטאַרקט זיך אַלץ מעהר די אויפקלערונג—אַלץ מעהר און מעהר נויטיגט זיך די וועלט אין אברהמיזמוס, אין די גוטע אייגענשאַפטען וועלכע זענען דעם יודישען פאָלק אַ ירושה פון זייער ערשטען פאָטער...

די רחמנות, גוטהערציגקייט, ליבע, עקסטע נדיבות, הייליגקייט, ריינקייט, איגערליכע גבורה, מסירות-נפש—אַט די אַלע מדות מוזען ביישטעהן לויט שד"ל, געגען די קעלט, אכזריות און עגאָאיזם פון דער ציוויליזאַציע. אין דעם ערשטען פעריאָד פון דער יודישער געשיכטע האָבען אַט די דערמאָנטע מדות געמוזט ביישטיין געגען איין אַנדער געפאַר — געגען די קנעכטשאַפט און געגען די איבערגענומענע „קרענק" פון מצרים.

און זיי שרייען צו דעם גאָט פון זייערע עלטערען און גאָט שיקט זיי דעם אין וועלכען די לערע פון אברהם האָט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה אין יענער צייט — משה'ן.

וועגען איהם און זיין טאַט — אין קומענדיגען.

„דער קוואַל, וואָס איז אויפ׳ן שפּיץ בּאַרג — די׳כטעט ווידער דער גרויסער יודי׳שער זעהער— האָט גאָר קיין זמן ני׳ט, דען ער אי׳ז העכער פון דער צייט, פון דער וועלט — ווי׳ אַזוי זשע קאָן דער קוואַל זיין אין דער וועלט?

ני׳שט מער דאָס האַרץ שענקט דעם קוואַל אַ טאָג במתנה און אַז דער טאָג וויל זיך שוין אויסלאָזען און ווי׳ דער טאָג וועט אַוועק־גיין, וועט דאָך שוין דער קוואַל קיין זמן ני׳ט האָבען און ער וועט פון דער וועלט נסתלק ווערען, און ווי׳ דער קוואַל וועט ני׳ט זיין, וועט דאָך דאָס האַרץ אויסגיין און די׳ וועלט וועט בטל ווערען. דע־ריבער, אַז ס׳קומט נאָנט צום סוף טאָג, אַזוי הויבען זיי זיך אָן צו געזעגען איינער מי׳ט׳ן צווייטען, דאָס האַרץ מי׳ט׳ן קוואַל, און זיי הויבען אָן צו זי׳נגען לידער איינער דעם צווייטען, זעהר וואוילע לי׳דער, מי׳ט גרויס לי׳בשאַפט און מי׳ט גרויס בענקשאַפט, דאָס האַרץ צום קוואַל און דער קוואַל צום האַרץ.—

און דער גרויסער געטלי׳כער מאַן, דער אמת׳ער איש חסד, האָט דערויף השגחה און ער היט עס אָב, און ווי׳ עס קומט דער טאָג גאָר צום סוף, אַזוי קומט אָן דער אמת׳ער איש חסד און שענקט אַ טאָג דעם האַרצען און דאָס האַרץ שענקט דעם טאָג דעם קוואַל, אַזוי האָט שוין דער קוואַל ווי׳דער אַ זמן"...

ווער איז דאָס „דער גרויסער געטליכער מאַן", דער אמת׳ער איש חסד, וואָס שענקט אַ טאָג דעם האַרץ פון דער וועלט?

דאָס אי׳ז דער משה אָדער דער משיח פון יעדען דור. אי׳ן יעדען דור זענען דאָ שטענדי׳ג איי׳ני׳גע, וואָס קאָנצענטרי׳רען אין זיך די׳ גאַנצע ענערגיע, קראַפט, געדאַנק און דיכטונג פון דער וועלט. אי׳ן יעדען דור אי׳ז אָבער דאָ איין איי׳נצי׳גער, וואָס גיט דעם גרונד־געדאַנק פונ׳ם דור, זיין גרונד־אי׳דעע, דעם הויפּט־זי׳ן פון זיין לעבען, דעם ערשטען שו׳ס, די׳ ערשטע בעוועגונג...

אָט דער איין־איינצי׳גער אין יעדען דו׳ר פעראייני׳גט אין זיך אי׳ משה אי׳ משיח, אי׳ דעם ערשטען גוא׳ל פון דער מענשהייט, אי׳ גאָר דעם לעצטען גואל, וואָס וועט קומען...

דאָס הייסט נישט, אַז אַלע אַזעלכע יחידים זענען גלייך צו משה און משיח. ווען דאָס וואָלט געווען, וואָלט דאָך שוין די׳ מענש־הייט לאַנג פון קיינע צרות און קיינע זי׳נד נישט געוואוסט, נאָר דאָס הייסט, אַז יעדער יחיד בדורו האָט אין זיך עטוואָס אי׳ פון משה

אַז פון משיח; ער טראָגט אין זיך אַז די גרויסע פ ע ר ג אַ נ ג ע נ ה ײ ט פון דער וועלט, אַז דעם גרויסען טרוים פון דער צ ו ק ו נ פ ט...

אין וואָס בעשטעהט די ט ה אַ ט פון אָט דעם „גרויסען געט־ליכען מאַן, דעם אמת'ן איש חסד"?

עס געהט און „קלייבט צונויף אַלע חסדים של אמת, וואָס זע־נען דאָ אויף דער וועלט און שאַפט פון זיי איין טאָג".

מיט אַנדערע ווערטער: זיין אויער נעמט אויף אַלע שענסטע ק ל אַ נ ג ע ן פון דער וועלט; זיין אויג נעמט אויף אַלע שענסטע פ אַ ר ב ע ן פון דער וועלט; זיין מוח נעמט אויף אַלע גרעסטע און שענסטע ג ע ד אַ נ ק ע ן פון דער וועלט; זיין האַרץ נעמט אויף אַלע טיפסטע און עדעלסטע ג ע פ י ל ע ן פון דער וועלט; זיין האַנד קאָנצענטרירט אַלע בעסטע מ ע ש י ם, וואָס זענען דאָ אויף דער וועלט. אָט דאָס אַלץ ווערט דורכגעלייטערט דורך זיין געטליכער השגה און דורך זיין געטליכען אַרט זעהן, דיכטען און פילען; און פון אַלע קלאַנגען, פאַרבען, געדאַנקען, גוטע כונות און מעשים־טובים פון דער וועלט ווערט בעשאַפען איין גרויסע ז ע ה ו נ ג און איין גרויסע ו ע ל ט־ב ע ו ו ע ג ו נ ג.

אָט אַזוי האָט דער ע ר ש ט ע ר גואל משה — קאָנצענטרירט אין זיך אַלעס, וואָס די וועלט האָט געהיים באַגערט, געוואוסט, גע־פילט, אונבעוואוסט געשטרעבט, געזוכט, געבענקט, געהאָפט און ווען „דער קוואַל אויפ'ן שפיץ באַרג" האָט זיך אים בעוויזען אויפ'ן סנה, וואָס ברענט און ווערט קיינמאָל נישט פערברענט, איז פון דעם אַלעמען געבוירען די ערשטע זעהונג פון גאולה...

און עס איז געבוירען דער געדאַנק: שאַפען פון יודען־שקלאַפען אַן'אייביג פאָלק, אין וועלכען ס'זאָל לעבען אַן'אייביגע תורה...

משה האָט זיין יוגענד אין קעניגליכע פּאַלאַצען פערבראַכט; פון די גרעסטע רייכטימער פון דער וועלט האָט ער געגאָסען, די העכסטע קולטור פון יענער צייט — די עגיפּטישע — האָט ער פון קינדוויי־זאַן ערוואָרבען; אַלץ, וואָס עס האָט טור געקענט געבען די וויסענ־שאַפט, די קונסט, די פּאָליטיק, די פערשידענסטע רעליגיעס פון יענער צייט, דאָס לעבען פון אַלערליי פעלקער, די מלוכה־פירונג פון פערי־שידענסטע לענדער, זייערע מסורות, געשיכטען, דיכטונגען, — דאָס אַלץ האָט ער אין זיך איינגעזאַפט; די עגיפּטישע כהנים האָבען אים זייערע סודות ענטדעקט; אין די געהיימניספולע מיסטעריעס האָט ער אַנטייל גענומען; דער פונאַנדערגעגאָסענער נילוס האָט אין אים דאָס

ברייטע, דאָס ווייטע, דעם איבערפלוס פון קרעפטען געוועקט; די פיראמידען האָבען אין אים דאָס געוואַלדיגע און אייביגע אינ'ם מענשען אַרויסגערופען...

און הויך איז פרעה'ס טראָן, און אייזען-פעסט זענען פרעה'ס מויערן און די דריי טויזענד חדרים'דיגע לאַבירינטען וואַרפען אַנ'אימה...

און מיליאָנען מענשען גיבען אָב זייערע לעבענס, אום הויך צו בויען פרעה'ס מצבות און צו פאראייביגען זיין נאָמען...

און דאָרטען אונטען — הייזלעך נידעריגע, איינגעפאַלענע, ענגע, וואו עס וואוינען אייביגע קנעכט פון פרעה, פון די כהנים, פון די מלחמה-לייט; עס וואוינען דאָרט אָרימע בעלי-מלאכות, וואָס אַרבייטען דורכ'ן טאָג און שפעט אין נאַכט און האָבען נישט וואָס צו עסען און ערד-אַרבייטער, וועלכע פערברענגען זייער לעבען — לויט אַנ'אַלטען עגיפטישען אויפשריפט — צווישען די בהמות. ווען זיי זענען געזונד, זענען זיי געזונד צווישען די בהמות, און ווען זיי ווערען קראַנק דאַן איז זייער איינאיג בעט-געוואַנד — די נאַסע ערד. קומען זיי אַהיים ביי-דער-נאַכט—מוזען זיי שוין באַלד צוריקגעהן צו דער אַרבייט...

און משה געהערט צו דער משפחה פון העברעער, וועלכע איז נאָך מער ווי אַלע אַנדערע פערשקלאַפט צו פרעה'ן און צו אַלע שטאַרקע, נאָר אין וועלכער עס לעבען די ערא־נערונגען פון אַמאָליגער פרייהייט, ריינהייט און הייליגקייט און די עראינערונג פון דעם, וואָס אים האָט זיך ענטדעקט דער, וואָס שטעהט איבער אַלע געטער און איבער אַלע פרעה'ס, די עראינערונגען וועגען אברהם און דאָס וואָס ער האָט זיינע קינדער פערזאָרגט. און עס לעבט אין זייער בלוט און פלייש די פאָרשטעלונגען וועגען איין גאָט און איין מענשהייט, די גלייכהייט פון אַלע מענשען פאַר דעם שטול פון דער אַבסאָלוטער גערעכטיגקייט, ליבע צו אַלע מענשען גלייך, אַלס די בעשאַפענע אין גאָטס געשטאַלט, מיטגעפיל צו אַלע אונטערדריקטע און ליידענדע; אַ לעבעדיגע פייערדיגע שטרעבונג אָט די אַלע אונטערדריקטע פונ'ם שווערען יאָך צו בעפרייען, די געוואַלדיגע שטרעבונג פאָלקאמען צו זיין, ווי עס איז פאָלקאָמען דער פאָטער אין הימעל, דערצו די שרעקליכע געהיימע בענקשאַפט צו דאָס, וואָס האָט קיין נאָמען נישט און וואָס עס איז די נשמה פון אַלע נשמות...

אָט דאָס אַלץ האָט משה געפונען לעבעדיג אין זיין משפחה אַלס ערנידערונג און אַלס שוואַכע געפילען — אין זיך האָט ער עס אָבער אינגאַנצען געשפירט. ער האָט האָט עס געשפירט אַלס זיין לעבען אַלס „איך“ אַלס די לופט, וועלכע ער אָטעמט.

און ווען דאָס איז געווען פעראייניגט מיט דעם איבער־מענשליכען זין פאַר רייכטום און קראַפט און שענהייט, וואָס ער, משה, האָט אין פרעה׳ס פּאַלאַצען ערוואָרבען און מיט דאָס העכסטע און דאָס שענסטע, וואָס די מענשליכע קולטור אין אַלגעמיין האָט בעשאַפען און מיט דאָס געהיימסטע, פערבאָרגענסטע און טיפסטע, וואָס די עגיפטישע געהיימע וויזהייט האָט אים געגעבען — איז אין אים רייף געוואָרען דער בעשלוס: די אונגליקליכע צו העלפען און די אונטעדריקטע צו בעפרייען...

נאָך נישט קלאָר איז אים וואָס ער האָט צו טהון — ער וויס אָבער, אַז עטוואָס טהון מוז ער און באַלד, וואָס אַמגעכסטען און וואָס אַמשנעלסטען...

און ער געהט זעהן די שווערע אַרבייט פון זיינע ברידער און ער זעהט ווי אַ מצרי שלאָגט אַן׳אונגליקליכען קנעכט פון די העברעער — אָן טענות און מענות הרג׳עט ער דעם בעדריקער און געהט ווייטער זיין וועג...

און ער זעהט אַ צווייטען מאָל ווי צוויי העברעער קריגען זיך און ער קאָן קיין עולה ניט דולדען און ער זאָגט דעם רשע: וואָס שלאָגסטו דיין חבר?

און קנעכט בלייבען קנעכט און דער רשע דערמאָנט אים זיין „חטא“, וואָס ער האָט אַ טיראַן גע׳הרג׳עט, און משה מוז פון עגיפטען לויפען, נאָר וואוהין ער קומט בעגעגענט ער דאָסזעלבע: די שטאַרקע דריקען די שוואַכע...

באלד ווי ער קומט אין מדין, דערזעט ער, ווי שטאַרקע פאַסטוכער דערלאָזען ניט שוואַכע פרויען אָנצוטרינקען זייער שאָף — ער איז אין מדין אַ גר, די פרויען זענען ניט פון זיין העברעער־משפחה, זיי זענען אים ווילד־פרעמדע און צו זיין גאָט דינען זיי ניט — ער קלערט קיין מינוט ניט: טרייבט אָב די שטאַרקע, ראַטעוועט די שוואַכע.

ער בלייבט וואוינען אין מדין, פיטערט שאָף, זעהט אַ רוהיגעס, שטילעס, ריינעס און גוטעס פּאַטריאַרכאַלעס לעבען, פיטערט אין די

מדבריות און טרוימט זיין גרויסען טרוים...

און עס ווערט אים ענדליך ענטדעקט דער גאָט פון זיינע עלטערען אברהם יצחק ויעקב, נאָר אָן אַ שעור גרעסער, טיפער און מעכטיגער...

צו אברהם יצחק ויעקב ווערט ער ענטדעקט נור אַלס „אל שדי", אַלס די העכסטע פאָלקאָמענהייט, גוטסקייט און קדושה, — משה'ן ווערט ער אָבער ענטדעקט מיט זיין נאָמען „הויה", אַלס „אהיה אשר אהיה", אַלס איי ביגקייט, וועלכע איז אין איין משפחה בעגריפען געוואָרען און וועלכע דאַרף דורך דעם איין איי ביג-פאָלק בילדען, וואָס זאָל אייביג און אייביג די גאַנצע וועלט ווייטער שטויסען און העכער הויבען.

און ער ווייס שוין זיין טהאָט: ער דאַרף די העברער-משפחה פון מצרים אַרויספירען, דערהויבען זי ביז זי וועט קאָנען אויפנעמען דאָס וואָרט פון אייביגקייט, דאָס פאָלק זאָל דורך דעם די גאַנצע אַלטע וועלט אומוואַרפען און אַ נייע וועלט בויען...

און ער טהוט עס. ער פירט די העברעער-משפחה פון עגיפטען אַרויס, פירט זיי צום באַרג סיני, וואו עס ווערט איר דער העכסטער אמת ענטדעקט...

און עס ווערט איר אַ תורה געגעבען, וועלכע שטרעבט נאָר צו ברענגען די גאַנצע מענשהייט צו דער העכסטער פאָלקאָמענהייט, שטאַרקסטע מענשען-ליבע, טיפסטער רחמנות, דעם גרעסטען יושר, העכסטע קדושה און ריינהייט, דאַביי פאָלקאָמסטע פרייהייט, פריידליך און לעבענס-לוסט, לעבענדיגע טעטיגקייט און האַרמאָניע פון אַלע קרעפטען, ווי מיר וועלען עס ווייטער ערקלערען.

פינפטער בריף.

אויף פאָלגענדע יסודות איז געשטאַנען די גאַנצע אַלטע וועלט אין משה'ס צייטען:

1) מענשען האָבען זיך נעשפירט אָבהענגיג פון די נאַטור-קרעפטען און זיי האָבען דעריבער געזוכט מיטלען ווי אַזוי מיט אָט די גרויסע און גרויזאַמע קרעפטען בשלום צו לעבען. עס האָט זיי געשראָקען דער דונער, דער בליץ, דער מבול, דער באַרג וואָס וואַרפט פייער, דער צאָרענדיגער ים, דער שטורם וואָס רייסט בערג, די טייבען וואָס פערפלייצען גאַנצע לענדער, די דרום-היצען וואָס ראַמען

אויס אַלץ וואָס לעבט און וואַקסט, די ערד-ציטערנישען; עס האָבען אים געשראָקען די עלעמענטען זעלבסט, וועלכע ער האָט נאָך ניט געקענט בעהערשען; עס האָבען אים געשראָקען אויך די גרויסע, ווילדע חיות געגען וועלכע ער איז נאָך דאַן מאַכטלאָז געווען. אַלץ אַרום אים איז געוועזען פול געהיימניס און שרעק עס האָט דעם מענשען געשראָקען זיין אייגענער שאָטען, זיין מיט-מענש, דער טוידט וואָס קומט פלוצלונג מיט זיין שנייד-מעסער און נעמט מיט אַלט און יונג, און ער פירט זיי אין יענער שרעקליכער וועלט וואו עס הערשט נאָר דער שטומער סוד...

בעמערקט האָט אָבער דאַבײ דער מענש, אַז געגען זיינע מיטמענשען, וועלכע זענען שטאַרקער און מעכטיגער פון אים קען ער אָנווענדען פערשידענע מיטלען: ער קען זיי מתנות געבען, ער קען מיט גוטע רעד זיי קויפען, ער קען מיט טרערען זייער האַרץ ווייך מאַכ[?]ן, ער קען ענדליך זייער געטרייער קנעכט ווערען און דורך זיין מיה און דינסט זייער שוץ צו געווינען...

נישט קענענדיג אָבטיילען זיך פון נאַטור האָט דער מענש געדענקט, אַז ער קען מיט די נאַטור-קרעפטען שלום שליסען אַזוי ווי ער שליסט שלום מיט מענשען: ער קניט זיך צו זיי, ער בוקט זיך, ער בעט ביי זיי רחמים, ער וויל מיט זיסע רעדעלעך ביי זיי חן געווינען; ער גיט זיי מתנות — ער איז זיי מקריב זיינע בעסטע שאָף און רינדער; ער ווערט ענדליך זייער געטרייער קנעכט, — ער גיט זיי אָב זיין האָב און גוטס און זיין גאַנצעס מיה, ער איז זיי מקריב זיינע קינדער...

אויסער פחד האָט אָבער דער מענש נאָך עטוואָס דערשפירט: עס האָט אים געגלעט און געקושט די זון מיט אירע שטראַלען; עס האָבען טוי און רעגען זיינע פעלדער אָנגעזעטיגט; עס האָט דער נילוס און אַנדערע טייכען האָבען זיינע פעלדער זאַט געמאַכט; נישט אַלע מאָל האָט דער ים געצאָרענט — אַמאָל האָט ער מילד, שטיל און מוטערליך-גוט דעם מענשען אויף זיך געטראָגען; די מוטער ערד האָט דעם מענשען, גלייך מיט אַלע אירע קינדער, יניקה געגעבען; די בלעטער האָבען אים צוגעדעקט, די בלומען האָבען זיין אויג געפרעהט, די בוימער האָבען אים מיט זייער שאָטען בעשיצט און מיט זייער פרוכט ערנערט; דאָס פייער האָט אים נישט נאָר געברענט נאָר אויך געלויכטען, געוואַרעמט און פרייד און פריד אין זיינע געצעלטען

אַריינגעבראַכט; ניִשט אַלע חיות זענען איִם פיינדליִך געווען — פיִלע פון זיי האָבען איִם זייער טריישאַפט, פריִד און ליִבע אַרויסגעוויִזען.

און צוזאַמען מיִט פחד האָט דער מענש אַלזאָ דערשפיִרט אַז ער מוז עמיִצען דאַנקען, לויבען, ליִבען, —

און געדאַנקט האָט ער די זון וואָס לייכט איִם ביי טאָג און די לבנה וואָס שיינט איִם ביי נאַכט און די שטערען וואָס בעגלייטען זיי און ווייזען איִם זיין וועג און זיין צייט און די בוימער וואָס שפייזען איִם און די טייכען וואָס טרינקען איִם אָן און דעם שענעם היִמעל וואָס איבער זיין קאָפ און די ערד וואָס גיט איִם לעבען און אַלעס וואָס לעבט און ווייזט איִם זיין חן און ליִבע.

און אויסער פחד פון איין זייט און דאַנקבאַרקייט און ליִבע — וואָס קומט פון דאַנקבאַרקייט — פון דער צווייטער זייט, האָט דער מענש אין זיִך נאָך עטוואָס געשפיִרט. ער האָט מאָמענטענווייז דער־פיִלט, האָטש אונקלאָר, אַז ער און אַלע נאַטור־קרעפטען זענען — א יי נ ס.

און ליִב האָבען האָט ער אָנגעהויבען דאַן זיינע געטער, ניִשט נאָר אויס דאַנקבאַרקייט, נאָר אויך אויס געפיִל פון נ אָ נ ט ק יי ט, פ ע ר וו אַ נ ד ש אַ פ ט און א יי נ י ג ק יי ט. דער מענש האָט א יִ ן ז יִ ך דערשפיִרט איִ זון, איִ ים, אי שטורם, איִ היִמעל, אי ערד, איִ אַלץ וואָס זיין אויג האָט געזעהן. וויִדער האָט ער דערפילט פער־קערט: זיין „איך״ האָט ער דערזעהן — איִן אַלץ.

דער מענש האָט דערפילט מאָמענטען־ווייז, אַז איין געהיימע קראַפט בעלעבט וויִ איִם זעלבסט אַזוי אויך דעם, ווייטסטען שטערען און אַזוי אויך דעם ווערעמעל אונטער די פיִס; אַז אין אַלץ איִז א יי ן לעבען; אַז איין זון לייכט און וואַרעמט אַלעמען און אַז איין געהיימע ליִבע שענקט אַלעמען דאָס בעסטע.

דער מענש האָט אָבער אויך דאַן, ביי זיין ט יִ פ ס ט ע ן גע־פיִל, ניִשט געקענט צום וועג פון א מ ת צו קומען, ווייל דער מענש האָט דאַן אויף קיין איין האָר ניִשט געקענט אויפהויבען זיך איִבער ביִלד און געשטאַלט. אויך דאָס, וואָס ער האָט מיט זיין ג יי ס ט גע־זעהן האָט געמוזט ביִלד און געשטאַלט האָבען. די ביִלדער און די געשטאַלטען האָט ער, געוועִנליִך, גענומען פון דער אויסערליִכער וועלט: געשטאַלטען פון מענשען, בהמות, חיות, פייגלען א. ז. וו.

אפילו ווען דער מענש פון אַלטערטום איִז צום ה ע כ ס ט ע ן

בעגריף געקומען, צום מאָנאָטעאיזם, צום גלויבען אין איין גאָט, וואָס ער איז דער כח כל הכחות, — אַפילו דאַן האָט אויך זיין גאָט געמוזט בילד און געשטאַלט האָבען.

אין יענע זעלטענע מאָמענטען ווען ביי די עגיפּטער איז דער גאָט אָזיריס געוואָרען דער גאָט איבער אַלע געטער, ריכטיגער, דער איין און איינציגער גאָט — אויך דאַן האָבען זיי אים אַ געשטאַלט געגעבען; ווען די אינדיאַנער האָבען זיך צו זייער העכסטען פילאָזאָפישען גאָט בראַמאַ דערהויבען — אויך דאַן האָבען זיי אים אַ געשטאַלט געגעבען..

דער גאָט וואָס האָט אָבער געשטאַלט איז ריין מענשליך, דען דער מענש האָט אים אַ געשטאַלט געגעבען. דער מענש איז דאָך אָבער בעגרענעצט — מוז אַלזאָ דער פון אים בעשאַפענער גאָט אויך בעגרענעצט זיין.

געגען אָט דעם ערשטען יסוד פון דער אַלטער וועלט איז משה'ן ענטדעקט געוואָרען אַ נייער אמת: עס איז דאָ איין גאָט אויף דער וועלט, וועלכער לעבט אין אַלץ און אַלץ לעבט אין אים און דאַביי איז ער, לויט זיין מהות איבער אַלץ, אַזוי אַז אין אים איז קיין אָרט נישטאָ, נישט פאַר קיין פאָרם, נישט פאַר קיין געשטאַלט און נישט פאַר קיין מענשליכען בעגריף.

2) דאָס פריסטערטום.

מענשען, זוכענדיג ווי אַזוי די גרויזאַמע געטער איבערצובעטען, ווייך און מילד מאַכען; ווי אַזוי די גוטע געטער פאַר זייער גוטסקייט אָפּצודאַנקען, לויבען און רימען; ווי אַזוי פון די לעצטע אַרויסצובעקומען איין איבערפלוס פון געזונדהייט, רייכטום און גליק; זוכענדיג וועגען צו די געטער און פילענדיג, אַז זיי, געוועהנליכע מענשען, האָבען קיינע וועגען צו די געטער נישט, — האָבען זיי זיך איינגעגלויבט, אַז, לכל הפחות, אויסערוועלטע פון זיי קענען יאָ אַ פערקער האָבען מיט די געטער.

אַזוי אַרום איז בעשאַפען געוואָרען דאָס פריסטערטום; איינגע מענשען זענען פון אַלע אַנדערע אויסגעוועהלט געוואָרען צו זיין די פערמיטלער צווישען זיי און די געטער.

דערביי איז דער אויסוואַל פאָרגעקומען אויף צוויי אופנים: 1) איניגע מענשען זענען געווען אויסגעצייכענט מיט זייער חכמה, מיט זייער שענעם, הייליגען און ריינעם לעבען, מיט זייער קענען ווירקען

אויף אַנדערע, מיט זייער דיכטונגס־קראַפט, מיט נאָך פיל מעלות און זיי זענען פון אַנדערע אויסערוועהלט געוואָרען אַלס פערמיטלער צווי־שען זיי און די געטער, 2) אייניגע מענשען זענען געווען אויסגעצייכענט, נישט מיט בעזונדערע מ ע ל ו ת, נור מיט בעזונדער ד ר י ס ט ק י י ט און חוצפה, מיט פראַקטישען זין, מיט קענען די שוואַכקייטען פון מענשען און קענען אויסנוצען אָט די שוואַכקייטען, אַמאָל מיט איינפאַכע רמאות און שווינדלערייען, אַמאָל מיט קענען שמייכלען די שטאַרקסטע מענשען, נאָכגעבען זייערע קאַפריזען און דינען זייערע מאוסע ליידענשאַפטען, אַמאָל מיט קענען אָנשרעקען מענשען, אַמאָל איינפאַך מיט קענען פערשידענסטע פאָקוסען מאַכען און אָנגעבען זיי אַלס געטער־ערשיינונגען, דורך אַזעלכע און נאָך פיל אַזעלכע נעגאַטיווע אייגענשאַפטען פלעגען אָט די מענשען שטעלעס פון כהנים בעקומען און פלעגען די פעלקער פינסטער מאַכען, די מאַכט פון די שלעכטע בעפעסטיגען, העלפען די שטאַרקע רויבער אונטערצודריקען די שוואַכע מענשען, דעם זאַפט און בלוט פון די פעלקער זויגען, געזונד, פעט און רייך ווערען אויף דעם חשבון פון די אָרימע, פערשקלאַפטע, ערנידריגטע און פערפינסטערטע מאַסען.

דאָס פריסטערטום בכלל, כאָטש די ב ע ס ע ר ע כהנים האָבען די מענשהייט פיל גוטעס געטהון, לערנענדיג זי גוטע מדות און איינפלאַנצענדיג אין איר איבעראַל דעם געדאַנק, אַז די געטער ליבען נאָר דאָס גוטע — האָט עס דאָך דער מענשהייט מעהר שלעכטס און פינסטערקייט געבראַכט אַלס גוטס און ליכט.

ראשית, האָט דאָס פריסטערטום בכלל אַריינגעגעבען אין׳ם מענשען דעם געדאַנק, אַז ער, אַן און פאַר זיך, קאָן צו גאָט נישט קומען — ער מוז דוקא פ ע ר מ י ט ל ע ר האָבען. דערמיט האָט דאָס פריסטערטום אָפּגערויבט פון׳ם מענשען דאָס בעסטע וואָס ער קען פערמאָגען: די נ אָ ע ט ק י י ט צו דער גאָטהייט.

והשנית, האָט דאָס פריסטערטום א י י נ ג ע ו ו ע נ ט דעם מענשען צום געדאַנק, אַז מען ק אָ ן זיך אויסקויפען בלויז מיט קרבנות וואָס מען ברענגט· די געטער און מיט די מתנות וואָס מען ברענגט זיי, די כהנים.

אויף אַזאַ אופן איז דער מענש זעהר אָפט געקומען צום געדאַנק, אַז כאָטש די כהנים רעדען וועגען דעם, אַז מען דאַרף ג ו ט זיין, איז עס באמת לחלוטין איבעריג, דען מען קאָן געווינען די ליבע פון

די געטער איינפאַך מיט ש ו ח ד...

דריטענס, האָט דאָס פּריסטערטום געגראָבען אַ תהום צווישען מענשען און מענשען, לערנענדיג די פעלקער, אַז אַ טייל מענשען האָבען יאָ מיט די געטער אַ מגע ומשא און אַ טייל מענשען — און די טייל איז די בעדייטענסטע — זענען די געטער ווילד-פרעמד..

אין דער ערשטער קאַטעגאָריע זענען אַריין קודם כל, געוועגליך, די כהנים זעלבסט, די אמת'ע קינדער פון די געטער (לויט דעם גלויבען פון די אינדיאַנער זענען די בראַמינען זייערע אַרויס פון בראַמאַס קאָפּ), נאָך זיי געהן געוועגליך די מלחמה-לייט, די גרעסטע תקיפים, די גרעסטע עשירים און זייער גלייכען — דאָס פאָלק אָבער, דאָס פאָלק וואָס אַרבייט און שאַפט און שפּייזט די גרויסע מחנה פון מיוחסים, וואָס טהוען גאָר נישט און שאַפען גאָר נישט, אָט דאָס פאָלק האָט קיין בעדייטונג נישט...

פירטענס, האָט דאָס פּריסטערטום איינפאַך אָרעם געמאַכט די פעלקער, אָפּנעמענדיג ביי די נאַאיווע גלויבער די פרוכט פון זייערע פעלדער, זייערע שאָף און רונדער, זייער מיה און אַרבייט, בלוט און לעבען...

וואָס גיט דען נישט אַ גלויביגער מענש אום צו שטילען דעם צאָרן פון די שרעקליכע געטער?...

און וואָס טהוט דען נישט דער גלויביגער מענש אום צו רעטען זיך פון טויט אָדער אום א י ב י ג צו לעבען אין יענעם וואונדער שענעם לאַנד וואו די גוטע געטער רוהען?...

די כהנים אין מצרים זענען געווען נישט נאָר פערמיטלער צווישען ל ע ב ע ד י ג ע מענשען און די געטער, נאָר אויך פערמיטלער צווישען די מ ת י ם און די געטער. ווען דער מת האָט די הייליגסטע, און די בעסטע מעשים געטהון אויף דער וועלט און קיין צעטעל פון די כהנים האָט ער אין די האַנד נישט געהאַט—דאַן האָט ער די שערי שאול נישט געקענט דורכגעהן און ער האָט נישט געקענט אָנקומען פאַר דעם כסא צדק פון דעם גוטען און גערעכטען גאָט אָזיריס. פערקערט, מיט'ן צעטעל אין האַנד איז ער גלייך אין עגיפּטישען גן-עדן אַריין, אַלץ איינס צי ער האָט אויף דער וועלט גוטס געטהון צי נישט...

אַזאַ צעטעל האָט אָבער געוועגליך זעהר טייער געקאָסט: די רייכערע האָבען אַלזאָ די אוצרות פון די כהנים פול געמאַכט און נאָכ'ן

טויט האָט זיי אָזיריס אונטער זיינע פליגלען גענומען און די אָרימע האָבען געמוזט נעבעך שטאַרבען מיט'ן בעוואוסטזיין, אַז אייביג און אייביג וועלען זייערע נשמות געפייניגט ווערען אין גיהנם.

געגען אָט דעם צווייטען יסוד, פון דער אַלטער וועלט, געגען דעם פריסטערטום, איז משה'ן ענטדעקט געוואָרען פאָלגענדער נייער אמת: דער איין און איינציגער גאָט, וואָס ער איז אַלץ איבער אַלץ, דער אמת'ער אמת, דאָס וואָס גיט לעבען און פרייד און גענוס און גליק אַלעמען גלייך, פאָדערט קיינע פערמיטלער ניט. אין יעדער צייט, אין אַלערליי מעגליכסטע אומשטענדען, ווען דער מענש שרייט צו אים מיט איין אמת — הערט ער זיין קול. ער, וועלכער הערט די שטימע פון די יונגע ראָבען וואָס בעטען שפייז; ער וועלכער שפייזט אַ ווערעמעל אונטער'ן שטיין; ער וועלכער צעהלט די שטערענדלעך אין הימעל און די זעמדעלעך אויפ'ן ברעג ים; ער, וואָס גיט אַלעמען שפראַך און געהער און ליכט פון אויג און ליכט פון שכל און ליכט פון נשמה— ער הערט דען ניט, ווען אַ מענש רופט אים אין זיין פיין?...

די אמת'ע גאָטעס-דינסט פאָדערט אַלזאָ, קיין פריסטערטום ניט און ווען די תורת-משה האָט יאָ געלאָזט איין אָרט פאַר כהנים און לוים איז עס נאָר דערפאַר, ווייל מענשען זענען דאַן לחלוטין אונפעהיג געווען צו בעגרייפען אַ גאָטעס-דינסט אָן כהנים.

אַ ראיה האָט איר, אַז דאָס פריסטערטום געהט ניט אַריין אין די אמת'ע כונות פון דער תורה, דערפון, וואָס מתחילה זענען געווען בעשטימט בכורים צו דער עבודה, און נאָר ווייל די בני-ישראל האָבען געזינדיגט איז אָפּגענומען געוואָרען די עבודה פון די בכורים און אָפּגעגעבען געוואָרען די לוים (זעה במדבר ח—ט"ז—י"ט און מפרשים דאָרט).

מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס: ווען די בני ישראל וואָלטען באמת אויף אַ הויכער מדרגה געשטאַנען, וואָלטען זיי ניט ברויכען קיין ספעציעלע לוים, נאָר יעדע פאַמיליע וואָלט זיך גאָט געדינט, ווי זי פערשטעהט. ווי באַלד די בני-ישראל האָבען אָבער בעוויזען דורך זייער דינען צום עגל, אַז עס רייסט זיי און עס ציהט זיי צו די אַלגעמיין אָנגענומענע פאָרמען פון גאָטעס-דינסט אין יענער צייט—האָט געמוזט בעשאַפען ווערען דאָס פריסטערטום דורך די לוים...

דאָבײַ איז אָבער געטהון געוואָרען אַלעס מעגליכעס אום די כּהנים און די לויים זאָלען ניט קענען הערשען איבער׳ן פֿאָלק ישראל...

זעהט דעם אונטערשייד! אין מצרים האָט די גאַנצע ערד גע־הערט צו פּ ר ע ה׳ן, און נאָר די ערד פֿון די כּהנים, חאָטש זיי האָ־בען זייער שפּייז בעקומען פֿון פּרעה׳ס הויז, האָט געהערט צו ז יי ז ע ל ב ס ט און ביי די בּני ישׂראל האָבען פֿערקעהרט אַ ל ע געהאַט אַ חלק אין לאַנד און ד ו ק א דער שבט לוי, דוקא די גרעסטע מיוחסים, האָבען קיין חלק אין לאַנד ניט געהאַט, דען נאָר „גאָט איז זיין חלק”...

זעהט ווידער דעם אונטערשייד! אין מצרים זענען געווע׳זען די כּהנים די גאַנצע בעגלייטער פֿונ׳ם מענשען אויפ׳ן עולם האמת, און מיט דעם איז רייך געוואָרען ניט דער עולם ה א מ ת נאָר דער עולם ה ש ק ר, און ביי די בּני ישׂראל האָבען די כּהנים ניט געטאָרט אפילו נ אָ נ ט צוגעהן צו אַ מת...

זעהט ווידער דעם ה ו י פּ ט־אונטערשייד! אומעטום זענען געווען די כּהנים די מ אַ כ ט־האָבענדע, די ש ט אַ ר ק ע, רייכסטע, — ביי די בּני ישׂראל האָבען אָבער די כּהנים און די לויים כמעט קיין פּאָליטי־שע ראָלע ניט געשפּילט. נור אין געוויסע מ אָ מ ע נ ט ע ן האָט דער אָדער יענער כּהן געשפּילט אַ געוויסע פּאָליטישע ראָל (ווי צום ביי־שפּיל: עלי)— ב כ ל ל זענען אָבער די כּהנים און די לויים שטענדיג געווען די שוואַכע, די אונטערגעבענע, די פּאַסיווע, די אָ ר י מ ס ט ע ט יי ל פֿ ו ן ד ע ר ב ע פֿ ע ל ק ע ר ו נ ג, אַזוי אַז ביים פֿאָלק איז עד היום געבליבען די מסורה, אַז פֿון שבט ש מ ע ו ן און פֿון שבט ל ו י קומען אָרימע לייט אַרויס...

3) ק ר ב נ ו ת און ט ע מ פּ ל ע ן.

די געטער האָבען, לויט די בעגריפֿען פֿון אַלטערטום, געפֿאָדערט מתּנות. ווי זשע גיט מען זיי מתּנות? ווי געהט מען אַרויף צו זיי אויף די הויכע געהיימע בערג און אויף די הויכע, ווייטע הימלען? שאַפֿענדיג אָבער די געטער לויט זייער געשטאַלט האָבען די מענשען בעשלאָסען, אַז די געטער ליבען דאָס, וואָס זיי, די מענשען האָבען ליב. מען האָט אַלזאָ, אויך אַזוי געאורטיילט: מסתמא ליבען די געטער אויך — ווי מענשען — גוטע, פֿיינע בשׂמים־ריחות, וואַסער פֿון קוואַל, גוטע שטאַרקע ווײַנען, די בעסטע מאכלים, פֿעטע פֿלייש און דאָס גלייכען.

און טאָמער וואָלטען מענשען נאָך געצווייפעלט אין דעם האָבען די כהנים פון זייער זייט בעשטעטיגט עס. די געטער ווי די געטער, — די כהנים האָבען צו די קרבנות געוויס ניט צוגעלייגט. די בעסטע בשמים מיט די בעסטע ווייגען מיט די בעסטע פלייש איז זיי אָנגעקומען...

דאָס האָב און גוטס פון מענשען איז אַלזאָ, מיט'ן רויך צו די געטער אַרויף אָדער אין די בייכער פון די כהנים אַראָפּ...

און נאַריש און פערדאָרבען זענען דורך דעם מענשען געוואָרען: זיי האָבען געמאַכט זייערע געטער פאַר פרעסער און פאַר זויפער און זיך פאַר חונפים, טעלער-לעקערס...

און דאָס רעליגיעזע געפיהל אין מענשען איז דורך דעם אין גאַנצען אַטראָפירט געוואָרען: צו וואָס זאָל מען גוט און פרום זיין, ווען מען קען דורך געבען די געטער עטוואָס צו עסען און צו טרינקען ביי זיי מוצא חן צו זיין?..

געגען אָט דעם דריטען יסוד פון אַלטערטום, געגען דער אמונה אין קרבנות, איז משה'ן ענטדעקט געוואָרען פאָלגענדער נייער אמת: דער איין און איינציגער גאָט, וואָס ער איז דער אַבסאָליוטער אמת, וואָס ער איז אַלץ און איבער אַלץ, אָט דער אמת'ער גאָט, וואָס ניט דער מענש האָט אים בעשאַפען, נאָר ער האָט אַלץ בעשאַפען, אָט דער גאָט, וואָס הערט דעם געבעט פון יעדער בעשעפעניש, ניט נויטיגענדיג זיך אין קיינע פערמיטלער, נויטיגט זיך אויך אין קיינע קרבנות ניט...

און ווען די תורה האָט נאַכהער יאָ גערעדט אי וועגען קרבנות אי וועגען טעמפלען, איז עס נאָר דערפאַר ווייל, ווי דער רמב"ם זאָגט, מענשען זענען דאַן אַזוי געוואוינט געווען צו דינען זייערע געטער דורך קרבנות, אַז ווען מען וואָלט זיי הייסען מבטל זיין די קרבנות, וואָלט עס געווען אין זייערע אויגען, ווי מען וואָלט זיי הייסען אויפהערען אין גאַנצען גאָט צו דינען „אַ שטייגער, ווי ווען איצט וואָלט געוועזט קומען אַ נביא צו מענשען און וואָלט זיי געזאָגט: גאָט האָט געהייסען, איהר זאָלט צו אים ניט מתפלל זיין, ניט פאַסטען און ניט בעטען זיין הילף אין אַ שלעכטע צייט, נאָר „דינען אים מיט'ן געדאַנק אַליין" (מורה נבוכים ח"ג פל"ב).

און אַזוי ווי מענשען זענען דאָך געוואוינט געווען צו מקריב זיין קרבנות, וואָלטען זיי געמוזט אויף ס'ניי געטער שאַפען און דער

גאָט פון אמת וואָלט פּערגעסען ווערען...

די תורה האָט, אַלזאָ, יאָ געלאָזט די קרבנות מיט די מקדשים, בעווייזענדיג דורך פּערשידענסטע ר מ ז י ם (און דייטליך דורך די נ ב י א י ם), אַז די קרבנות זענען ניט לויט איהר אמת׳ען וואונש...

און וואָס דאַרף מען מעהר? — די תורה זעלבסט ענטדעקט אין איין אָרט אָפֿען איהר געדאַנק: „ולא יזבחו עוד מאת זבחיהם לשעירים אשר הם זונים אחריהם״ (ויקרא י״ז ז׳).

דאָס הייסט: זאָלען די בני ישראל צו ג אָ ט זייערע קרבנות מקריב זיין, אום זיי זאָלען זיי צום טייוועל ניט מקריב זיין״...

אַזוי ערקלעהרט עס אויך דער מדרש (ויקרא רבה פרשה צ״ב) און דאָס איז דער ר יי נ ע ר א מ ת, האָטש די מקובלים און נאַאיווע מאמינים ווילען עס ניט ליידען...

מען מוז דערביי אויך דערמאָהנען דעם אמת, וואָס איז ענטדעקט געוואָרען דורך עובדיה ספורנו אין זיין „כוונות התורה״, אַז אייגענטליך איז דער גאַנצער ענין פון קרבנות און משכן און מקדש געלערענט געוואָרען די בני ישראל נ אָ ך ד ע ם, ווי ז יי ה אָ ב ע ן צ ו ם ע ג ל ג ע ד י נ ט. א יי ד ע ר זיי האָבען צום עגל געדינט איז די כוונה פון דער תורה איין אַ נ ד ע ר ע געווען. ד אַ ן איז די כוונה פון דער תורה געווען, אַז ס׳זאל אויפגעבויט ווערען אַן איינפאַכער מזבח פון ערד און אויב עמיצען ווילט זיך ד ו ק א קרבנות מקריב זיין, זאָל ער זיך דאָרט מקריב זיין. עס איז אָבער קיין רעד נישט געווען פון אָפיציעלע כהנים מיט אָפיציעלע קרבנות מיט איין אָפיציעלען משכן און מקדש. צו וואָס דאַרף מען קרבנות מיט טעמפלען? „בכל מקום אשר אַזכיר (לויט פיל קריטיקער איז דער אמת׳ער נוסח געווען: אשר תזכיר) את שמי אבוא אליך וברכתיך״, אַלע ערטער זענען גלייך: וואו גאָט׳ס נאָמען איז, דאָרט איז אויך גאָטס ברכה. ערשט נאָך דעם, ווי די בני־ישראל האָבען ג ע ז י נ ד י ג ט, איז זיי אַלע אָפיציעלע פאָרמען געגעבען געוואָרען...

דער ספורנו ערקלערט עס אויף זיין שטייגער: פריהער, פ אַ ר׳ן זינד פון עגל, זענען די בני ישראל אַזוי הויך און ריין געווען, אַז זיי האָבען זיך ניט גענויטיגט אין בעזונדערע אַנשטאַלטען פאַר השראת השכינה, אָבער דורך דער זינד פון עגל זענען זיי אַראָבגעפאַלען פון זייער קדושה און זיי האָבען שוין געמוזט האָבען אַלע קרבנות מיט אַלע טעמפלען אום די שכינה זאָל צווישען זיי רוהען.

מיר װעלען עס ערקלערען אויף אונזער שטייגער: פֿאַר'ן עגל האָט געהערשט די ערשטע און די אמת'ע כּוונה פֿון דער תּורה, אַז מענשען זאָלען צו זייער גאָט װענדען זיך, װי אָהן פֿערמיטלער אַזוי אויך אָן קרבּנות (און נאָר פֿאַר די, װאָס קענען זיך מיט זייערע געװעהנהייטען ניט שיידען זאָל אַ מזבּח-אדמה אויפֿגעשטעלט װערען), נאָר װי באַלד די בני ישׂראל האָבען זיך מיט דעם גאָט אַפּיס פֿון מצרים ניט געקענט זעגענען זיך; װי באַלד זיי האָבען, נאָך אַלע הייליגע און קלוגע רייד פֿון משה, געבילדעט אַנ'אָקס, װאָס עסט גראָז („תּבנית שור אוכל עשב") און זיי האָבען זיך געבוקט צו אים; װי באַלד אַז ס'איז קלאָר געװאָרען, אַז עס ציט די בני ישׂראל, װי אַלע אַנדערע מענשען, צו אויסערליכע פֿאָרמען אין גאָטעס-דינסט, האָט די תּורה געמוזט אַזעלכע פֿאָרמען בעשרייבען און לערנען...*)

איידער די בני ישׂראל זאָלען מקריב זיין זייערע קרבּנות צו די געטער פֿון מצרים צו װעלכע זיי זענען געװוען געװעהנט (די מצרים האָבען צו „שעירים" אויך גערינט, איינפֿאַך צו בעק װעלכע האָבען געזאָלט סימבאָליזירען העכערע שרעקליכע קרעפֿטען), זאָלען זיי בעסער זייערע קרבּנות צום אהל מועד ברענגען און דערמיט גאָט דינען. װען די בני ישׂראל װעלען אַלזאָ געװעהנט זיין צו דינען דעם אמת'ן גאָט, חאָטש דורך קרבּנות, װעלען זיי סוף כּל סוף ממילא פֿערשטעהן, אַז דער עיקר איז ניט דער קרבּן, נאָר דעם מענשענס גוטע האַרץ...

4) מיסטעריען און געהיימע װיסענשאַפֿטען.

דער מענש, װי נידעריג ער איז ניט געװוען געפֿאַלען דורך די כּהנים און דורך נאַרישע גלויבערייען, האָט ער דאָך אָבער גייסט פֿערמאָגט. דער גייסט האָט אים דאָך געטריבען צו פֿאָרשען און צו זוכען דעם אמת און צו ערקענען די געהיימע קראַפֿט, װעלכע האָט

*) דערמיט װערט פֿערענטפֿערט די גרויסע סתירה צווישען די נביאים און דער תּורה װאָס די ביבעל-קריטיקער געפֿינען אין דעם װאָס די תּורה רעדט פֿיל װעגען קרבּנות און ירמיהו ערקלערט קאַטעגאָריש: „כּי לא דברתי את אבותיכם ביום הוציאי אותם מארץ מצרים על דברי עולה וזבח". דער אמת איז אַזוי: בשעת די בני ישׂראל זענען פֿון מצרים אַרויס האָט מען זיי באמת גאָרנישט געזאָגט װעגען קרבּנות א. ד. ג. נאָך דעם װי די בני ישׂראל האָבען אָבער אַרויסגעװיזען אין דער מדבּר נײַגונגען צו עבֿודת אלילים האָט מען זיי געמוזט פֿערזאָגען װעגען קרבּנות.

איהם דורך איר ליבע אויף דער וועלט געבראַכט און גיט אים ליכט און לעבען און טרייסט און האָפנונג, די געהיימע קראַפט, וועלכע ער קען ניט זעהן און בעגרייפען אָבער ער פיהלט זי דורך דעם, וואָס עס ציהט אים צו איר און דורך זיין בענקשאַפט נאָך איר.

דער מענש האָט זיך אַלזאָ, ניט בעגנוגענט מיט זיין געוועהנליכען דינען די געטער און פאָלגען און טהון דאָס, וואָס די כהנים הייסען אים, ער האָט געפיהלט אַ בעדערפעניש אין אַ העכערען און שענערען גלויבען און אין קלערען און טיפערען וויסען.

אָט די בעדערפעניש, וועלכע עס האָבען געפיהלט בעזונדערס די בעסערע און קליגערע כהנים, וועלכע האָבען געהאַט גענוג צייט צו דענקען און צו פאָרשען און זוכען, האָט געבוירען אין פערשידענסטע פעלקער פערשידענסטע מיסטעריען, פערשידענסטע היילינע פאָרשטעלונגען און זעונגען, אויף וועלכע עס פלעגט סימבאָליזירט ווערען דאָס טיפסטע און דאָס געהיימסטע אין דער נאַטור.

אָט די בעדערפעניש האָט אויך געבוירען די ערשטע יסודות פון אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק, פיזיק, וכדומה, די וויסענשאַפטען, וועלכע פלעגען אויך אין טיפען איבערגעגעבען ווערען בסודי סודות און דערצו מיט אַ צונויפמישונג פון פיל אַבערגלויבערייען און אונקלאָרהייטען.

ווי די מיסטעריען אַזוי אויך די וויסענשאַפטען, ווייל איבערהויפט האָבען זיך די כהנים מיט זיי בעשעפטיגט, די כהנים וועלכע זענען געווען פעראינטערעסירט אין דעם, אַז דאָס וויסען און דאָס פיין-פילען זאָל זיין זייער פריווילעגיע, — האָט דאָס פאָלק במעט קיין אָנטייל אין זיי ניט גענומען. דאָס פאָלק האָט נאָר געדורשט נאָכ׳ן אמת — שטילען זיין דאָרשט האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס...

די וואָס פלעגען אפילו זעהן די מיסטעריען האָבען ניט געוואוסט וואָס זיי זעהן: די כהנים פלעגען עס קיינעם ניט ענטדעקען...

געגען דעם סיסטעם פון בעהאַלטען און פערשווייגען אַלץ, איז משה׳ן ענטדעקט געוואָרען פאָלגענדער אמת: אַלע מענשען זענען גלייך גאָט׳ס קינדער; גאָט איז זייער פאָטער; אַלץ וואָס ווערט נאָר דעם מענש ענטדעקט — מוז אַלעמען געלערנט זיין.

משה ציט אַרויס אַ גרויסע מחנה פון קנעכט און אָט די קנעכט זעהן אַלע ביי׳ן באַרג סיני דאָס געהיימסטע און דאָס טיפסטע...

אָט דאָס זענען די גײַסטיגע יסודות פֿון דער אַלטער וועלט נעגען וועלכע משה׳ן זענען אַנדערע אמת׳ן ענטדעקט געוואָרען.

וועגען די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע יסודות פֿון דער אַלטער וועלט און משה׳ס קאַמף געגען זיי—אין קומענדיגען בריף.

זעקסטער בריף.

אויף פאָלגענדע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע יסודות איז די אַלטע וועלט געשטאַנען:

1) אויף מלחמות. ווי אַ חיה צו אַ חיה האָט זיך פֿערהאַלטען איין מענש צום צווייטען. ווער עס איז געווען פיזיש שטאַרקער יענער האָט געפּרעסען דעם שוואַכערען. אין די גאָר אַלטע צייטען האָבען די שטאַרקע איינפאַך געפרעסען די שוואַכערע: ווען איין ווילדער שבט פלעגט מנצח זיין דעם צווייטען שבט פלעגען די זיגער מאַכען אַ מאָהלצייט פונ׳ם פלייש פון די בעזיגטע. ווען דער מענש איז שוין עטוואָס ליכטיגער געוואָרען, האָט ער שוין דעם צווייטען געפרעסען „קולטורעל״: נישט זיין פלייש האָט ער געפרעסען, נאָר זיין פערמעגען האָט ער גערויבט און איהם זעלבסט זיך פאַר אַ קנעכט געמאַכט...

אין דער צייט פון מלחמה האָט נישט געהערשט קיין יושר און קיין רחמים: דער שווערד האָט געשניטען שולדיגע און אונשולדיגע, אַלט און יונג, פרוי און קינד...

אין די שפּעטערע צייטען האָבען זיך געפונען איינציגע שבטים, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט, נישט נאָר מיט זייער שטאַרקייט, נאָר אויך מיט זייער גייסט. אָט די שבטים האָבען בעהערשט די שוואַכערע שבטים פון זייער שטאַם און זיי האָבען פעלקער געבילדעט. ווען פעלקער פלעגען זיך קריגען מיט פעלקער פלעגט זיך דער נצחון פון די שטאַרקע נישט אַלע מאָל דערגעהן אַזוי ווייט אום די בעזיגטע זאָלען אינגאַנצען פערניכטעט ווערען: די שטאַרקע פלעגען זיך מוזען בענוגענען פיל מאָל נאָר מיט די צינזען וואָס זיי פלעגען נעהמען ביי די שוואַכע...

אַזוי אַרום זענען געבילדעט געוואָרען גרויסע מלוכות מיט אַ שטאַרקע מאַכט אין צענטער פון די מלוכה און פיל פעלקער און

לענדער וועלכע זענען פון איהר אָבהענגיג.

די גרויסע מלוכות פלעגען אָבער אויך אייביגע מלחמות פיהרען איינע מיט די צווייטע, דערביי פלעגען זיין די מיטלען פון מלחמה און די געזעצען פון מלחמה, אַלץ איינס סיי ווען איין שבט פלעגט מלחמה האַלטען מיט אַ צווייטען שבט, סיי ווען איין פאָלק פלעגט מלחמה האַלטען מיט אַ צווייטען פאָלק און סיי ווען איין גרויסע מלוכה פלעגט מלחמה האַלטען מיט דער צווייטער גרויסער מלוכה: די זיגער פלעגען פוסט און וויסט מאַכען די לענדער פון די בעזיגטע, וואָס מען פלעגט קענען נעהמען פלעגט מען נעהמען און וואָס מען פלעגט נישט קענען נעהמען פלעגט מען פערניכטען. פריהער פלעגען געהן גרויסע שחיטות, די חיה אין מענשען פלעגט פייערען איהר פייערטאָג, קינדער פלעגען צוריסען ווערען, פרויען פלעגען געפייניגט ווערען, נאַכהער פלעגען פאָרקומען ווילדע אָרגיעס, די זיגער פלעגען זיך „לוסטיג" מאַכען איבער די בעזיגטע, וואַרפענדיג זיי פאַר ווילדע חיות, איינשפאַנענדיג זיי אין די וועגען, זעגענדיג זייערע הענד און פיס מיט זעגען, צובינדענדיג זיי צו די ווידלען פון די פערד, קוילען קינדער אין די אויגען פון די פאָטערס און נאָכהער ביי די פאָטערס די אויגען אַרויסנעהמען. נאָך אַזעלכע „שפּי־לערייען" פלעגט מען זיך ענדליך „בערוהיגען" און מען פלעגט נעהמען אַלץ וואָס מען האָט אָנגעגזל'ט און אַלץ וואָס מען האָט אָנגעג'רצח'נט און אַלע מענשען וואָס מען האָט געקענט פאַנגען און מען איז בתופים ובמחולות אַהיים געפאָהרען און דאָרטען האָבען זיי די אָרגיעס ווידער פון ס'ניי אָנגעהויבען און מיט די אָנגעראַבעוועטע כלים פלעגט מען די אייגענע הייזער בעשיינען און די געפאַנגענע „פיינד" פלעגט מען אין די שווערסטע אַרבייטען דאָס לעבען פערביטערען...

און דאָס האָט אין גאַנצען געשטימט מיט דעם גלויבען אין די געטער. די געטער האָבען גאָר נישט געהאַט וואָס צו זאָגען געגען דעם. יעדעס לאַנד האָט זיך געהאַט איהרע געטער. די געטער האָבען צווישען זיך אויך געפיהרט איין אונערבאַרעמליכע מלחמה: די שטאַרקע געטער פלעגען פערשליידערען די שוואַכע אין אַלדע שוואַרצע יאָרען. ווען די געטער האַלטען נאָך אין איין קריגען זיך און רייסען זיך צווישען זיך, אין איין טוידטען און פערניכטען איינע די צווייטע, אין איין אָבנעמען ווייבער און גוטס איינע ביי די צווייטע — פאַר וואָס זאָלען דאָס מענשען אויך נישט טון?

אָט די אייביגע מלחמות, כאָטש אין זיי איז אויסגעאײבט געוואָרען דעם מענשענס קראַפט, זיין ווילען צו מאַכט, זיין שטרעבונג; כאָטש דורך זיי, דורך די מלחמות, דורך דעם נצחון פון די שטאַרקע, האָבען זיך געבילדעט גרויסע אָרגאַניזירטע מלוכות, און וועלכע עס האָבען געבליהט פערשידענסטע רעליגיעס, מלאכות, מסחרים, קונסט, וויסענשאַפטען, פונדעסטוועגען האָבען זיי, די אייביגע מלחמות, די מענשהייט דאָך צום גרונד געפירט. קיין מענש איז נישט זיכער געוועזען, נישט מיט זיין לעבען און נישט מיט זיין פערמעגען. קיין לאַנד און פאָלק איז נישט זיכער געוועזען. איין פאָלק פלעגט דער גרייכען די העכסטע שטופע אין לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע, בוי-קונסט, האַנדעל, בעסטע אַנשטאַלטען—און איין פיינסטערען פריהמאָרגען פלעגען איהם אָבער בעפאַלען מחנות בארבארען פון אַלץ אַש און בלאָטע מאַכען און די נעכטיגע אַריסטאָקראַטען פלעגען מוזען קושען די פיס פון די פראים...

און די גרויסע אָרגאַניזירטע מלוכות האָבען, אמת, געבליהט פערשידענסטע קולטורען—זיי האָבען אָבער אונטער זיך קיין באָדען נישט געהאַט. אַלץ האָט זיך געוואַקעלט. דער היינטיגער הערשער האָט געוואוסט, אַז מאָרגען קען ער ביי זיינע פיינד די חזירים פיטערען...

בכלל האָט זיך אין אַלטערטום דער מענש געפיהלט אין די גרעסטע בעזעצטע שטעדט ווי אין אַ ווילדען וואַלד: נישט אַ נ ד ע ר ש ווי אַלס דעם ערגסטען שונא זיינעם האָט ער געמוזט דעם צווייטען מענשען בעטראַכטען...

גיגען אָט דעם יסוד פון אַלטערטום, געגען די אייביגע מלחמות, איז משה'ן ענטדעקט געוואָרען פאָלגענדער אמת: מענשען אַלס קינדער פון דעם איין און איינציגען גאָט, זענען ב ר י ד ע ר. אַלס א ז ע ל כ ע טאָרען זיי איינע די צווייטע קיין שלעכטעס נישט טהון. קיין פ ר ע מ-ד ע זענען גאָר נישטאָ. אַלע מענשען זענען פעראייניגט דורך איין בלוט וואָס פליסט אין זיי, דורך איין געטליכער קראַפט וואָס בעלעבט זיי אַלעמען, דורך איין ד ע ת וואָס שיינט אין זיי, דורך איין נ ש מ ה וואָס לייכט אין זיי. אַלע זענען אַלזאָ—אייגענע. עס דאַרפען זיך בילדען שטאַמען און פעלקער און מלוכות—זיי מוזען אָבער לאָזען איינע די צווייטע רוהיג און פרידליך ענטוויקלען זיך. די שטאַרקע שטאַמען האָבען קיין רעכט נישט צו בעהערשען די שוואַכע, דען די

לעצטע ווי די ערשטע האָבען גלייך אַ חלק אין דעם אַלגעמיינעם פּאַטער, וואָס פון איהם קומט אַלץ און צו איהם געהט אַלץ...

יעדעס פאָלק האָט דאָס רעכט צו פערטיידיגען זיין עהרע און זיינע רעכטען מיט שווערד און בויגען אין האַנד. קיין פאָלק האָט אָבער נישט דאָס רעכט צו בעפאַלען דאָס צווייטע פאָלק נאָר דערפאַר, ווייל דאָס צווייטע פאָלק איז שוואַכער. אַלע מלחמות, וואָס משה האָט געפיהרט זענען געווען געצוואונגענע. ע מ ל ק איז בעפאַלען די בני ישראל — די בני ישראל האָבען זיך געמוזט פערטיידיגען. די מדינים האָבען די בני ישראל פ ע ר פ י ה ר ט — די בני ישראל האָבען זיך געמוזט פערטיידיגען. סיחון און עוג זענען די בני ישראל בעפאַלען—די בני ישראל האָבען זיך געמוזט פערטיידיגען. עס איז אָבער שטרענג פערזאָגט געוואָרען די בני ישראל נ י ש ט צ ו נ ע מ ע ן ד אָ ס מ י נ ד ס ט ע פון עמון און מואב און אדום, די פעלקער דורך וועלכע זיי האָבען געזאָלט דורכגעהן.

דערביי איז דער מאָטיוו זעהר קלאָר אָנגעוויזען געוואָרען: „כי ירושה ל ע ש ו נתתי את הר שעיר", „כי לבני ל ו ט נתתי את ער ירושה", „לא אתן מארץ בני עמון לך ירושה, כי לבני לוט נתתיה ירושה".

בעטראַכט ג ו ט אָט דעם מאָטיוו וועט איהר זעהען, אַז אין איהם איז דאָ אַ פּראָטעסט געגען י ע ד ע מלחמה, וואָס איהר צוועק איז אָבצונעמען דעם צווייטענס לאַנד. דאָס לאַנד, וואָס אַ פאָלק זיצט אין איהר, וואָס ער זעטיגט זי אָן מיט זיין שוויס און טרערען, מוז זי א י ה ם געהערען. גאָט אַליין, הייסט עס, האָט זי איהם בירושה געגעבען און קיין מענש טאָר זי ביי איהם ניט אָפּרויבען...

און אויב עס איז די בני ישראל אין דער זעלבער צייט געזאָגט געוואָרען בנוגע צו די פריהערדיגע איינוואוינער פון ארץ-ישראל: „לא תחיה כל נשמה", איז עס נאָר דערפאַר, ווייל די בני ישראל האָבען דאַן געגלויבט באמונה שלימה, אַז דאָס לאַנד פון כנען געהערט צו זייערע ע ל ט ע ר ע ן און זיי געהן נאָר אָפּנעמען דאָס לאַנד, וואָס געהערט צו זיי, צו די בני ישראל...

און די שטרענגקייט פון דעם צוזאָג איז מאָטיווירט געוואָרען אין דער תורה: „למען אשר לא ילמדו אתכם לעשות בכל תועבתם אשר עשו לאלהיהם".

בשעת עס האַנדעלט זיך וועגען דעם, אַז דאָס הייליגע פאָלק

זאָל אין איהר הייליגער אַרבייט פון וועלדע געטצען־דינער ניט גע־שטערט זיין און ניט פערפירט זיין, מוז מען, אַזוי האָט די תורה געדענקט, די מדה פון רחמנות אָן אַ זייט אָפלעגען...

דאָס איז געווען אַ געוויסע אָ פ נ ייג ו נ ג פון דעם אַלגעמיי־נעם תורה־גייסט, איין אָפנייגונג וועלכע איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך אַ געוויסע נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג ק יי ט. בנוגע צו אַלע אַנדערע מלחמות פערזאָגט די תורה, אַז מען זאָל שטענדיג פאָרלעגען ש ל ו ם (דבר. כ׳).

און ווען מען איז שוין ג ע צ וו א ו נ ג ע ן צו מלחמה האַלטען טאָר מען פרויען און קינדער ניט הרג׳ענען, מען טאָר אויך די בוי־מער אַרום די שטעדט, וואָס מען בעלעגערט ניט פערדאַרבען (זעה דאָרט).

מיט די געפאַנגענע דאַרף מען זיך מיט ליבע און רחמנות פירען (דברים כ״א לויט׳ן פראָסטען פשט און זעה אויך מורה נבוכים חלק ג׳ סוף פרק מ״א).

דער אמת׳ער גייסט פון דער תורה איז ניט אין „לא תחיה כל נשמה״ נאָר אין „אל תתגר בם מלחמה״, אָט דער גייסט, וועלכער איז אַמקלערסטען און אַמשטאַרקסטען אויסגעדריקט אין דער זעהונג פון ישעיה: „אַ פאָלק געגען אַ פאָלק וועט קיין שווערד ניט אויפהוי־בען און מלחמה וועט מעהר ניט געלערענט ווערען״...

ק נ ע כ ט ש אַ פ ט. אין ענגען פערבאַנד מיט די אייביגע מלחמות שטייט דער צווייטער יסוד פון דער גאַנצער אַלטער ציוויליזאַציע — דער אינסטיטוט פון קנעכט.

צווישען איין מלחמה און דער צווייטער פלעגען זיך מענשען בעשעפטיגען מיט שאָף־פיטערן, מיט ערד־אַרבייט, מיט פערשידענסטע הויז־מלאכות; די וואַנדערער שבטים פלעגען אַרומפירען פערשידענסטע פראָדוקטען פון שבט צו שבט, פון פאָלק צו פאָלק, פון לאַנד צו לאַנד און דאָס איז געווען דער אָ נ פ אַ נ ג פון ה אַ נ ד ע ל; מיט דער ענטוויקלונג פון דעם אונטערנעמונגס־גייסט אין מענשען, האָבען זיך שוין געפונען גאַנצע פ ע ל ק ע ר, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיקט מיט אויפקויפען פראָדוקטען אין די ערטער, וואו זיי זענען פיל און פערקויפען זיי דאָרט, וואו זיי זענען ווייניג, בייטען די פערשידענסטע פראָדוקטען איינע אויף די צווייטע, זוכען און געפינען וועגען אין ווייטע לענדער דורך ים און יבשה אום צו ערווערבען נייע האַנדעלס־מערק (די פיניקיאַנער און אַנדערע פעלקער); צוזאַמען מיט דעם האָבען

מענשען אָנגעהויבען אויך אויסצואַרבייטען פּראָדוקטען ניט פאַר איי ג ע נ ע ם געברויך, נאָר אום צו פערקויפען זיי פאַר נאָהענטע און ווייטע און אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען די אינדוסטריע; דערמיט איז אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרען דער פּערקער צווישען מענשען און פעלקער און לענדער האָבען אָנגעהויבען איבערצונעמען איינע ביי די צווייטע דאָס גוטע און דאָס קלוגע און דאָס נוצליכע; מענשען זענען אַזוי אַרום געוואָרען נ ע נ ט ע ר איינע די צווייטע און זיי האָבען אָנגעהויבען מער פ ע ר ש ט יי ן און פ י ל ע ן איינע די צווייטע...

מיט דער ענטוויקלונג פון׳ם מענשען וואַקסען אויך זיינע ב ע ד ע ר פ ע נ י ש ע ן. די וואָס פילען אין זיך קיין העכערע בעדערפע-נישען ניט — נעמען ניט ווילענדיג איבער אָט די בעדערפענישען ביי די צווייטע. עס ווירקט די סוגעסטיע; עס ווירקט די נאָכאמונגס-קראַפט; עס ווירקט דאָס קלוגע וואָרט. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז ווערען די העכערע בעדערפענישען א ג ע וו א ו י נ ה יי ט און די ג ע וו א ו י נ-ה יי ט — אַ צווייטע נאַטור, מענשען קאָנען שוין ניט לעבען אָן די העכערע בעדערפענישען.

מענשען הויבען שוין אָן אויסצואַרבייטען ניט נור זאַכען, וואָס דער מענש קאָן אָן זיי ניט ל ע ב ע ן, נאָר אויך זאַכען, וואָס קומען צו ב ע ש יי נ ע ן דעם מענשענס לעבען; טייערע כּלים, טייערע בגדים, טייערע שטיינער, פּערלען, וכדומה.

דאַן הויבען זיך אָן צו ענטוויקלען די אינדוסטריע און האַנדעל אין ג ר ו י ס ע ן סטיל. עס ווערען געגרינדעט ריזיגע געשעפטען, אַנ-שטאַלטען, וואו עס אַרבייטען טויזענדער אַרבייטער, וואו עס ליגען גרויסע רייכטימער. דער פערקער צווישען מענשען ווערט גרעסער, די בעדערפענישען ווערען נאָך מער, די לוקסוס-זאַכען ווערען געמערט אָן אַ שיעור, מיליאָנען מענשען בעשעפטיגען זיך אין ערווערבען, אויס-אַרבייטען, פערשפּרייטען אָט די אַלע זאַכען.

האַנד ביי האַנד מיט דער ענטוויקלונג פון׳ם אונטערנעמונגס-גייסט אין מענשען, דער פערקער און דער געברויך — ענטוויקעלט זיך אויך דער ק י נ ס ט ל ע ר י ש ע ר גייסט אין מענשען, די ב ע-דערפעניש אין קונסט-זאַכען, און דאָס שאַפען, אויסאַרבייטען און פערקויפען פון קונסט-ווערק. מענשען בעשיינען אַלזאָ דאָס לעבען ניט נור מיט פערשידענע טייערע חפצים און לוקסוס-זאַכען, נאָר אויך

מיט פראָדוקטען פונ׳ם מענשענס פאַנטאַזיע, הויכען געדאַנק און רוח־הקודש...

דאָס אַלץ וואָלט געוועזט זיין זעהר גוט און זעהר שען, ווען דאָס אַלץ וואָלט ניט בעגרינדעט זיין דורכאויס אויף בלוט־פערגיסונג און קנעכטשאַפט. די אמת׳ע שעפער און אַרבייטער, סיי פון די נויטיגע זאַכען און סיי פון די לוקסוס־זאַכען און טיילווייז זאָגאַר פון די קונסט־זאַכען זענען געווען די קנעכט. די קנעכט פלעגען אַרבייטען פיל מעהר, ווי אָקסען און אייזלען, שפייזען פלעגט מען זיי פיל ערגער ווי בהמות, בעגעהן פלעגט מען זיך מיט זיי ניט בעסער ווי מיט בהמות, מען פלעגט זיי פערמוטשען, ביז זייערע נשמות פלעגען ניט אויסגעהן. און ווער זענען דאָס געווען די קנעכט? דאָס איז דאָך געווען דער גרעסטער טייל פון דער מענשהייט. אַ קליינער טייל פון דער מענשהייט האָט געהערשט און געפייניגט און דער גרעסטער טייל פון איהר האָט געאַרבייט און איז געפייניגט געוואָרען. און וואו זשע נעהמט מען דעם קנעכט? — מוז מען אַלזאָ, אייביקע מלחמות פירען און די „פיינד", פאַר קנעכט מאַכען...

היוצא מזה, אַז אפילו דער שלום פונ׳ם אַלטערטום איז דורכאויס אויף מלחמה געשטאַנען און אַז דאָס רייכטום און קולטור פון דער מענשהייט איז געשאַפען געוואָרען דורך דאָס בלוט און טרערען פון דער מערהייט, וועלכע האָט פונ׳ם רייכטום און פון דער קולטור גאָרנישט געקאָנט געניסען...

נאָך מעהר: וואָס די מלוכה פלעגט ווערען שטאַרקער, וואָס איר קולטור פלעגט אַלץ מער שטייגען — אַלץ מער פלעגט זי מוזען פירען מלחמות אום צו ערווערבען אַט די קנעכט און אַלץ ערגער און ערגער פלעגט ווערען די פערהעלטעניש פון הערען צו די קנעכט...

קאַאוטסקי און אַנדערע פאָרשער האָבען קלאָר בעוויזען, ווי אַזוי די גאַנצע רוימישע ציוויליזאַציע איז געווען געגרינדעט דורכאויס אויף די אייביגע מלחמות, וועלכע זענען געווען אַרויסגערופען איבערהויפּט דורך דעם, וואָס די פראָדוקציע האָט געפאָדערט אַלץ מער און מער קנעכט און אַז וואָס מער עס האָט זיך ענטוויקעלט די גרויסע ווירטשאַפט און די אינדוסטריע, — אַלץ אונערטרעגליכער איז געוואָרען די לאַגע פון די קנעכט.

געגען אָט דעם איבּיגען פיין, געגען קנעכטשאַפט, איז משה׳ן ענטדעקט געוואָרען פאָלגענדער אמת: דער מענש וואָס איז בעשאַפען בצלם אלהים טאָר ניט ערנידריגט ווערען דורך קנעכטשאַפט.

דער מענש דאַרף, אמת, דינען. ער דאַרף אָבער דינען דאָס בעסטע און דאָס שענסטע און דאָס היילּיגסטע, וואָס ער בעגרייפט — די גאָטהייט. מענשען מוזען אַלע גלייך דינען דעם העכערען אמת און דערמיט „גאָטס-קנעכט" זיין. מענשען טאָרען זיך אָבער ניט פערקויפען איינע די צווייטע.

„מיינע קנעכט זענט איהר, וואָס איך האָב פון מצרים אַרויס-געפיהרט" זאָגט גאָט. „אָבער ניט קנעכט צו קנעכט" גיט צו דער תלמוד, און דאָס איז דורכאויס אין גייסט פון משה׳ן.

דער געטליכער אמת, וואָס איז ענטדעקט געוואָרען משה׳ן פאָ-דערט, אַלזאָ, אין גאַנצען אָבשאַפען די קנעכטשאַפט. די תורה האָט זיך אָבער געמוזט רעכענען מיט דער לאַגע פון דער וועלט אין יענער צייט, מיט די געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען, מיט דער נאַטור פון דעם מענשען, זיינע בעדערפעניששען און שוואַכקייטען.

מען וועט קיינמאָל ניט פערשטעהן דעם אמת׳ן גייסט פון דער תורה, וואו מען וועט ניט פערשטעהן גוט דעם זין פון דעם. וואָס אונזערע קדמונים האָבען געזאָגט בנוגע צו אשת יפת-תואר: „לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע" (די תורה האָט עס פערזאָגט נאָר רעכע-נענדיג זיך מיט די ליידענשאַפטען פונ׳ם מענשען), דאָס וואָס דער רמב״ם, האָט געזאָגט: „משה נשא פנים למנהג המפורסם" (משה האָט זיך גערעכענט מיט דאָס אָנגענומענע ביי מענשען) און דאָס וואָס דער רמב״ם, דער רלב״ג און אַנדערע האָבען גערעדט וועגען „כונה ראשונה" אין דער תורה און „כונה שניה" פון איהר: „כונה ראשונה"—די אַבסאָלוטע כונה, די העכערע, די ווייטע, די עקסטע, די הימלישע; כונה שניה—די פערהעלטניסמעסיגע, די מענטשליכע, די געזעלשאַפטליכע, די וואָס רעכענען זיך מיט די פער-שידענסטע בעדינגונגען פון לעבען.

מען מוז אָט דעם געדאַנק פערברייטערען און פערטיפען. אונזערע קדמונים און די חוקרים האָבען איהם אויסגענוצט נאָר בנוגע צו איי-ניגע זאַכען אין דער תורה; אין אמת׳ן אָבער מוז אָט דער געדאַנק אַרום-נעמען פיל זאַכען פון דער תורה.

בנוגע צו דעם ענין וואָס מיר רעדען וועגען איהם איצט — קנעכט-

שאַפט — איז ביי מיר קלאָר ווי דער טאָג, אַז די תּורה איז גע־
גען דער קנעכטשאַפט אין אלע איהרע מעגליכסטע
ערשיינונגען. דאָס זעה איך קלאָהר אין די ווערטער: „עבדי הם
אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים לא ימכרו ממכרת עבד״ (זיי
זענען מיינע קנעכט וואָס איך האָב פון מצרים אַרויסגעפיהרט — זיי
זאָלען דאַרום אלס קנעכט נישט פערקויפט ווערען). דאָ
איז אַלזאָ אויסגעדריקט געוואָרען אַ פּראָטעסט נישט געגען דער אָדער
יענער פאָרם פון קנעכטשאַפט, נאָר געגען קנעכטשאַפט אין אַלגעמיין.
אַזוי זע עס אויך אין דעם צוזאָג: „לא תסגיר עבד אל אדוניו אשר
ינצל אליך מעם אדוניו״ (זאָלסט נישט איבערגעבען דעם אנטלאָפענעם
קנעכט צו זיין הערר, ווען ער קומט צו דיר רעטונג זוכען). די תּורה
רעכענט אַלזאָ דעם קנעכט וואָס אנטלויפט פון זיין הערר אַלס אַ מענשען
וואָס האָט אַ גוטען טאַט געטוהן און ער מוז דערום גע־
שטיצט זיין...

נעמענדיג אָבער אין אכט די געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען פון
אַלטערטום האָט די תּורה ניט געקענט איינגאַנצען אָבשאַפען
די קנעכטשאַפט, ווי מיר האָבען שוין ערקלערט איז דאָס גאַנצע
פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לעבען אין אַלטערטום געווען געבויט אויף
קנעכטשאַפט, ווען ביי די בני ישראל וואָלט אַלזאָ קיין קנעכטשאַפט
גאָר ניט עקזיסטירט וואָלט זיך אין זייער לאַנד קיין קולטור ניט גע־
קענט ענטוויקלען. די הויז־ווירטשאַפט וואָלט זעהר נידעריג געשטאַנען:
דער האַנדעל און די אינדוסטריע וואָלטען זיך לחלוטין ניט
געקענט ענטוויקלען. ווי וואָלטען די בני ישראל געקענט קאָנקורירען
מיט זייערע שכנים אויף יעדען געביט פון קולטור, ווען אויף די
שכנים האָבען געאַרבייט אומזיסטע קנעכט און זיי די בני ישראל
וואָלטען קענען פערקויפען נאָר דאָס וואָס זיי האָבען מיט זייערע
אייגענע הענד געאַרבייט?

און וואָס וואָלט דער „יצר הרע״ געגען דעם געזאָגט? — סוף כּל
סוף וואָלטען דאָך די בני ישראל ניט איינגעהאַלטען זיך און וואָלטען
דאָך קויפען און ערווערבען קנעכט און זיי וואָלטען זייערע קנעכט
געמוזט פּייניגען מיט אַזאַ אכזריות ווי אַלע אַנדערע פעלקער...

די תּורה האָט אַלזאָ פאָרלויפיג געלאָזען דעם אינסטיטוט פון
קנעכט בעמיענדיג זיך דערביי אַריינצוטראָגען אין איס וואָס מער אמת
וואָס מער יושר, וואָס מער רחמנות, וואָס מער גוטסקייט און ווייכקייט.

אָנווייזענדיג דערביי, אַז איר לעצטער ציל איז: אָבצושאַפן די גאַנצע קנעכטשאַפט.

די תורה האָט אַלזאָ פערזאָגט, אַז איין „עבד עברי" (לויט'ן פשט הייסט, „עבד עברי" יעדער קנעכט וואָס שטאַמט פון די נאָנטע סעמיטישע שכנים, ניט נאָר בני־ישראל) זאָל מער ווי זעקס יאָר ניט דינען. קומט אויס דער יובל אין מיט'ן דער צייט דאַרף ער פאַר דער צייט פריי ווערען. וויל דער „עבד עברי" ניט פריי ווערען — מוז ער בעשטראָפט ווערען. איין „עבד כנעני" (דאָס הייסט פון די פעלקער וואָס זענען די בני־ישראל אַממייסטענס פיינדליך געווען) מעגסטו אויף אייביג קויפען. טאָרסט אים אָבער ניט טון די קלענסטע שלעכטס. פאַר אַלץ וועסטו בעשטראָפט ווערען.

שבת מוזען די קנעכט רוען — טאָרסט זיי דאַן קיין אַרבייט ניט געבען.

ווען דער קנעכט ווערט בעפרייט מוזטו אים אָנגעבען פון אַלדאָס גוטס וואָס דו פערמאָגסט: ער האָט אויף דעם אַלעמען געאַרבייט ניט ווייניגער פון דיר.

און בעגעהען מוזטו זיך מיט אים ווי מיט אַלע פרייע מענשען. נאָך ווייכער און בעסער ווי מיט אַלע מענשען, ווייל דער קנעכט איז ביי זיך געפאַלען...

און די תורה הערט ניט אויף איבערצוחזרן אויף שריט און טריט, אַז דער הערר דאַרף זיך בעגען מיט'ן קנעכט וואָס אַמבעסטען און וואָס אַמשענסטען „דען דו דאַרפסט געדענקען, אַז דו ביזט זעלבסט אין מצרים אַ קנעכט געווען".

און געדענקט מען דער צו, אַז אַפילו ביי די העכסטע פעלקער פון אַלטערטום — ביי די גריעקען און ביי די רומיים, — האָבען די קנעכט קיינע מענשען־רעכט ניט געהאַט; געדענקט מען דער צו, אַז זאָגאַר אַ פלאַטאָן און אַריסטאָטלעס האָבען די קנעכט פאַר בהמות גערעכענט; געדענקט מען נאָך דערצו, אַז גאָר אין דער לעצטער צייט האָט ניט קיין קלענערער ווי גאָגאָל געשריבען וועגען די הייליגקייט פון לייב־אייגענטום, מוז מען זען אין דער פערהעלטעניש פון דער תורה צו קנעכט ניט נאָר הומאַניזם, נאָר אויך אַ געדאַנק וואָס שטאַמט פון דער חכמה עליונה...

אַלס פּועל־יוצא פון די אייביגע מלחמות און קנעכטשאַפט איז דער דריטער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער יסוד פון אַלטערטום: דער דעספּאָטיזם. אונבעגרענצטע קנעכטשאַפט פון איין זייט מוז שאַפען אין איין און דערזעלבער צייט אויף אונבעגרענצטע הערשאַפט. די שוואַכע האָבען געהאַט אונצעהליגע פליכטען אָהן קיינע רעכטען און די שטאַרקע האָבען געהאַט אונצעהליגע רעכטען אָהן קיינע פליכטען...

עס זענען געווען הערען און קנעכט. די הערען האָבען געטהון מיט זייערע קנעכט וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט, קיינער האָט ביי זיי קיין דין־וחשבון נישט געמאָנט. די הערען גופא זענען אָבער אויך נישט פריי געווען. איבער אָט די הערען זענען געווען העכערע הערען און לגבי די לעצטע זענען די ערשטע פּאַלקאָמע קנעכט געווען. אויך אָט די העכערע הערען זענען נישט פריי געווען—איבער זיי זענען נאָך העכערע הערען געווען און די „העכערע הערען" זענען געווען לגבי די „נאָך־העכערע"—פּאַלקאָמע קנעכט, אַזוי איז עס געגאַנגען ביז צו די עגיפּטישע פּרעה׳ס, צי ביז אַ נבוכדנצר צי אַ סנחרב, די גרעסטע דעספּאָטען, וועלכע האָבען אויף אַלעמען געקוקט ווי אויף רעכטלאָזע קנעכט. אין דערפּריה, למשל, האָט איין הערר געשמיסען זיין קנעכט, צי געוואָרפען אין פינסטערען גרוב, בייטאָג האָט דערזעלבער „הערר" בעקומען די זעלבע פּאַרציע פון דעם, וואָס שטעהט איבער איהם, און דער לעצטער פון דעם נאָך העכערען, אַזוי אַז סוף־כל־סוף זענען אַלע געווען געשלאָגען, געפּייניגט, שוצלאָז און רעכטלאָז...

אַזוי האָט געמוזט זיין און אַנדערש האָט עס נישט געקאָנט זיין. ווייבאַלד, אַז דער איינציגער אמת׳ער געזעץ פון אַלטערטום איז געווען: „כל דאלים גבר", ווייבאַלד אַז נאָר דער שטאַרקער האָט געהאַט די פולסטע רעכט, מוזען דאָך סוף־כל־סוף כמעט אַלע מענשען רעכטלאָז זיין, דען וואו איז דאָס אַ שטאַרקער, וואָס אַ שטאַרקערער פון איהם זאָל אויף דער וועלט נישט זיין. אפילו די פּרעה׳ס און די נבוכדנצר׳ס האָבען זייערע בייטשען געהאַט. היינט האָט איינער אַזעלכער אַלעמען ווי אַ טיגער געפרעסען—מאָרגען

האָט דער נאָך־שטאַרקערער פֿון איהם ווי אַ נבלה זיין קערפּער געשלעפּט...

געוויס האָבען די רעליגיעס, די פילאָזאָפיע, די וויסענשאַפט, בכלל די הויכע קולטור, — די פערהעלטנישען פֿון מענשען צום מענשען פיל ווייכער און בעסער געמאַכט. געוויס זענען די רעפּובליקאַנישע און די דעמאָקראַטישע אַנשטאַלטען אין גריכענלאַנד און אין רוים פיל העכער געשטאַנען אַלס די אַלטע דעספּאָטיעס. פיל היסטאָריקער האָבען אָבער שוין לאַנג אויפגעוויזען, אַז אונטער די ווערטער „הערשאַפט פונ׳ם פאָלק“ אין גריכענלאַנד און אין רוים דאַרף מען פערשטיין אייגענטליך די הערשאַפט פון די פּריוויליגירטע קלאַסען, וואָס האָבען פערטיידיגט זייערע אינטערעסען. דאָס פאָלק, אין דעם זין, וואָס מיר פערשטעהען איהם איצט, האָט דאָרט באמת קיינע דעות נישט געהאַט צו זאָגען...

די מלוכות אין משה׳ס צייטען זענען אַלענפאַלס נאָר אויף דעם ערגסטען ווילקיר געווען געגרינדעט. די קאַפּריזען פון די פּרעה׳ס און זייער גלייכען זענען געווען די איינציגע געזעצען. יעדע מלוכה האָט דאַן אויסגעזעהן, ווי אַ לאַנגע קייט פון מענשען, וואָס שמייסען און יאָגען איינער דעם צווייטען, און איבער זיי איינער, וואָס יאָגט און שמייסט זיי אַלעמען און אויך איהם ערוואַרטען שמיץ פון דעם נאָך שטאַרקערען...

געגען אָט דעם סיסטעם פון הערשאַפט, וועלכע איז גאָר קיין הערשאַפט נישט, נאָר אייביגער פּיין און אייביגער פּחד און אייביגע אומרעכט, איז משה׳ן ענטדעקט געוואָרען פאָלגענדער אמת: מענשען דאַרפען נישט הערשען איבער גרוואַלד איינע איבער די צווייטע. אַזוי ווי עס דאַרף נישט זיין קיין קנעכטשאַפט דאַרף אויך נישט זיין קיין דעספּאָטיזם. לעבענדיג אין ליבע, אַלס קינדער פון איין גאָט, בּויטיגען זיך מענשען אין קיינע בייטשען נישט. קוים איז דאָ איין פאָטער — דער פאָטער אין הימעל — דאַרפען מענשען איהם בעטראַכטען אַלס דעם אמת׳ן הערשער.

דאָ מוז מען אָבער אויך אונטערשיידען, ווי איך האָב שוין אַמאָל בעמערקט, די „כונה ראשונה“ פון דער תורה פון דער „כונה שניה“. די אַבּסאָלוטע וואַרהייט, ווי די תורה האָט עס בעגריפען, פאָדערט, אַז נאָר גאָט אַליין זאָל איבער מענשען קעניגען. די געזעלשאַפטליכע וואַרהייט (די „כונה שניה“) אָנערקענט אָבער, אַז געוויסע אומ־

שטענדען און געוויסע בעדינגונגען פאָדערען אויף די מענשליכע מאַכט.

צווישען דעם, וואָס שמואל האָט אָנערקענט דאָס, וואָס די בני ישראל האָבען אַ מלך געפּאָדערט, פאַר אַ זינד, און דאָס וואָס די תורה זאָגט פּאָזיטיוו: „שום תשים עליך מלך״, — איז גאָר קיין סתירה נישט, ווייל שמואל האָט גערעדט לויט דער „כונה ראשונה״, לויט דעם, וואָס האָט געזאָלט זיין, ווען אַלע מענשען וואָלטען געלעבט אין גאָטס ליבע, און די תורה האָט גערעדט לויט דער „כונה שניה״, ווען געוויסע אומשטענדען און בעדינגונגען פאָדערען אַ שטאַרקע מאַכט וואָס זאָל דעם פאָלק פעראייניגען, אום עס זאָל קאָנען געגען זיינע שונאים בייששטעהן.

מען דאַרף ניט פערגעסען אַז די תורה האָט איר „שום תשים עליך מלך״ געזאָגט נאָך דעם „ואמרת אשימה עלי מלך״, דאָס הייסט: נאָכדעם, ווען דו, ישראל, וועסט זיך פילען אונזיכער און אונהיימליך אָן אַ שטאַרקע, בעשטענדיגע מאַכט; נאָכדעם, ווי די פיינד וועלען דיך פון אַלע זייטען בעפאַלען און די איינציגע גייסטיגע מאַכט וועט ניט זיין בכח צו פעראייניגען דיך און צו שטאַרקען דיך— ערשט דאַן נעם אויף זיך אַ קעניג.

דערביי האָט אָבער די תורה אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, אַז דער קעניג זאָל קיין דעספּאָט ניט קאָנען ווערען. דער קעניג פון די בני ישראל האָט, לויט דער תורה, ניט געטאָרט צופיל גאָלד און זילבער האָבען; ער האָט ניט געטאָרט צופיל פרויען האָבען; ער האָט ניט געטאָרט צופיל שען און גראַנדיעז אַרויספאָרען („לא ירבה לו סוסים״). אַלץ איז געווען אָנגעווענדעט דערצו, אַז דער קעניג זאָל דעם פאָלק ניט צו לאַסט פאַלען, אַז דער קעניג זאָל דעם פאָלקס האָב און גוטס ניט רויבען, אַז דער קעניג זאָל זיך ניט דערווייטערען פונ׳ם פאָלק, אַז פאָלק און קעניג זאָל זיך אַלס ברידער פילען, אַז דער קעניג זאָל זיך בעטראַכטען נאָר אַלס אויסדערוועלטער פון גאָט און פון זיינע ברידער אויף איינצופירען רעכט און גערעכטיגקייט אין לאַנד און אָבהיטען דאָס לאַנד פון די רויבערישע איגסטינקטען פון נאָנטע און ווייטע פיינד, ער זאָל זיך בעטראַכטען ניט מער, ווי אַ „בן־ישראל״ ווי אַלע בני ישראל״ און „זיין האַרץ זאָל איבער זיינע ברידער ניט דערהויבען ווערען״...

און אַ ספר תורה׳לע האָט דער קעניג פון די בני־ישראל ביי

זיך געמוזט האָבען און שטענדיג. שטענדיג האָט ער געדאַרפט אין איר לייענען, זעהען די מעשים פון גאָט זיינע וואונדער, הערען אַלע זיינע געבאָטען און אַלע קרעפטען אָנווענדען, אום צו מקיים זיין זיי.

ביי אַזאַ אַרט מלוכה האָט זיך ביי די בני ישראל קיין דעספאָטיזם נישט געקענט ענטוויקלען. נאָר אין די שפּעטערע צייטען, אין די צייטען פון בית שני, ווען די הערשער פון יהודה האָבען זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון פרעמדע, ערשט דאַן האָט זיך דער דעספאָטיזם אין ארץ ישראל ענטוויקעלט. אין דער צייט פון בית-ראשון געפינען מיר אָבער מלכים גאָט-דינער, מלכים געצען-דינער, מלכים גליקליכע און מלכום אונגליקליכע — קיין דעספאָטען געפינען מיר אָבער ניט.

וואָס דאַרף מען מער? — אחאב, איינער פון די ערגסטע מלכים געצען-דינער, אויך ער האָט גע'שמ'ט, ווי אַלע מלכים פון די בני-ישראל, ביי אַלע אַרומיגע שכנים, אַלס „מלך-חסד". בתמימות דערצעלט אונז דער פסוק, אַז די בני-אדם האָבען קיין מורא ניט געהאַט אַריינצופאַלען צו אחאב'ן אין די הענד, וויסענדיג, „אַז די מלכי ישראל זענען מלכי-חסד".

שמואל האָט געמאָלט אַ שרעקליכען בילד פון פאַרצייטיגען דעספאָטיזם. „דער מלך, זאָגט שמואל, וועט אייערע קינדער צונעמען און וועט זיי הייסען לויפען פאַר זיין קאַרעטע און זיין אַקער וועלען זיי דאַרפען אַקערען און זיין שניט וועלען זיי דאַרפען שניידען און זיינע כלי-זין וועלען זיי דאַרפען אַרבייטען און זיינע כלים צום רייטען; אייערע טעכטער וועט ער צונעמען פאַר קעכינס און פאַר בעקערינס; אייערע פעלדער און וויינגערטנער און אייערע איילבירטען די בעסטע וועט ער צונעהמען און ער וועט עס זיינע קנעכט צו שענקען; פון אייערע פערזייטע פעלדער און וויינגערטנער וועט ער אַ צעהנט-חלק נעהמען און וועט עס זיינע דינער און קנעכט שענקען; אייערע קנעכט און דינסטען און בעסטע בחורים און אייערע אייזלען וועט ער צונעמען און וועט עס אין זיין אַרבייט אַריינגעבען; פון אייערע שעפסען וועט ער אַ צענטעל נעמען און ענדליך וועט איר אַלע זיינע „לייבקנעכט" זיין.

שמואל האָט דאָ, געוועהנליך, גאָר נישט מגזם געווען, דאָס איז אַ געטריַע קאָפּיע פון אַלע מזרחישע דעספאָטיעס. צום גליק זענען

אָבער די מלכים פון די, בני־ישראל נ י ט אַזעלכע דעספּאָטען געווען *)...

איך מוז נאָכאַמאָל דערמאָנען איינעם פון די ע ר ג ס ט ע מלכים פון די בני־ישראל און זיין ע ר ג ס ט ע ן טאַט וואָס ער האָט געטון: ער האָט גע'הרג'עט, לויט דעם אָנרייד פון זיין פרוי די מרשעת איזבל, נבות היזרעאלי אום אָפּצונעמען זיין ווייַנגאָרטען...

פון אָט דאָס ש ל ע כ ט ע קען מען אָבער זעהן דעם א מ ת ' ן פנים פון די מלכי ישראל, דען אויך א י ז ב ל מיט איר גאַנצער ווילד־קייט און שלעכטסקייט האָט ניט ג ע ק אָ נ ט איינפאַך אָ פּ נ ע מ ע ן דעם ווייַנגאָרטען פון נבות היזרעאלי, זי האָט געמוזט דוקא פאַלשע עדות שטעלען און נבות'ן דוקא דורכ'ן מ ש פּ ט פון דער וועלט אויס־ברענגען, אין דער צייט וואָס לויט ש מ ו א ל ' ס בילד און לויט די אמת'ע נמוסים פון יעדער דעספּאָטיע, נעמט דער קעניג אָפּ דאָס וואָס אים געפעלט און ער דאַרף זיין טאַט מיט גאָרניט בערעכטיגען...

זעט מען אָבער, אַז אויך איינער פון די ש ט אַ ר ק ס ט ע מלכי ישראל און די ע ר ג ס ט ע האָט א י י נ פ אַ ך אָ ב נ ע מ ע ן נ י ט ג ע ק ע נ ט, בעווייזט עס, אַז דער מלך פון די בני ישראל איז געווען אונטערגעוואָרפען די געזעטצען וואָס יעדער ג ע וו ע נ ל י כ ע ר בירגער איז אונטערגעוואָרפען און ביי אַזאַ לאַגע קען וועגען דעספּאָטיזם קיינע רעד ניט זיין...

אכטער בריף.

פרויען־רעכט און קינדער־רעכט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן אַלגעמיינעם דעספּאָטיזם אין אַלטערטום איז דאָס דעספּאָטישע בעהאַנדלען פרויען און קינדער. דער זעלבער געזעץ וואָס האָט ערלויבט דעם העָר צו טון מיט זיין קנעכט וואָס זיין האַרץ גלוסט; דער זעלבער געזעץ וואָס האָט ערלויבט דעם הער־

---

*) מען חייזט געוועגליך אָן אויף דעם דעספּאָטיזם פון דוד'ן (די מעשה פון בת־שבע א. ז. וו.). מען פערגעסט אָבער, אַז פון די אַלע מעשים איז געדרונגען — פ ע ר ק ע ר ט. דער אמת'ער אַזיאַטישער דעספּאָט נעמט דאָס וואָס ער וויל און ער דאַרף גאָר קיינע קונצען ניט האָבען. דוד האָט אָבער זיינע הטאים געמוזט ב ע ר ע כ ט י ג ע ן און ער האָט זיך פון זיי אייביג ניט געקענט אויסצאָלען...

שער צו טון מיט זיינע אונטערטאַנען דאָס וואָס זיין האַרץ געלוסט; דער זעלבער געזעץ וואָס האָט בכלל אָפּגעגעבען דעם שטאַרקען די מאַכט צו טון מיט'ן שוואַכען וואָס אים געפֿעלט — אָט דער זעלבער געזעץ האָט ערלויבט אויך די מענער צו זיין פּאָלקאָמע הערען ביי זיך אין הויז און צו בעגעהן זיך מיט זייערע פרויען און קינדער ווי עס פֿערלאַנגען זייערע, די מענערס, ליידענשאַפֿטען, קאַפּריזען און חשבונות. עס זענען געווען, סיי בנוגע צו קנעכט, סיי בנוגע צו אונטערטאַנען און סיי בנוגע צו פֿרויען און קינדער אין פֿערשידענסטע לענדער און ביי פֿערשידענסטע שבטים און פעלקער פֿערשידענסטע מנהגים און געזעצען, אָט די אַלע פערשידענסטע מנהגים און געזעצען פירען אָבער אין לעצטען גרונד צו איין און איינציגען נאַטור-געזעץ: ווער עס איז שטאַרקער בעהערשט דעם שוואַכען און נוצט אים אויס ווי אים, דעם שטאַרקען פֿערגלוסט זיך.

דער „אַנטאַגאָניזם צווישען „קראַפֿט" און „רעכט" ענטוויקעלט זיך אין דער מענשהייט ערשט דאַן ווען דער מענש קומט צו העכערען בעוואוסטזיין; ווען דער מענש אָנערקענט אין יעדען מענש זיין גלייכען; ווען דער מענש קומט צום בעוואוסטזיין פֿון זיין „איך" און, אָנערקענט, אַז דער צווייטער האָט אויך זיין „איך", און איין וואונדערבאַרע קראַפֿט גיט אים ווי דעם צווייטען לעבען; ווען דער מענש האָט דערקענט אין אַ מענשען אַ פּערזענליכקייט, ערשט דאַן ער האָט אָנגעהויבען פילען, אַז דער נאַטור-געזעץ בעשטעטיגט דאָס רעכט פֿונ'ם שטאַרקען און דער העכערער געזעץ, דער געזעץ פֿון ריינעם בעוואוסטזיין בעשטעטיגט דאָס רעכט פֿון יעדען מענשען אויף לעבען, פֿון גוטס געניסען און פריי פילען זיך און דער מענש הויבט זיך אָן נויגען אַ מאָל צו דער „קראַפֿט" אַ מאָל — צו „רעכט"...

וואָס מיר גייען אָבער אַלץ טיפֿער אַריין אין אַלטערטום אַלץ מער בעמערקען מיר ווי מענשען האָבען בעשטעטיגט אַלס רעכט דאָס וואָס די ברוטאַלע קראַפֿט דיקטירט. די געזעצען זענען דאַן ניט געקומען צו נאָרמירען די פֿערהעלטעניסען פֿון מענשען צו מענשען נאָר צו סאַנקציאָנירען די ווילענס און די קאַפּריזען פֿון די שטאַרקע.

אָט אַזוי ווען מיר טרעטען אַרויף אויפ'ן שוועל פֿון אַלטערטום קומען מיר אין שפּאַרטאַ און מיר זען ווי מען דערטרינקט דאָרט

קינדער אָדער מען טוידט זיי אַזוי דערפֿאַר וואָס זיי זענען פֿיזיש ניט געזונד געבוירן. דאָס ווערט ניט געטון בסוד, דאָס ווערט געטון לויט'ן געזעץ, קליינע, אומשולדיגע קינדער ווערן אָן אַזאַ זייער רעכט אויף צו לעבן אויף דער וועלט, ווייל שפּאַרטאַ אָנערקענט, אַז נאָר שטאַרקע האָבן דאָס רעכט צו לעבן...

גייען מיר טיפֿער אין אַלטערטום בעגעגענען מיר שוין, ווי מען הרג'ט קינדער ניט קוקענדיג דערויף צי זיי זענען פֿיזיש שטאַרק און שוואַך, נאָר דערפֿאַר ווייל זיי געהערען צום פּרויען געשלעכט...

ביי זייער פֿיל שבטים אין אַלטערטום און ביי געוויסע ווילדע שבטים אויך היינט ווערט ערלויבט לויט'ן געזעץ צו טוידטען קינדער פֿון פרויען-געשלעכט, ווען די עלטערען ווילען עס...

און ניט נאָר ביי די ווילדע שבטים, דער מנהג פֿון טוידטען קינדער פֿון פֿרויען-געשלעכט האָט נאָך אַ געוויסען אָרט אויך ביי אַזעלכע קולטורעלע פֿעלקער ווי די כינעזער. „אין כינאַ, זאָגט ספּענסער, איז טוידטען קינדער פֿון פרויען-געשלעכט אַ גאַנץ געוועהנליכע ערשיינונג; די עלטערען פֿערקויפֿען זייערע קינדער אַלס קנעכט; ביי'ן פֿערשדכנ'ען די טעכטער פֿאָדערען די עלטערען אַ געוויסען פרייז פֿאַר זייערע קינדער". „זיי האַלטען זיך זאָגט ווייטער ספּענסער, ביי דער מיינונג, אַז אַזוי ווי דער מלך דאַרף זיין אַ פֿאָטער איבער'ן לאַנד, אַזוי דאַרף זיין דער פֿאָטער אַ מלך ביי זיך אין שטוב" (סאָציאָלאָגיע, דריטע טייל, קאַפּיטעל XII). אמת, אַז איצט איז אָט דער מנהג פֿון טוידטען קינדער אָדער פערקויפֿען זיי, ווי ספּענסער בעמערקט ווידער, אָפּגעשוואַכט געוואָרען דורך דער געזעלשאַפֿטליכער מיינונג, דורך געוויסע רעגלאַמענטען פֿון דער רעגירונג, דורך דעם פערקער מיט אַנדערע פֿעלקער אין האַנדעל, — די גרונד-אַנשויאונג אָבער אַז קינדער זענען דאָס אייגענטום פֿון די עלטערען און אַז די עלטערען האָבן דאָס רעכט צו טון מיט זיי וואָס זיי ווילען איז געבליבען.

גייען מיר נאָך טיפער אין אַלטערטום זעען מיר ווי עלטערען פֿלעגען הרג'נען זייערע קינדער, סיי נקבות און סיי זכרים, ווען זיי האָבען עס געפֿונען פֿאַר נויטיג, דער געזעץ פֿון פֿיל פֿעלקער האָט עס אויסדריקליך ערלויבט. און אָט דער פּראָצעס פֿון קינדער הרג'נען איז דאַן ניט געווען אַ צופֿעליגער, נאָר — מעשים בכל יום, אָט אַזוי ווי ספּענסער דערציילט, למשל, וועגען די ווילדע בלוטדורשטיגע פֿידזשייער, אַז ביי זיי ווערט מער ווי אַ העלפט געבוירענע קינ-

דער געהרג׳ט, כמעט מעג מען זאָגען, צוויי דריטעל און אַז זיי הרגנ׳ען זייערע קינדער אויס רייִנעם קאַפּריז, אויס געוויסע בעקוועמ־ליכקייט, אויס כעס אָדער זאָגאַר אויס זאָרגלאָזיגקייט און פוילקייט און דאָס ווען זיי ווילען מוצא חן זיין ביי זייערע הערשער ברענגען זיי אים אַ מתּנה זייערע קינדער, און ניט אום זיי זאָלען קנעכט זיין נאָר די הערשער זאָלען זיי אויפעסען, אָט אַזעלכע און נאָך אַזעלכע מעשים וואָס עס ווערען דערציילט אויף איצטיגע ווילדסטע און בלוט־דאָרש־טיגסטע שבטים זענען אין טיפען אַלטערטום געווען כמעט איין אַל־וועלטליכע ערשיינונג.

פון דעם רייכען מאַטעריאַל וואָס איז געזאַמעלט געוואָרען דורך ליפּערט׳ן אין זיין „קולטור־געשיכטע״ בנוגע צו דעם מנהג פון הרג׳נען קינדער ביי פערשידענסטע שבטים און פעלקער זעהט מען אַרויס, אַז אַזוי ווי עס פירען זיך היינט אויף די פידזשייער, די טשעטשמעקאַסען פון מעקסיקא און נאָך אַזעלכע ווילדע, אַזוי האָבען זיך אויך אויפגע־פירט די עלטסטע און די חשובסטע פעלקער פון אַלטערטום, חאָטש, געוועהנליך, ניט מיט אַזאַ אכזריות.

און וואָס דאַרף מען מער? ניט פיל ווייטער פון דעם איז גע־גאַנגען זאָגאַר דאָס רוימישע פאָלק. בעשרייבענדיג די מאַכט פון׳ם פאָטער אין דער רוימישער פאַמיליע זאָגט מאָמזען: „די מיטגלידער פון דער פאַמיליע האָבען אייגענטליך קיין לעגאַלע רעכט ניט געהאַט; די פרוי און דאָס קינד האָט געהאַט אַזוי ווייניג רעכטע, ווי דער קנעכט און ווי דער אָקס״. דער פאָטער האָט געקענט אַרויסוואַרפען זיין קינד. חאָטש די רעליגיאָן האָט פערווערט צו בעגייען זיך אַזוי מיט זיהן, אויסער ווען זיי זענען קאַליקעס, און אויך, לכל הפּחות, מיט דער עלטסטער טאָכטער, דאָך האָט דער בירגערליכער גע־זעץ ניט גערעכענט זיך דערמיט. לויט׳ן בירגערליכען געזעץ האָט דער פאָטער „געהאַט דאָס רעכט און איז געווען זאָגאַר פערפליכטעט צו משפּט׳ן די מיטגלידער פון זיין פאַמיליע און אַרויסצולעגען אויף זיי אַזעלכע שטראָפען, וועלכע ער געפינט פאַר פּאַסענדע ניט אויסשליסענ־דיג אויך לייב־שטראָף און זאָגאַר טויט־שטראָף״. ער האָט געהאַט אויך די פולע רעכט צו פערקויפען זיינע קינדער ווען ער וויל.

און דאָס וואָס איז אמת בנוגע צו קינדער איז אמת אויך בנוגע פרויען. פון אונצייליגע ראיות קומט ספּענסער צום בעשלוס אַז פון אָנפאַנג האָבען מענער געקוקט אויף פרויען איינפאַך ווי אויף זייער

אייגענטום און אַז די אַנשויאונגען זענען געבליבען אויך איך פיל שפּעטערע שטופען פון ענטוויקלונג; זיי האָבען געשעצט די פרויען איינפאַך ווי הויז־בהמות" (סאָציאָלגיע דריטער טייל, קאַפּיטעל X).

אמת, אַז מיר בעגעגענען אין טיפען אַלטערטום פיל אויסנאַמען. מיר בעגעגענען פיל ערטער וואו די פּרויען זענען הערשעריננס געוועזן. דיזע צופאַלען מוז מען אָבער נאָר אַלס געוויסע אַנאָמאַליע בעטראַכטען און ניט אַלס געוויסע נאָרמע. די נאָרמע איז די איבערדערמאָנטע: די פרוי ווערט בעטראַכט אַלס חפץ. אַלס זאַך וואָס האָט נאָר אַ געלד־ווערט, אַלס בהמה וואָס איר בעל־הבית שפּייזט זי און זי מוז אַרבייטען...

אַט די אָנשויאונג פון אַלטערטום אויף פרויען איז געווען צוזאַמען געבונדען מיט דעם אַרט ערווערבען די פרויען. ביי זעהר פיל שבטים פלעגט די פרוי מוזען גערויבט ווערען דוקא. ערשט נאָכדעם ווי דער מאַן האָט בעגעגענט אַ גרויסען ווידערשטאַנד פונ'ם צוקונפטיגען שווער און פון דער צוקונפטיגער פרוי און ער האָט מנצח געווען, ערשט דאַן איז זי געוואָרען זיינע. אין פיל ערטער פלעגט אַזאַ מין חתונה פערוואַנדעלט ווערען אין אַ גאַנצער מלחמה. געגען דעם חתן פלעגען שטעהן ניט נאָר דער פאָטער פון דער כלה נאָר אויך אַלע אירע קרובים אין בעקאַנטע און דער חתן פלעגט מוזען געווענליך פון זיין זייט אַ גאַנצע קאָמפּאַניע האָבען. אין אַנדערע ערטער פלעגט דער חתן מוזען דוקא אַרויסגנב'ענען די כלה, אַריינגאַרען זי, אין געפענגעניש נעמען זי. אַט די אַלע מנהגים זענען פערשטעהט זיך, צוזאַמענגעבונדען מיט די מלחמה־אינסטינקטען און מלחמה־מנהגים, וואָס מער ביי אַ געוויסען שבט איז געווען ענטוויקעלט דער מלחמה־גייסט, וואָס מער ער האָט געלעבט פון מלחמה און פון רויב אַלץ מער זענען אַט די אינסטינקטען און מנהגים אַריבערגעטראָגען געוואָרען אויף די פערהעלטענים פון מאַן צו פרוי.

ביי די מער פרידליכערע שבטים, ביי די וואָס האָבען מער געלעבט פון אייגענער אַרבייט אַלס פון רויב האָט זיך מער ענטוויקעלט דער מנהג פון קויפען די פרוי. ביז דער חתונה פלעגט די פרוי בערעכענט ווערען אַלס דאָס אייגענטום פון איר פאָטער. דער פּראָצעס פון חתונה האָבען פלעגט אַלזאָ בעטראַכט ווערען איינפאַך ווי אַ מכירה און קנין: דער פאָטער פערקויפט זיין אייגענטום דעם צווייטען.

דער חתן פֿלעגט קויפֿן איינפֿאַך איין אַרבייט-מאַשין און דער פֿאָטער פֿון דער כּלה פֿלעגט רעכענען וויפֿיל אַזאַ מאַשין איז ווערט...

אין ביידע פֿאַלן, סיי וואו דער חתן פֿלעגט מוזן רויבן די כּלה און סיי וואו דער חתן פֿלעגט מוזן קויפֿן די כּלה, האָט זיך געמוזט אויסאַרבייטן ביים מאַן די אַנשויאונג, אַז די פֿרוי איז זיין אייגנטום: אין ערשטן פֿאַל האָט ער זי מיט זיין שווערד בעקומען, אין צווייטן פֿאַל — מיט זיין געלד. אין ביידע פֿאַלן איז ער — דער הער און זי — די דינסט, אין ביידע פֿאַלן קאָן דאָ קיין רייד ניט זיין פֿון ליבע און פֿון גלייכהייט און פֿון פֿרייען אויסוואַהל און פֿון אמת'ע פֿריינדשאַפֿט. דאָ האָט געקענט זיין אין בעסטן פֿאַל, נאָר די פֿערהעלטניס פֿון אַ דינסט וואָס איז געטריי איר הער און פֿון אַ הער וואָס פֿייניגט ניט צו פֿיל זיין דינסט.

אָט די מנהגים וועלכע האָבן געהערשט ביי זעהר פֿיל שבטים און פֿעלקער און וועלכע הערשן נאָך איצט אויך ביי פֿילווילדע שבטים און זאָגאַר האַלב-ווילדע און אַ זכר דערפֿון זאָגאַר ביי אַזעלכע וואָס לעבן נאָענט צו די קולטור-צענטרען (ווי צום ביישפּיל אין אייניגע גובערניעס אין רוסלאַנד — זע מיכיילאָווסקי און אַנדערע), אָט די מנהגים זענען איינגעוואָרצעלט אין דער גאַנצער וועלט-אַנשויאונג פֿון אַלטערטום און אין דעם גאַנצן אַרט-לעבן זיינעם. מלחמות אין פֿעלד ברייננגען צו מלחמות אין הויז; קנעכטשאַפֿט אין פֿעלד ברענגען צו קנעכטשאַפֿט אין הויז; דעספּאָטיזם אין גאַנצן לאַנד ברענגט צו דעספּאָטיזם אין הויז.

און אַזוי האָט זיך אויפֿגעלעגט דאָס גאַנצע לעבן אין אַלטערטום און אַזוי האָבן זיך מענשען פֿערהאַלטען איינע צו די צווייטע אין אַלע איינצעלהייטען. די מענער האָבן געשטרעבט אין גרונד צו איינס: די פֿרויען זאָלען טון די שווערסטע מלאכות און זיי זעלבסט די לייכטסטע און די אונבעדייטענדסטע. אָט די ברוטאַלע און איינפֿאַכע שטרעבונג געהט דורך, ווי ספּענסער האָט אויפֿגעוויזען, אין אַלע אין-פֿלוג פֿערוויקעלטסטע פֿערהעלטעניסען צווישען מענער און פֿרויען אין פֿערשידענסטע ערטער און אַלטערטום. נאָר אויס נויט, ווייזט ספּענסער, פֿלעגן די מענער מוזן בעשעפֿטיגען זיך אַמאָל מיט שווערע און געפֿערליכע זאַכען, ווי צום ביישפּיל מלחמה און יאַגד. די פֿרויען לויט זייערע פֿיזישע אומשטענדען, קענען מיט אַזעלכע זאַכען ווענוג בעשעפֿטיגען זיך. די שווערע און געפֿערליכע מלאכות אָבער וואָס פֿרויען האָבן געקענט טון זענען כּמעט אין גאַנצען אויף די

שוואַכע פרויען אַרויסגעלעגט געווען. די פרויען האָבען נישט ווייניגער ווי די אָקסען געאַרבייט און די מענער פלעגען אויף דער אַרבייט „השגחה״ געבען, אויף מלחמה און יאַגד געהן.

ווי אַזוי די תורת משה האָט זיך צו קינדער און פרויען פערהאַלטען, ווי אַזוי זי האָט אויף די שוואַכע געקוקט, ווי אַזוי זי האָט רעאַגירט אויף די פערהעלטענים פון מאַן צו פרוי און קינד אין אַלטערטום, וואָסערע מיטלען זי האָט אָנגענומען אום דעם דעספאָטיזם פון די פאַמיליען־פאָטערס קלענער צו מאַכען, ביסלעכווייז, ביסלעכווייז בעקעמפען אים און ענדליך פערניכטען אים — אין קומענדיגען בריוועלע.

ז״ בנטער ב״יף

פרויען־רעכט און קינדער־רעכט אין תורת־משה.

געגען דער פאָרשטעלונג פונ׳ם גאַנצען אַלטערטום, אַז די פרוי און דאָס קינד זענען דער קנין פון דעם מאַן פונ׳ם פאָטער און אַז דער אבי המשפחה קען דעריבער בעגעהן זיך מיט דער פרוי און מיט׳ן קינד ווי עס פערגלוסט זיך אים, — איז געקומען די תורת־משה און האָט געלערענט, אַז די פרוי און דאָס קינד זענען טאַקי קנינים, אָבער נישט פונ׳ם מאַן און פאָטער, נור — ווי דער מאַן און פאָטער זעלבסט — פונ׳ם אויבערשטען, פון דעם, וואָס האָט אַלע מענטשען גלייך בעשאַפען בצלמו.

„כי בצלם האלהים עשה את האדם, זכר ונקבה בראם״. דער מאַן מיט דער פרוי זענען אלזאָ גלייך בעשאַפען געוואָרען „בצלם האלהים״. זענען זיי ביידע גלייך אין גאָט׳ס געשטאַלט בעשאַפען־געוואָרען, ווי אַזוי קען איינער הערשען איבער׳ן צווייטען?

תורת־משה לייגט אַכט אויף דער פיזישער שוואַכקייט פון דער פרוי. אין איר אָבהענגיגקייט פונ׳ם מאַן און זי בעטראַכט עס אַלס אַ קללה („הרבה ארבה עצבונך בהרונך בעצב תלדי בנים, ואל אישך תלוקתך והוא ימשול בך״). דער מאַן דאַרף זיך אָבער ניט בענוצען מיט זיין פיזישער איבערמאַכט איבער דער פרוי און ער דאַרף זי שטענדיג בעטראַכטען אַלס „עצם מעצמיו ובשר מבשרו״.

מיט דער העכסטער פייערליכקייט זאָגט דערביי די תורה: „על

כּן יעזוב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו והיו לבשר אחד"...

אמת, אַז בײַ די אוראַלטע העברעער, בײַ די העברעער ב י ז קבלת־התּורה, זענען געווען בנוגע צו פרויען און קינדער אײניגע פאַרשטעלונגען, ענלעכע ווי בײַ אַנדערע משפּחות און פעלקער פון אַלטערטום. אַזוי האָט ראובן געקאָנט זאָגען צו יעקבן: „את שני בני תמית, אם לא אביאנו אליך" (בראשית מ"ב ל"ז). אַזוי האָט יהודה געקענט הייסען פערברענען תמר זיין שנור, ווען ער האָט געמיינט, אַז זי איז שולדיג (בראשית, ל"ח כ"ד. איך שרייב דאָ לויט'ן פּראָסטען פּשט פון די ספרים, ניט לויט די שפּעטערדיגע ערקלערונגען און דרשות) מיט דער צייט פון קבלת התּורה בייט זיך אָבער אַלץ אום. די רעכטען פון די פרויען און קינדער ווערען זעהר שטאַרק געשטיצט און אָבגעהיט. ווי אין דעם ענין פון קנעכטשאַפט, ווי אין אַלע אַנדערע ענינים, אַזוי האָט זיך די תּורה דאָ—בנוגע צו פרויען און קינדער— אויך זייער שטאַרק געמוזט רעכענען מיט די זייער טיף־איינגעוואָרצעלטע בעגריפען פון אַלטערטום, מיט די בייזע אינסטינקטען („כּי יצר לב האדם רע מנעוריו") און מיט די ליידענשאַפטען („לא דברה תּורה אלא כּנגד יצר הרע") פון מענשען. די תּורה שאַפט דעריבער ניט אָב אַלע רעכטען פונ'ם אבי המשפּחה אויף פרויען און קינדער. אָט די רעכטען זענען אָבער, פון איין זייט, צוגעפּירט געוואָרען צו אַ מינימום, און פון דער צווייטער זייט, אויף וויפיל זיי זענען יאָ געבליבען, זענען זיי אונטערגאָווארפען געוואָרען דעם שטרענגסטען קאָנטראָל פון בית־דין. די תּורה האָט טאַקי איבערגעלאָזט דאָס רעכט פונ'ם פאָטער צו פערקויפען זיין טאָכטער פאַר אַ דינסט (וכי ימכּור איש את בתּו לאמה") זי האָט אָבער אַזוי בעגרענעצט—יענץ רעכט (בעזונדערס לויט דער קבלה פון תּורה שבעל פּה), אַז זי האָט פון אים כּמעט ווי גאָרנישט איבערגעלאָזט (קוק גוט אין שמות כ"א ז' ח' ט', רש"י דאָרט, און קדושין, י"ז י"ח, י"ט ועוד). איז אונזער קוק אויף דעם ענין פון „וכי ימכּור איש את בתּו" איז דורכאויס אַ ריכטיגער קען זיך יעדער קלאָר־דענקענדער מענש איבערצייגען פון דעם, וואָס פון איין זייט ע ר ל ו י ב ט די תּורה דעם פאָטער צו פערקויפען זיין טאָכטער פאַר אַ דינסט און פון דער צווייטער זייט בעטראַכט זי עס פאַר אַ ב ג י ד ה („לעם נכרי לא ימשול למכרה בבגדו בה"). און די תּורה שבעל פּה בעטראַכט בכלל דעם גאַנצען ענין פון פערקויפען אַ טאָכטער פאַר אַ געמיינהייט און פאַר אַ מעשה רע.

אָן דעם דין פון „בן סורר ומורה“ לויט וועלכען דער פאָטער און מוטער האָבען דאָס רעכט צו ברייגגען זייער זוהן, וואָס פירט-זיך שלעכט אויף צום בית-דין אויף צו טוידטען אים (דברים כ״א) זענען דאָ אויך שפורען פון אַלטערטומס-בעגריפען. די געטליכע תורה האָט אָבער אַריינגעטראָגען איר ליכט אין אָט די אַמאָליגע בעציהונג צווישען עלטערען און קינדער און האָט אָט די גרויזאַמע מדת הדין אין גאַנ-צען ממתיק געווען. קודם כל — דער בית-דין. לויט די אַלגעמיינע בעגריפען און געזעצען פון אַלטערטום האָבען די עלטערען געהאַט דאָס רעכט אַ ל יי ן צו בעשטראָפען און אפילו צו טוידטען זייערע קינדער, „ווען זיי פירען זיך שלעכט אויף“ און, טייל מאָל, זאָגאַר אָן אַ טעם, און אָן אַ סבה, איז געקומען די תורה און האָט בעפוילען, אַז ווען עלטערען האָבען אַ זוהן, וואָס פירט זיך שלעכט אויף טאָרען איִם די עלטערען אַליין ניט מאַכען קיין משפט, נאָר זיי מוזען איִם ברייגגען צום בית-דין. דער בית-דין מאַכט שוין, נאַטירליך, אַ שטרענגע חקירה ודרישה צו דער „בן-סורר ומורה“, איז טאַקי אַזוי ווייט שול-דיג... דאָס ליגט שוין אויפ'ן שטח פון דער פרשת „סורר ומורה“. אונזער קבלה פון תורה שבעל פה האָט אָבער אַזוי ווייט פערברייטערט און פערטיפט דעם דין, האָט אַרויסגעשטעלט אַזעלכע שווערע תנאים פאַר די עלטערען, וואָס ווילען בעשטראָפען זייער קינד אַלס „בן סורר ומורה“, אַז איין תנא האָט זיך אויסגעדריקט, אַז פאַקטיש האָט עס קיינמאָל ניט געטראָפען, אַז עמיצער זאָל דורכ'ן בית'דין געהרג'ט ווערען אַלס „בן כורר ומורה“ (זעה סנהדרין ע״א—א׳: וכי מפני שאכל זה תרטימר בשר ושתה חצי לוג יין האיטלקי אביו ואמו מוציאים אותו לסקילה אלא לא היה ולא עתיד להיות וכ׳).

גייען מיר אַריבער פון דער ריין געזעצליכער זייט פון דער תורה צום צד הספורי, גייען מיר אַלזאָ אריבער פון דער יוריספרודענץ צום עפאָס, בעטראַכטען מיר דאָס לעבען פון אונזערע אור-עלטערען אויף וויפיל עס שפיגעלט זיך אין פערשידענסטע איבערגעגעבענע דער-ציילטע געשעהנישען, מוזען מיר זאָגען צוזאַמען מיט'ן נביא פון די פעלקער: „מה טובו אהליך יעקב, משכנותיך ישראל!“...

אפילו פאַר קבלת התורה, ווען די פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג ע ן פון די אַלטע העברעער בנוגע צום רעכט פונ'ם, אבי המשפחה אויף פרויען און קינדער זענען — ווי מיר האָבען פריער דערמאָנט, ענליך צו די אַלגעמיינע פאָרשטעלונגען פונ'ם אַלטערטום, איז אָבער

דאָס ל ע ב ע ן פֿון אונזערע אור-עלטערען דורכגעדרונגען געווען מיט הויכען הייליגען גייסט פֿון אהבת המשפחה און טהרת המשפחה, וואָס האָבען פֿאַקטיש אונמעגליך געמאַכט דעם דעספּאָטיזם פֿונ'ם אבי המשפחה...

אַזוי ווערט געזאָגט צו אונזער אור-פֿאָטער: „כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה". אַזוי שילדערט אונז די תורה די ריינע, הייליגע ליבע צווישען יעקב און רחל; די בעציהונגען צווישען די שוועסטער; די עצות, וואָס יעקב האַלט זיך מיט זיינע פֿרויען ווי אַ גלייכער מיט גלייכע; די זאָרג פֿון יעקב'ס קינדער פֿאַר זייער פֿאָטער; די גרויסע פֿאָטערליכע ליבע פֿון יעקב צו זיינע קינדער, וועלכע איז, אין דער זעלבער צייט, די שטרענגע ג ע ר ע כ ט ע. געבענדיג פֿערשידענע בעפֿע-לען דערמאָנט זייער אָפֿט די תורה: „איש או אשה"; אין דעם בנין המשכן נעמען די פֿרויען אָנטייל צו גלייך מיט מענער; מרים איז אַ נביאה און זינגט מיט איהרע חבר'טעס איהר בעזונדער פֿרויען-געזאַנג צו גאָט; דבורה, איז אַ גרויסע, הייליגע נביאה; העלדין און ריכטערין; יעל איז אַ גרויסע העלדין, וואָס רעטעט ישראל; אַ פֿרוי אַ העלדין טוידט אבימלך בן גדעון, ווען ער בעלאַגערט אַ שטאָדט אין ישראל; יואב שיקט אַ „אשה חכמה" צו דוד'ן; דוד מיט זיין חיל לויפֿט צו אויסהרג'נען נבלן און אביגיל מיט איהר חכמה ראַטעוועט איהם; פֿאַר חולדה הנביאה אין איהר הייליג וואָרט ציטערען מלכים; פֿרויען פֿירען צייטענווייז אָן מיט דער מלוכה אין ישראל, כאָטש ניט צום גוטען (עתליה) אַזעלכע פֿאַקטען זענען דאָ זייער פֿיל אין תנ"ך און עס איז איבעריג זיי אַלע אויסצורעכענען דאָ.

בכלל גייעט דער אבי המשפחה אַריבער אין דער תורה און אין דער נבואה פֿון מושל (ווי ער איז געווען ביי אַלע פֿעלקער אין אַל-טערטום) צו פֿ ע ר ז אָ ר ג ע ר, ב ע ש י צ ע ר און ל ע ר ע ר. בנוגע צו קינדער איז ער, דער אבי המשפחה, איבערהויפּט ל ע ר ע ר „(והיה כי ישאלך בנך וג' והגדת לבנך ביום ההוא", „ושננתם לבניך" א. א. וו.) שוין א ב ר ה ם איז געהייליגט געוואָרען איבערהויפּט: — „למען אשר יצוה את בנו אחריו ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט". יעקב לערנט און איז מדריך זיינע קינדער אין די לעצטע שעהן פֿון זיין ערדישען לעבען. אַזוי פֿירען זיך כמעט אַלע בויער פֿון דער הייליגער אומה.

גייען מיר אַריבער פֿון תנ"ך צו דער משנה און צום תלמוד ווערט די בעציהונג צו דער פֿרוי און צום קינד נאָך פֿיל ווייכער און

פֿיינער. איבערגעבען אַלע — ערטער פֿון אונזער ברייטער אַלטער ליטע־ראַטור, וואָס פֿערטיידיגען די רעכטען פֿון פֿרויען און קינדער איז אונמעגליך. איבריגענס וועט דער לעזער געפֿינען אַ טייל פֿון דעם מאַטעריאַל אין מיין אָבהאַנדלונג: „די פֿרוי ביי יודען". דאָ וויל איך אָנווייזען נאָך אויף איניגע ערטער: „האוהב את אשתו כגופו ומכבדה יותר מגופו עליו הכתוב אומר: ופקדת נוך ולא תחטא" (דער וואָס ליבט זיין פֿרוי ווי זיך זעלבסט און האַלט זי ערליך נאָך מער פֿון זיך זעלבסט אויף אים שטייט: ופקדת נ״ך א. א. וו.); „אתנך מוצא גחין ולחיש לה" („ווען דיין ווייב איז קורצגעוואַקסיג בויג זיך איין און פֿרעג ביי איר אַן עצה"); „לעולם יהא אדם זהיר בכבוד אשתו" (אַ מענש זאָל זיך שטענדיג היטען ניט נוגע בכבוד זיין פֿרוי); „לעולם יהא אדם זהיר באונאת אשתו", (אַ מענש זאָל זיך שטענדיג היטען קיינמאָל ניט בעליידיגען זיין פֿרוי); „בנכסים מועטים הבנות יזונו והבנים יחזרו על הפתחים" (ווען ער שטאַרבט און לאָזט איבער נאָך זיך ווייניג גיטער מוזען קודם כל די טעכטער געשפייזט ווערען און די זוהן זאָלען חאָטש איבער די הייזער אומגיין). אין פֿילע דינים האָבען פֿרויען אין׳ם יודישען דין דעם פֿאָרצוג: „משום חינא" — בכדי זייער חן אַלס פֿרוי זאָל ניט פֿערלוירען גיין. איינינע דינים, וואָס פֿערטיידיגען דאָס רעכט פֿון קינדער געגען עלטערען ווערען מאָטיווירט „משום איבה" — בכדי די קינדער זאָלען ניט פֿיינד בעקומען זייערע עלטערען. די יודישע יוריספּרודענץ רעכענט זיך ניט נאָר — ווי די אייראָפּעישע יוריספּרודענץ מיט די געזעלשאַפֿטליכע בעציהונגען פֿון מענשען איינע צו די צווייטע, נאָר אויך מיט ריין־פּסיכאָלאָגישע, אינערליכע עטישע און עסטעטישע מאָטיווען.

צענטער בריף

ווידער וועגען פֿרויען־רעכט און קינדער־רעכט אין אַלטערטום.

אויסער די צוויי „כוונות", וואָס די תורה האָט אין זין, ניט נאָר ביי צוויי־דריי געזעצען, ווי עס האָבען געמיינט אונזערע קדמונים, נאָר כמעט ביי אַלע געזעצען, די ריין־געזעלשאַפֿטליכע כוונה און די העכערע אינדיווידועל־עטישע אָדער אינדיווידועל־מיסטישע כוונה; אויסער דעם, וואָס די תורה האָט אויך גענומען פֿון לאַנג איינגעפֿירטע

מנהגים, לעבענס-אַרטען און יורידישע פאָרמען פון אַלטערטום און האָט זיי אַנ׳אַנדער ווענדונג געגעבען און האָט די באַרבאַרישע פון זיי דורך דעם כמעט ווי פערניכטעט, אויסער אַט די דאָזיגע שטעלונג צום אַלטערטום, האָט די תורה נאָך אַ בעזונדערע שטעלונג.

די בעזונדערע שטעלונג, וועגען וועלכע איך וויל דאָ איצט רעדען, בעשטייט אין דעם: די תורה האָט אַמאָל געלאָזען געוויסע אַלטע געזעצען און לעבענס-פאָרמען כמו שהם, ניט געבענדיג זיי קיין אַנדער ווענדונג, ניט אַריינטראָגענדיג אין זיי קיינע שנוים (אויסער איינציגע פרטים), נאָר געבענדיג זיי אַנ׳אַנדער טעם, אַנ׳אַנדער זין, אַנ׳אַנדער ערקלערונג.

דערמיט האָט די תורה געמאַכט פון געזעצען און לעבענס-פאָרמען, וועלכע האָבען בײ אַנדערע קיין זין ניט געהאַט, געזעצען און לעבענס-פאָרמען פול זין און אינהאַלט, ערנסטקייט, ריינקייט און הייליגקייט.

נעמען מיר, למשל די מצות מילה. וועגען אַט דער מצוה איז דאָ אַ געוואַלדיגע ליטעראַטור פאַר און געגען. די פריידיגע בעמיען זיך צו בעווייזען, אַז די מצות מילה איז ניט מער ווי אַנ׳אַלטער, באַרבאַרישער מנהג, וועלכער איז געווען ניט נאָר בײ די בני-ישראל, נאָר בײ זייער פיל שטאַמען און פעלקער. אויף וויפיל אַט דער מנהג איז נאָך היינט אויך דאָ בײ איינציגע פעלקער, איז עס נאָר אַ געוויסער רודימענט. איינע פון די פיל לעבענס-פאָרמען, וואָס זענען דאָ אין קולטור-לעבען, וועלכע האָבען מיט פיל טויזענדער יאָרען צוריק געהאַט אַ וואָסער ניט איז זין און היינט זענען זיי נאָר אַ סרח העודף, אַ נאָכשלעפעניש, אַנ׳אומגליק, אַ קרענק פאַר דער געזעלשאַפט. דאַגעגען בעמיען זיך די אָרטאָדאָקסען אַבצולייקענען שטיין און ביין: מילה איז נאָר אַ ספעציעל יודישע מצוה, וועלכע ענטהאַלט אין זיך סודי-סודות, וועלכע מיר ווייסען ניט. אויסער ישמעאלים, וועלכע האָבען די מצות מילה פון זייער אור-פאָטער אברהם איבערגענומען, זענען די אַלע מעשיות וועגען מילה בײ אַנדערע פעלקער נאָר אויסגעטראַכטע זאַכען, אפיקורסישע קונץ-שטיקלעך, גאָרניט מיט גאָרניט.

איך נעם מיר אָבער די דרייסקייט צו זאָגען, אַז ביידע זענען ניט גערעכט. איך קען אָנערקענען די גאַנצע קדושה פון מצות מילה, בײ מיין גאַנצען אָנערקענען, פון דער צווייטער זייט, אַז די אָבשטאַמונג פון אַט דער מצוה בײ פיל אַלטע פעלקער וואָרצעלט זיך אין אַלטע באַרבאַרישע אינסטינקטען. איך מיין אַזוי: מילה איז טאַקי

אַ מנהג געווען ביי פיל אַלטע פעלקער, ביי יענע פעלקער שטאַמט טאַקי אָט דער מנהג אויס אַלטע, באַרבאַרישע מנהגים און אינסטינקטען. איך קען דענקען אויך ווי ספּענסער, אַז מילה איז אַמאָל געווען אַ סימן פון קנעכטשאַפט, אַ בעזונדער צייכען אין לייב פון די קנעכט אום אָפּצוטיילען זיי פון די הערען. איך קען אָננעמען זאָגאַר אַנדערע ערקלערונגען פון אַנדערע סאָציאָלאָגען, קוים האָט אָבער די תורה אָט דעם מנהג פון פיל אַנדערע פעלקער אַ בעזונ־דערן זין געגעבען, קוים האָט עס די תורה אָנערקענט אַלס אות־ברית צווישען דעם הייליגען פאָלק און גאָט, גייט עס מיר גאַנץ ווייניג אָן, וואָס פאַר דער תורה און ביי אַנדערע שטאַמען און פעל־קער האָט דער מנהג פון מילה אַ גאַנץ נידריגען און וואָכעדיגען אור־שפרונג געהאַט.

און ווען יודען האָבען נאָך פאַר אָט דעם אות־ברית אָן אַ שעור לעבענס אַוועקגעגעבען, האָבען זיי אָט די מצוה מיט דער גרעס־טער מסירות נפש פערטיידיגט (זעה שבת ק"ל ע"א) איז עס נאָך געוואָרען הייליג אויך אַלס אַ בעזונדער סימבאָל פון אָפּפערען זיך פאַר'ן יודענטום...

איך דענק אַזוי: זאַכען, וועלכע זענען ביי אַנדערע וואָכעדיג, און זאָגאַר געמיין, קוים האָט זיי די תורה, אָננעמענדיג, זיי, אַנ־אַנדער זין געגעבען, זענען זיי ניט נאָר פערהייליגט, נאָר אויך באמת הייליג.

דאָס זעלבע זעה איך אין נאָך איינינע געזעצען פון דער תורה, וועגען וועלכע איך יועל שפּעטער רעדען, און דאָס זעה איך אויך אין געוויסע געזעצען וועגען פרוי און פאַמיליע אין דער תורה, געזעצען, וועלכע זענען געווען אויך ביי אַנדערע פעלקער און האָבען דאָרט געשטאַמט פון אוראַלטע לעבענס פאָרמען, וועלכע זענען שוין לאַנג, לאַנג בטל געוואָרען, נאָר קוים האָט די תורה זיי אַנ׳אַנדער זין געגעבען, אַ זין אַ העכסט־עטישען און העכסט־רעליגיעזען, וואָס איז פון צייט און אָרט ניט אָבהענגיג, זענען אָט די געזעצען היי־ליג אויף אייביג.

איך מיין דאָ איבערהויפּט די געזעצען פון איסורי עריות, ניט חתונה האָבען מיט געוויסע קרובים, די געזעצען, וועלכע האָבען גע־הערשט און הערשען איצט אויך ביי פיל שטאַטען און פעלקער און וועלכע שטאַמען געוויס פון וואָכעדיגע און גאָר ניט געהויבענע סבות,

און זיי האָבען איצט ביי זיי כמעט ווי ק יי ן זין נישט, די תורה האָט אָבער די דערמאָנטע חוקים גאָר צנ'אַנדער זין געגעבען. דערמיט איז דאָס וואָכעדיגע — הייליג געוואָרען, דאָס געמיינע — אויפגעהויבען און געֶרייניגט. לויט דעם זין, וואָס די ת ו ר ה האָט זיי געגעבען, זענען זיי שוין גאָר ניט אָבהענגיג פון די אוראַלטע סבות, וואָס האָבען זיי געבוירען, ניט פון דעם גייסט פון דער אָדער יענער צייט און ניט פון די אָדער יענע פאָרמען פון פאַמיליען-לעבען.

צווייערליי פערקערטע ערשיינונגען בעמערקען מיר אין איצטיגען פאַמיליען-לעבען פון פערשידענע פעלקער: פון איין זייט אַנ'אָבשוי פאַר נאָנטע קרובים, מיט אַלע איסורים, וואָס שטאַמען דערפון. פון דער צווייטער זייט — אַנ'אָבשוי פאַר פרעמדע, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין דעם, וואָס דער אַדעל היט זיך פון פרעמד בלוט וכדומה.

אָט די צוויי פערקערטע ערשיינונגען ווערען דורך פערשידענסטע סאָציאַלאָגען ערקלערט אַלס געוויסע איבערבלייבונגען פון די אוראַלטע עקזאָגאַמיע און ענדאָגאַמיע. דער ענגלישער געלעהרטער מאַק לענאַן האָט דער ערשטער אויפגעוויזען, אַז איינינע פון אַמאָליגע שטאַמען פלעגען זיך נוהג זיין נעמען פרויען נאָר פון פ ר ע מ ד ע שטאַמען (עקזאָגאַמיע) און אַנדערע שטאַמען פלעגען זיך נוהג זיין צו נעמען פרויען נאָר פון אייגענעם שטאַם (ענדאָגאַמיע).

אַז די אוראַלטע שטאַטען האָבען זיך ווירקליך אַזוי נוהג גע-ווען, ווערט בעשטעטיגט דורך די פאָרשונגען פון ספענסער, לעבאָק, און פיל אַנדערע. אמת, אַז ענגעלס זאָגט פעסט אין זיין פאָררעדע צו זיין ווערק וועגען די „אורשפרונג פון פאַמיליע, אייגענטום און מלוכה", אַז קיין עקזאָגאַמישע שטאַטען געפינען זיך איצט גאָר ניט, מוז מען אָבער נעמען אין אַכט די אונצעהליגע פאַקטען, וועלכע בעווייזען, אַז עקזאָגאַמישע שבטים עקזיסטירען יאָ (אין אויסטראַליען און אין אַנדערע ערטער) און דוקא גאַנץ היבש.

דער שטאַם קאַמילאַראָי, למשל, וואָס וואוינט אויפ'ן מאָאונט גאַמביר אין דרום-אויסטראַליען ווערט פונאַנדערגעטיילט אויף צוויי גרויסע שבטים, איינער הייסט ק ו מ י ט, דער צווייטער הייסט ק ר אָ ק י. יעדער מאַנספערשוין פונ'ם שבט קומיט רעכענט אַלע פרויען פון קראָקי פאַר זיינע. פערקערט, יעדער מאַנספערשוין פון קראָקי רעכענט אַלע פרויען פון קומיט פאַר זיינע. אַ מאַנספערשוין פון קומיט האָט בשום

אופן קיין רעכט ניט צו לעבען מיט אַ פרוי פון זיין שבט; ער מוז דוקא לעבען מיט די פרויען פון קראַקי. אַ מאַנספערשוין פון קראַקי האָט, פערקערט, בשום אופן קיין רעכט ניט צו לעבען מיט פרויען פון ז יי ז שבט; ער מוז דוקא לעבען מיט די פרויען פון קומיט. אָט די צוויי שבטים פערנעמען אַ גרויסען ערד-שטח, און לעבענדיג ב ע ז ו נ ד ע ר אַלס צוויי פרעמדע שבטים, ווערען אַלע מענער פון קראַקי גערעכענט אַלס די מענער פון אַלע פרויען פון קומיט און פערקערט. דאָרט הערשט געוועגליך די מוטער-רעכט בכל תקופה. די פרויען זענען די איינציגע הערשערינס פון די פאַמיליען. דער קראַקי קומט צו דער קומיט, די קומיט געבוירען זיך קינדער, דעם פאָטער אָבער געהערען זיי גאָר ניט אָן, דען דער פאָטער געהט זיך לעבען אין זיין שבט. אַזוי איז עס מיט דער פערהעלטניש פונ'ם קומיט, ווען ער קומט צו די פרויען פון קראַקי.

אַזעלכע עקזאָגאַמישע שבטים זענען דאָ זייער פיל, האָטש, געוועגליך, ניט אין אַזאַ אייגענאַרטיגער פאָרם ווי ביי די דערמאָנטע שבטים. אַזוי, זענען, צום ביישפיל, ביי די איראָקעזען אין צפון אַמעריקא איינגעשטעלט אַזעלכע פאַמיליען-פערהעלטנישען: געוויסע שטאַמען, אונטער די נעמען בערען, וועלף, באָברען, שילד-קראָטען וכ', טאָרען ניט האָבען צווישען זיך קיינע געשלעכטליכע בעציהונגען. זיי מוזען דוקא זייערע געשלעכטליכע בעציהונגען האָבען מיט די אַנדערע שטאַמען פון די איראָקעזען. (זעה קאָוואַלעווסקי: „Oczerki proischoż-denia i razwitija semi i sobstwennosti“ ערשטע לעקציע).

אין טיפען אַלטערטום איז אָט די פאָרם פון עקזאָגאַמיע זייער שטאַרק פערשפרייט געוועזען, אַ ז ו י ווייט, אַז נאָך איצט זענען די שפורען פון איר געבליבען אין דעם, וואָס ביי פיל פעלקער און שבטים איז פערווערט חתונה צו האָבען מיט נאָנטע קרובים.

פון וואַנען האָט זיך אָבער די אַלטע פאָרם פון עקזאָגאַמיע גענומען? מילא, ענדאָגאַמיע, דאָס ניט-טאָרען חתונה האָבען מיט פרעמדע שבטים, איז נאָך פערשטענדיג. מענשען האָבען ניט געוואָלט, אַז זייער ב ל ו ט זאָל פערפרעמדט ווערען, מענשען האָבען ניט געוואָלט, אַז זייער האָב און גוטס זאָל פערפרעמדט ווערען, די פערשידענסטע שבטים און פעלקער אין אַלטערטום האָבען בכלל ניט סובל געווען איינע די צווייטע — פון וואַנען איז אָבער געקומען צו אַמאָליגע שבטים און פעלקער די אידעע, אַז נאָר פרויען פון פ ר ע מ ד ע שבטים זענען גוט און אייגענע זענען דורכאויס — שלעכט?

אויף אָט דער פֿראַגע גיִבט עס פֿערשיִדענסטע תשובות. מאַק לענאַן ערקלערט עס דערמיִט, וואָס איִן אַלטערטום איִז געווען זייער פֿערשפּרייט דער מנהג פֿון הרג'נען קיִנדער פֿון פֿרויען-געשלעכט. מענשען זענען דאַן געווען געצוואונגען צו דעם, ווייל דיִ פֿרויען זענען צו יאַגד און אַנדערע אַזעלכע פּרנסה-קוועלען פֿון יענער צייט ניִט פֿעיִג געווען, דורך דעם אבער, וואָס ס'רוב פֿרויען פֿלעגען ביי געוויִסע שבטים קיִנדווייז געהרג'ט ווערען, פֿלעגט זיִך פֿיִלען אַ שטאַרקער מאַנגעל איִן פֿרויען. דיִ מענער פֿלעגען אַלזאָ מוזען רויבען פֿרויען ביי פֿרעמדע שבטים. ביִסלעכווייז, איִז עס געוואָרען אַ מנהג און אַ דין. האָטש איִן דיִ שפּעטערע צייטען איִז שוין דער שרעקליִכער מנהג פֿון הרג'נען קינדער פֿון פֿרויען-געשלעכט לאַנג בטל געוואָרען און דיִ מענער האָבען שוין געקענט נעמען פֿרויען פֿון זייער שטאַם, דאָך איִז דער אַלטער מנהג, וועלכער איִז אַרויסגערופען געווען דורך אַ געוויִסע נויטווענדיִגקייט, פֿערהייליִגט געוואָרען איִן אַ דין, אַזוי ווי פֿיִל אוראלטע מנהגים זענען נאַכהער, ווייל מען האָט שוין זייער אורשפּרונג ניִט פֿערשטאַנען, — איִן ד י נ י ם פֿערהייליִגט געוואָרען.

ספּענסער (סאָציאָלאָגיע, דריִטע טייל קאַפּ. IV) פֿרעגט-אָפּ אָט דיִ מיינונג און גיִט אַנ'אַנדער ערקלערונג. לויט ז יי ן מיינונג שטאַמט דיִ עקזאָגאַמיע ניִט פֿון דעם, וואָס געוויסע שבטים האָבען אַ געוויסען מאַנגעל איִן פֿרויען געפֿיִלט נאָר פֿון די רויבעריִשע איִנסטינקטען און מנהגים בכלל. ווען איין שבט איִז בעפֿאַלען דעם צווייטען שבט און האָט אַלץ גערויבט, האָט ער אויך פֿרויען גערויבט. דער זיִגער פֿלעגט אַלזאָ אַהיימקומען מיִט פֿרעמדע פֿרויען. וואָס דער מלחמה-מאַן איז מער בריה געווען — אַלץ מער פֿרויען פֿלעגט ער אַהיימברענגען. אַזוי אַרום איִז געוואָרען דאָס בעזיִצען אַ פֿרוי, ציִ פֿרויען פֿון פֿרעמדע שבטים אַ סימן פֿון גבורה און בריה'שאַפֿט און אַריִסטאָקראַטיע. פֿערשטייט זיִך, אַז דיִ שוואַכערע פֿלעגען נאָכאַהמען דיִ שטאַרקע און פֿלעגען פֿון הויט שפּריִנגען, און דוקא פֿרויען פֿון פֿרעמדע שבטים צו ערווערבען. וואָס ווייטער, וויטער, פֿלעגען שוין כמעט אַלע מיִטגליִדער פֿונ'ם שבט פֿרעמדע פֿרויען האָבען. ביסלעכווייז, ביִסלעכווייז איז עס איִן אַ מ נ ה ג פֿערוואַנדעלט-געוואָרען און נאַכהער — איִן אַ דין.

קאָוואַלעווסקי (איִן דעם אויבענדערמאָנטען ווערק) ברייִנגט דיִ עקזאָגאַמיע איִן פֿערבאַנד מיִט דעם מאַטריאַרכאַט, מיִט דעם אוראַלטען פֿאַמיִליען-בוי, לויט וועלכען (ווי ס'האָבען עס בעוויִזען באַכאָפֿען און

מיט מער פֿאַקטען — מאָרגאַן) די מוטער פֿון דער פֿאַמיליע איז געווען — אַלץ און דער פֿאָטער — גאָרניט. די אוראַלטע שטאַמען פֿלעגען זיך אַלזאָ טיילען אויף צוויי גרויסע גרופּען: מענער און פֿרויען. ביי דעם פֿלעגען זיך נאַטירליך בילדען פֿון די גרופּען אַזעלכע צוויי בעזונדערע שטאַמען, ווי די אויבענדערמאָנטע קומיט און קראָקי. דערפֿון האָט זיך שוין נאָכהער ענטוויקעלט די עקזאָגאַמיע אין אַנדערע פֿאָרמען.

קאַאוטסקי („Wozniknowenie braka i semi" S-Peterburg 1903 str. 64) ברייננט די עקזאָגאַמיע אין פֿערבאַנד מיט דער פֿאָרם פֿון רויבען די פֿרויען. אַזוי ווי די אַלטע שבטים און שטאַמען פֿלעגען אייביג רויבען איינע די צווייטע, פֿלעגט גאַנץ אָפֿט טרעפֿען, אַז מען האָט ביי איין געוויסען שבט אַלע זיינע פֿרויען אָפּגערויבט און ער פֿלעגט מוזען, אַלזאָ, רויבען פֿרויען פֿון די איבעריגע שבטים. האַלטענדיג אין איין רויבען און גערויבט ווערען, פֿלעגען די פֿערשידענסטע שבטים מוזען פֿרעמדע פֿרויען האָבען. נאָכהער איז עס אין אַ מנהג פֿערוואַנדעלט געוואָרען און דער מנהג — איז אַ דין: דער אפשוי פֿאַר חתונה־האָבען מיט נאָענטע קרובים ביי איצטיגע פֿיל פֿעלקער איז, — לויט קאַאוטסקי ווי נאָך פֿיל אַנדערע, — נאָר אַ רודימענט פֿון יענעם אַלטען מנהג, וועלכער איז ביי אונז פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ אינסטינקט.

ליפּערט אין זיין „קולטור־געשיכטע" זאָגט אַרויס וועגען דעם גאָר אַן אָריגינעלע מיינונג. לויט ליפּערט, שטאַמט די עקזאָגאַמיע דוקא פֿון דער צייט וואָס דער פֿאָטער האָט שוין אָנגעהויבען הערשען אין דער פֿאַמיליע. בשעת די מוטער איז געווען די אַליין־הערשערין אין דער פֿאַמיליע, האָט מען זי נאַטירליך ניט געקענט בעטראַכטען אַלס אייגענטום און אַלס רייכטום; ווי באַלד עס האָט זיך אָנגעהויבען דער פּאַטריאַרכאַט מיט זיין ב ע ה ע ר ש ע ן די פֿרוי אַלס א י י ג ע נ ט ו ם און ר י י כ ט ו ם, האָט יעדע משפּחה געזוכט דוקא פֿ ר ע מ ד ע פֿרויען, דען נאָר פֿ ר ע מ ד ע קענען בעטראַכט ווערען אַלס ניי־ערוואָרבענע רייכטום און אייגענטום, אייגענע זענען דאָך אין דער משפּחה סיי־ווי־סיי פֿאַראַן.

אויגוסט פֿאָרעל („די סעקסועלע פֿראַגע" מיונכען 1906, זייט 178 און 179) ברייננט די עקזאָגאַמיע אין פֿערבאַנד מיט ריין פֿ י ז י אָ ל אָ ג י ש ע סבות. דער געשלעכטס־רייץ ווערט, בעזונדערס ביי מענער,

דורך געווענהייט, אינגאַנצען אָבגעשוואַכט. די אייגענע, לעבענדיג צוזאַ־מען פון קינדווייז אויף, האָבען זיי איינע צו די אַנדערע קיין גע־שלעכטליכע תאוה. אַלענפאַלס: זייער אַ שוואַכע תאוה. די אַלטע שטאַ־מען, ביי וועלכע עס האָט געהערשט די עקזאָגאַמיע, האָבען, געוויינ־ליך, צוזאַמען געלעבט (דער אוראַלטער שטאַם איז בכלל קאָמוּ־ניסטיש געווען — זעה קאַאוטסקי, קאָוואַלעווסקי און אַנדערע). לעבענ־דיג שטענדיג צוזאַמען, געפינענדיג זיך שטענדיג אויפ'ן אויג איינע ביי די צווייטע, פילענדיג אפשר אויך אַ געוויסען געשלעכטליכען עקעל איינע פאַר די צווייטע, האָט זיי דער פיזאָלאָגישער אינסטינקט געטרי־בען צו זוכען פרויען אין אַנדערע שטאַמען.

פון אַלע אויבענדערמאָנטע טעמים, איז דער טעם פון פ אָ ר ע ל נעענטער צום אמת. די טעמים פון מאַק־לענאַן, ספּענסער, קאָוואַלעווסקי, קאַאוטסקי, ליפּערט זענען געגרינדעט אויף השערות. פאָרעל שטיצט זיך אָבער אויף געוויסע פיזאָלאָגישע געזעצען, וועלכע ס'איז שווער אָבצוּוועגדען.

לויט מיין מיינונג, שטייט די תורה אין איר אסר'ן צו לעבען מיט געוויסע קרובות (די מוטער, די שוועסטער, דעם פאָטערס פרוי, ברודערס פרוי א. ז. וו.) אויף דעם לעצטען שטאַנדפּונקט. זי גיט אים אָבער אַ גאַנץ נייען זין: דעם ריין־פיזאָלאָגישען אַבשוי פערוואַנ־דעלט זי אין אַ מאָראַל־רעליגיעזען אָבשוי. דעם פיזאָלאָגישען אָבשוי קען מען גאַנץ לייכט איבערווינדען (ווי עס בעמערקט פאָרעל גאַנץ ריכטיג: ווען די נאָענטע קרובים וואוינען אין בעזונדערע ערטער און ווערען ניט ערצויגען צוזאַמען, קענען זיי פילען איינע צו די צווייטע אַ גאַנץ נאַטירליכע פיזאָלאָגישע נייגונג); דעם מאָראַל־רעליגיעזען אַבשוי פאַר דאָס, וואָס איז אַ „תועבה"—קען מען בשום־אופן ניט איבערווינדען.

ווי אַזוי איז עס דער תורה געלונגען צו געבען אַ נייעם זין דעם אַלטען געזעץ, צו פערוואַנדלען אַ זאַך, וואָס דער ק ע ר פ ע ר פער־האַסט אין אַ זאַך, וואָס די נ ש מ ה פערהאַסט, און אין וו אָ ס אָט דער נייער זין בעשטייט — וועגען דעם אין קומענדיגען בריף.

מיך וואונדערט שטענדיג אויף גרויסע יודישע אויטאָריטעטען, ווי אבן-עזרא, ר׳ יהודה הלוי, רמב״ם, וכדומה: צו וואָס זענען זיי ממציא פון קאָפּ טעמים צו די מצוות פון דער תורה, אין דער צייט, וואָס די בעסטע טעמים פון די מצוות זענען כמעט אומעטום אין דער תורה זעלבסט אַרויסגעזאָגט געוואָרען?

צו וואָס דאַרף דער רמב״ם, למשל, ממציא זיין אַ צווייפעל-האַפטען טעם צו מצות מילה („בכדי למעט את התאוה״), אין דער צייט, ווען דער אָפּענער טעם פון „אות ברית״ איז פיל קלערער, גע-וויסער און פערשטענדיגער? און צו וואָס דאַרף אפילו אַ רבי שמשון הירש, למשל, צו זוכען אַ נייעם סימבאָל צו מצות מילה („בכדי צו בעצייכענען, אַז דער גוף דאַרף אַזוי גאַנץ און ריין זיין ווי די נשמה״ — „החורב״) אין דער צייט, וואָס מען דאַרף ניט קיין בעסערען און קיין שענערען סימבאָל, ווי דער, וואָס איז אויסגעדריקט אין די ווער-טער: „והיתה בריתי בבשרכם לברית עולם״?

מיר ווייסען דאָך, אַז אין אלטערטום איז יעדער פערבאַנד צווישען מענטשען בעפעסטיגט-געווען דורך בלוט. בעת די שרים פון יהודה אין צדקיהו׳ס צייטען האָבען זייערע קנעכט בעפרייט, האָבען זיי כורת-ברית געווען דורך דעם, וואָס זיי האָבען אַ קאַלב צושניטען און צווי-שען די שטיקער דורכגעגאַנגען (ירמיהו ל״ד י״ח). בשעת שאול האָט דאָס פאָלק גערופען צו זיין פעראייניגט אין קאַמף געגען פיינד, האָט ער אַ פאָר רינדער צושניטען און צושיקט עס „בכל גבול ישראל״ (שמואל-א׳ י״א). בכלל איז עס אַ בעקאַנטער מנהג ביי אַלע אַלטע פעלקער.

בשעת דער אויבערשטער ענטדעקט זיך די מענטשען, רעדט ער לויט זייערע, די מענשענס, בעגריפען („דברה תורה כלשון בני אדם״) און גיט זיי מצוות צופאַסענדיג זיי צו זייערע, די מענטשען׳ס, מנהגים.

ווייל אין אַלטערטום איז אַלזאָ דער פערבאַנד צווישען מענט-שען געוועזען דורך בלוט, האָט דער פערבאַנד צווישען גאָט און מענטשען אויך געמוזט זיין דורך בלוט.

און דעריבער זעען מיר אַזוי: בעת גאָט איז כורת-ברית מיט אברהם, הייסט ער איהם אַ קאַלב און אַנדערע בעלי-חיים צושניי-דען און גאָטס פייער גייט דורך צווישען די שטיקער (גלייך ווי עס

האָבען געטון די שרי יהודה, בשעת זיי האָבען צווישען זיך כּורת-ברית געווען); בשעת גאָט איז כּורת-ברית מיט אברהם און מיט זיינע ק י נ-ד ע ר אויף אייביג — איז גענומען געוואָרען דער אין זעהר פיל פעלקער אָנגענומענער מנהג פון מילה אַלס אות ברית; בשעת משה האָט געדאַרפט בעפעסטיגען גאָט'ס פערבאַנד מיט די בני ישראל נאָך דער התגלות, האָט געמוזט קומען ווידער — דם-הברית (שמות כ"ד).

דער עצם וואָרט „ברית" זעלבסט שטאַמט, לויט געזעניוס, פון'ם שורש „כרה" (שניידען, פונאַנדערשניידען). קיין פערבאַנד צווישען מענטשען איז ניט בעפעסטיגט געוואָרען אין אַלטערטום אָן אָפּפער, אָן בלוט. מיר געפינען אַ זכר פון דעם נאָך אין מיטעל-אַלטער (געטע'ס פויסט איז כּורת-ברית מיט מעפיסטאָפעל'ן אויף מיט זיין בלוט). די תורה האָט אַלזאָ גענומען דעם וואָכעדיגען, אַלגעמיינעם מנהג פון מילה ביי אַנדערע פעלקער, און האָט איהם פערהייליגט ביי די בני ישראל אויף אייביג, דורכדעם, וואָס זי האָט איהם געמאַכט פאַר אַ צייכען פון אייביגען פערבאַנד צווישען די בני ישראל און זייער גאָט.

אויב עמיצער קען נישט איבערטראָגען דעם געדאַנק, אַזאַ געוועהנליכער, וואָכעדיגער מנהג זאָל פון גאָט אַליין פערהייליגט, און פעראייביגט ווערען אַלס אַן „אות ברית", זאָל ער גוט בעטראַכטען דעם פסוק: „את קשתי נתתי בענן והיתה לאות ברית ביני ובין הארץ". איז דען דער „קשת", וועלכער איז אַ גאַנץ געוועהנליכע נ אַ ט ו ר-ע ר-ש יי נ ו נ ג, בענייט געוואָרען אין נח'ס צייטען? — געוויס נ י ט. דער קשת איז פ ר י ע ר געווען אַלס נאַטור-ערשיינונג, און אָט די נאַטור-ערשיינונג איז אויסדערוועהלט געוואָרען אַלס „אות ברית" צווישען הימעל און ערד (זעה רמב"ן בראשית, ט' י"ב, און דאָס איז דער אמת). אַזוי אָבער, ווי דער הער פון דער וועלט קען אויסוועהלען אַ גאַנץ געוועהנליכע נאַטור-ערשיינונג אַלס „ברית" צווישען איהם און די ערד, אַזוי קען ער אויך אויסוועהלען אַ גאַנץ געוועהנליכע ס אָ צ י אַ ל ע ערשיינונג, אַ גאַנץ געוועהנליכען מ נ ה ג פון פעלקער אַלס „אות ברית" צווישען איהם און צווישען זיינע קינדער.

און אָט אַזוי ווי מיר האָבען דאָ בעטראַכט דעם זין פון מצות מילה, אַזוי דאַרף מען אויך בעטראַכטען דעם זין פון פיל אַנדערע מצוות אין דער תורה; מען דאַרף צו זיי אָנווענדען דעם איבעראַל-אָנגענומענעם מעטאָד אין דער וויסענשאַפט, דעם פערגלייכונגס-מעטאָד, פערשטייענדיג אָבער דערביי די בעזונדערע וו ע נ ד ו נ ג, וואָס די

תּורה האָט געגעבען אייניגע געזעצען, מנהגים און לעבענס-אַרטען פון אַלטערטום און דעם בעזונדערן זין און אינהאַלט. וואָס זי האָט געגעבען אַנדערע.

אָט אַזאַ בעזונדערען זין און אינהאַלט האָט די תּורה אויף געגעבען דעם, ביי פיל פעלקער און שבטים אַנגענומענעם איסור צו התונה-האָבען נאָנטע קרובות, וועלכער שטאַמט פון דעם אוראַלטען מנהג ביי פיל שטאַמען צו נעמען פרויען ניט פון אייגענעם שבט, נור פון אַ פרעמדען שבט (עקזאָגאַמיע) און וועלכער נעמט זיך פון געוויסע סאָציאַל-פאָליטישע און פיזיאָלאָגישע סבּות (ווי מיר האָבען אין פריערדיגען בריף ערקלערט).

אָט דעם איסור האָט די תּורה געגעבען אַ בעזונדערן רעליגיעז-עטישען כאַראַקטער, אַריינטראָגענדיג אין איהם דעם פרינציפּ פון ט י פ ע ר אַ כ ט ו נ ג צ ו ד ע ם מ ע נ ט ש ע נ'ס פ ע ר ז ע נ ל י כ ק יי ט.

און ווידער וואונדער איך זיך אויף די גרויסע יודישע אויטאָריטעטען, וואָס אייניגע פון זיי (ווי דער רמב"ם, מורה נבוכים, ח"ג, פל"ה) טראַכטען אויס פון קאָפּ טעמים צו איסורי עריות, און אַנדערע (ווי רמב"ן ויקרא י"ח) זאָגען, אַז איסורי עריות קען מען ערקלערען נור על פי סוד, אין דער צייט וואָס די תּורה זעלבסט ערקלערט איהר א מ ת'ן טעם איינפאַך און קלאָר.

די תּורה זאָגט פשוט: „ערות אביך וערות אמך לא תגלה—אמך היא לא תגלה ערותה" „ערות אשת אָביך לא תגלה — ערות אָביך היא" „ערות בת אשת אָביך מולדת אָביך — אחותך היא, לא תגלה ערותה". אַזוי גייט עס כסדר, די אַנדערע האַלבע פסוקים זענען באמת ט ע מ י ם צו די ערשטע האַלבע פסוקים. איז דיר אַ פרוי אַ מוטער, אַ שוועסטער א. ז. וו. טאָרסטו מיט איהר קיין געשלעכטליכע בעציהונגען ניט האָבען. ווען דו האָסט געשלעכטליכע בעציהונגען צו דיין שוועסטער, אָדער צו אַן אַנדער נאָנטער קרובה, וואָס די תּורה רעכענט אויס, בעליידיגסטו אין דיין שוועסטער — די ש ו ו ע ס ט ע ר, אין דער נאָנטער קרובה — די ק ר ו ב ה. קוים בעציהסטו זיך צו אַ וואָסער-ניט-איז פרוי זינליך, ל יי ד ע נ ש אַ פ ט ל י ך, קענסטו שוין ניט האָבען קיין אמת'ע און פולע אַ כ ט ו נ ג צו איהר. בעציהען זיך צו אַ וואָסער-ניט-איז פרוי מיט פולסטער און טיפסטער אַכטונג אַלס צו אַ פ ע ר ז ע נ-ל י כ ק יי ט און אין דער זעלבער צייט האָבען מיר איהר געשלעכט-ליכע בעציהונגען — דאָס איז באמת אַ תּרתּי דסתרי, כאָטש מענטשען

ווילען דאָס קיינמאָל ניט מודה זיין.

אייניגע מאָראַליסטען האָבען עס פיל־וויניג פערשטאַנען, אַמשאַרפסטען און אַמטיפסטען האָט עס אָבער *טאָלסטאָי* פערשטאַנען. קיינער ביז איהם האָט ניט אַזוי קלאָר געזען, ווי ווייט די געוועהנליכע געשלעכטליכע ליבע דערלאָזט ניט צו אַכטען אין דער פרוי איהר פערזענליכקייט. די ליידענשאַפט בעטראַכט די פּערזאָן פון דער פרוי אַלס אַ *זאַך*, אַלס אַ מיטעל, אַלס אַ שפּיל־צייג, און ניט אַלס פערזאָן, וואָס האָט איהר בעזונדער לעבען און ליידען, ניט אַלס ציל אַן און פאַר זיך, ניט אַלס *מענטש*. ווען טאָלסטאָי לערנט דעם מענטשען, אַז ער זאָל זיך ניט בעציהען צו קיין פרוי זינליך און ליידענשאַפטליך, הייסט ער איהם בעטראַכטען יעדע פרוי אַלס זיין *שוועסטער*. דאָרט, וואו עס איז דאָ די ליבע צו אַ מענטשען אַלס *מענטשען*, גיבט עס קיין אָרט ניט צו זינליך־ליידענשאַפטליכע בעציהונגען.

בעזונדערס האָט עס טאָלסטאָי אויסגעדריקט אין אַ קליין בילדעל, וואָס ער האָט איבערגעזעצט פון מאָפּאַסאַן: „פראַנסואַזאַ“. דער איינהאַלט איז זעהר אַן׳איינפאַכער. ביי איין מאַטראָס איז ערגיץ־וואו פערשווינדען זיין שוועסטער; די גאַנצע פאַמיליע האָט אומזיסט געזוכט די פערלוירענע. דער מאַטראָס איז זיך אַוועקגעגאַנגען לעבען ווי אַלע זיינע ברידער: קאָרטען, בראָנפען, שפּילערייען, לייכטזיניגע מעשים, געמיינהייטען, אויסגעלאַסענקייט. ער קומט אַמאָל אין אַ גרויסער שטאָט און גייט אַוועק מיט אַ פריילּיכער חברה מאַטראָסען „אַ לעב טון“. ער גייט אַריין מיט זיינע חברים אין אַ „פריילּיך הייזעל“. ער בעקאָנט זיך דאָרט מיט איינע. די ליידענשאַפט שוויגט ניט. ער רעדט זיך אויף מיט דער „איינער“ און ער דערגייט איין קלייניקייט: דאָס איז זיין פערשווינדענע *שוועסטער*. מאָפּאַסאַן לאָזט איהם רייסענדוג די האָר פון קאָפּ, שלאָגענדיג קאָפּ אָן וואַנד, וכדומה. וואָס וועט אָבער ווייטער זיין? וועט ער זיך ווייטער אויך אַזוי פערהאַלטען צו פרויען ווי פריהער? וועט ער דען דערפילען, אַז יעדע פרוי איז עמיצענס אַ שוועסטער און אַז בכלל מוז *יעדער* מענטש בעטראַכט־ווערען אַלס ברודער אָדער אַלס שוועסטער?

איך שיהיה און דאָס ווערט קלאָר: דאָרט, וואו עס איז דאָ די פולע און ריכטיגע פאָרשטעלונג פון „מענטש“ און „פערזענליכקייט“ פון ברודער און שוועסטער, דאָרט איז קיין אָרט ניטאָ פאַר געשלעכטליכע פערהעלטניסען.

ווען מען זאָל אָט די אָנשויאונג ברענגען צו איהרע גאָר לעצטע קאָנסעקווענצען, דאַרף מען קומען ענדליך צו די בעשלוסען פון טאָלסטאָי אין זיין „קרייצעראָוואַ סאָנאַטאַ“. די תּורה האָט אָבער צו אַזעלכע בעשלוסען ניט געקענט קומען, ווייל דאָס איז געגען דאָס לעבען און די תּורה איז — אַ תּורת-חיים. די תּורה האָט אַלזאָ דעם פּרינציפּ אָנגעווענדט מיט די גאַנצע האַרבקייט, לכל הפּחות, דאָרט, וואו זי האָט איהם געקענט אָנווענדען. זי האָט איהם אויך אָנגעווענדט בנוגע צו עריות... זאָל דער מענטש אין נאָנטע אייגענע זעהן נור מענטשען, און ניט אַ מיטעל צו בעפרידיגען געשלעכטליכע ליידענשאַפטען.

דערביי זעהט דאָ די תּורה דרייערליי נאָנטע קרובות: איינע ווערען געאסר׳ט, אום זייער פּערזענליכקייט זאָל ניט בעליידיגט ווערען („אמך היא“, „אחותך היא א. ז. וו.). אַנדערע ווערען געאסר׳ט, ווייל די פּערזענליכקייט פון אַנדערע ווערט דורך דעם בעליידיגט („ערות אביך היא“, „שאר אביך היא“ א. ז. וו.). נאָך אַנדערע ווערען געאסר׳ט, ווייל דאָס איז אַ זינד געגען די אייגענע פּערזענליכקייט פונ׳ם מענטשען („ערותך הנה“).

נאָך יעדען פּערזאָן ערקלערט די תּורה גאַנץ דייטליך דעם זין פון דעם פּערזאָג: „אחותך היא“ „שאר אביך היא“ „ערותך היא“, ווי איינער זאָגט: דו טאָרסט קיין געשלעכטליכע בעציהונג ניט האָבען דאָרט, וואו דו דאַרפסט ריין-פריינדליכע בעציהונגען האָבען. צו וואָס-זשע דאַרף מען זוכען אויסגעטראַכטע טעמים, ווען די תּורה זעלבסט ערקלערט די טעמים איהרע מיט קורצע, קלאָרע, איינפאַכע ווערטער? איז דען ניט קלאָר, אַז אזוי און נאָר אַזוי האָט די תּורה געמיינט? זענען דען ניט אָט אַלע האַלבע פּסוקים, לויט ווי מען האָט זיי ביז איצט פערשטאַנען, נור אומזיסטע ווידערהאָלונגען?...

די תּורה האָט אָבער דאָ גאַנץ איינפאַך און קלאָר בעוויזען, אַז זי קען אויסנוצען געוויסע אָנגענומענע געזעצען ביי מענטשען, אום אריינצוגעבען דורך זיי אַכטונג צו דעם מענטשענ׳ס פּערזענליכקייט.

פּריוואַט אייגענטום.

מענשען גלויבען אַזוי שטאַרק אין דעם „שלי—שלי“ (מיינע איז— מיינע), אַז זיי קענען זיך באמת גאָר־ניט פאָרשטעלען דאָס לעבען אָן פּריוואַט־אייגענטום. ווען מען קומט און מען רעדט זיי פון אַ צייט, אין וועלכער פאַר פּריוואַט־אייגענטום וועט מער קיין אָרט נישט זיין— גלויבען זיי אין דעם נישט. ווען זיי רעדען אַפילו וועגען דעם טראַכ־ טען זיי אין טיפען האַרצען: עס, חלומות...

וואָס עס וועט זיין אין דער צוקונפט — דאָס בעריהרען מיר איצט ניט. בנוגע צו דער פערגאַנגענהייט, מוז מען אָבער אַלענפאַלס פעסטשטעלען, אַז די אמונה פון מענשען אין דעם, אַז אַ ל ע מאָל האָט עקזיסטירט „מיינע“ און „דיינע“, — האָט קיין יסוד נישט.

דער אוראַלטער מענש האָט פון אייגענטום גאָרנישט געוואוסט, ער האָט קיין אייגענטום נישט ג ע ה אַ ט און ער האָט דערום ניט געהאַט וואָס אָבצוהיטען און וואָס צו האַלטען פאַר „הייליג“. ער האָט ניט געוואוסט פון אָנזאַמלען און בעהאַלטען פאַר זיך. ער האָט געלאָ־ זען יעדען פריי צו געניסען פון דעם, וואָס ער האָט געהאַט.

דאָס איז געווען, געוועהנליך, ניט אויס איבריגע גוטסקייט און נדבות, נאָר פשוט, ווייל דעם מענשען האָט געפעלט דער גאַנצער ב ע ג ר י ף פון „קנין“ און פון „פערמעגען“ און פון אָבשפּאָרען און פערזאָרגען זיך אויף שפּעטער. ער האָט נאָך געלעבט ווי פרייע פוי־ געלעך אין פעלד, ווי חיות אין וואַלד, ווי אַלע ברואים אונטער'ן הימעל. דער בעגריף פון אייגענטום איז ניט מיט אַמאָל געבוירען אין דער מענשהייט. ער האָט געמוזט דורכמאַכען זעהר פיל ענטוויקלונגס־ שטופען, ביז ער האָט אָנגענומען זיין איצטיגע פאָרם.

פון אָנפאַנג האָבען מענשען אָנערקענט דאָס רעכט פון אייגענ־ טום נאָר אויף כלים, וואָס דער מענש אַרבייט אויס. דער געדאַנקען־ גאַנג פון דעם מענשען איז אַזוי געווען: די ערד איז אַלעמענס, אַלץ וואָס אויף דער ערד איז אויך אַלעמענס. ווען עמיצער פאַנגט אַ הירש דאַרף ער זיין פלייש עסען און זיינע מיט־מענשען געבען, מאָרגען פאַנגט דער צווייטער — מאַכט דער צווייטער פאַר אַלעמען אַ סעודה; ווען דער מענש אַרבייט פאַר זיך אַ כלי, האָט ער עס צוליב זיינע

בוצען געטון, ער האָט זיין אַרבייט אַריינגעטון, זיין גייסט, — דאָס געהער אַלזאָ אים.

נאָכהער האָט דער מענש אָנערקענט אויך דאס אייגענטום פון הויז. די הייזער האָבען אין אוראַלטערטום געהערט צו די פרויען. די פרוי האָט דאָס הויז געבויט; דער מאַן איז אין יאַגד געגאַנגען. דאָס הויז אַלס געביידע, אין וועלכע עס איז אַריינגעלעגט געוואָרען אַזוי פיל מיה און געשיקטקייט איז אָנערקענט געוואָרען אַלס אייגענטום פון זיינע בויער. אין קיין פאַל איז אָבער ניט אָנערקענט געוואָרען דאָס אייגענטום-רעכט אויף תבואות, אויף פירות, אויף אַלץ, וואָס די ערד גיט.

נאָך שפּעטער ווען עס איז שוין אָנערקענט געוואָרען אויך דאָס אייגענטום-רעכט אויף אַלעם דעם, וואָס דער מענש נעמט פון דער ערד, ווען ער האָט אויף דעם מיה געלייגט, איז נאָך אַלץ ניט אָנערקענט געוואָרען, דאָס עמיצער זאָל האָבען אייגענטום-רעכט אויף דער ערד זעלבסט. היינט זייען און אַקערען די, מאָרגען — אַנדערע. מענשען האָבען בשום אופן נישט געקאָנט פאָרשטעלען זיך, אַז די ערד וועלכע ערנערט און שפּייזט אַלעמען, די ערד וועלכע איז אַלעמענס מוטער. זאָל געהערען צו איינע און ניט צו די צווייטע. דער מענש האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז ער זאָל זיין בעל-הבית אויף דעם, וואָס ער האָט ניט געשאַפען און ניט געבילדעט.

בעזונדערס האָבען עס ניט געקענט בעגרייפען די נאָמאַדען, די, וואָס פלעגען אומוואַנדערען מיט זייערע פיה פון אָרט צו אָרט, פון לאַנד צו לאַנד. ווען ביי זיי האָט זיך שוין אויסגעאַרבייט דער בעגריף פון אייגענטום, ווען זיי האָבען שוין אָנערקענט, אַז שאָף קען געהערען צו עמיצען, ווייל מען לעגט פיל מיה אויף פיטערען און האָדעווען די שעפּעלעך, האָבען זיי דאָך אַלץ ניט געקענט אָנערקענען דאָס רעכט פון עמיצען אויף דער ערד. אַ זכר פון דעם איז געבליבען נאָך אין דער טענה פון אברהם צו לוט: „הלא כל הארץ לפניך, הפרד נא מעלי אם השמאל ואימינה, אם הימין ואשמאילה". די ערד ווערט בעטראַכט אַלס גאַנץ פרייע זאַך. וואוהין מען וויל געהט מען מיט'ן שאָף, וויל מען גייט מען אויף רעכטס, וויל מען גייט מען אויף לינקס — אַ פרייע וועלט!

מיט דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון ערד-אַרבייט, פון דער צייט אָן, וואָס דער מענש איז געוואָרען מער צוגעבונדען צו געוויסע

שטיקער ערד, וועלכע ער האָט מיט זיין שווייס אָנגעטרונקען, צו געוויסע שטיקער ערד, וועלכע ער האָט פֿון מדבריות אין בליענדע גערטנער פֿאַרוואַנדעלט, צו געוויסע וויסטע טרוקענע ערטער, וועלכע ער האָט פֿאַר גן־עדנ׳ס געמאַכט, האָט דער מענש אָנגעהויבן אָנערקענען אויך דאָס אייגענטום־רעכט בנוגע צו ערד.

אָבער אויך דאַן האָבען נאָך מענשען ניט אָנערקענט דאָס אייגענטום־רעכט אויף פֿיל פֿערשידענע זאַכען. צום ביישפּיל: *וואַלד*. נאָך ביז די לעצטע צייטען (ווי עס ווייזט אויף ליפּערט און אַנדערע) גיט זיך מענשען זעהר שווער צו פֿערשטעהן: ווי אַזוי קען אַ פֿרייער וואַלד, וואָס איז פֿון גאָט פֿערפֿלאַנצט, געהערען צו איינציגע און ניט צו אַלעמען?

אָט אַזוי האָט זיך דער בעגריף פֿון אייגענטום ביסלעכווייז, ביסלעכווייז ענטוויקעלט, ביז ער האָט ביי די קולטור־פֿעלקער אָנגענומען פֿעסטע און בעשטימטע פֿאָרמען און ביז ער איז אַזוי פֿערשטאַרקט געוואָרען און אין אַלעמענס הערצער איינגעפֿלאַנצט געוואָרען, אַז מען קען גאָרניט דענקען דאָס מענשליכע סאָציאַלע לעבען אָן אים.

מען מוז דערצו אויך געדענקען, אַז אין דעם אַלעמען איז נאָך אויך ניטאָ דער בעגריף פֿון פּריוואַט־אייגענטום. אויף דעם אופֿן ווי מיר האָבען געזאָגט, איז ענטוויקעלט געוואָרען דער בעגריף פֿון אייגענטום בכלל. אום דאָס אייגענטום זאָל ווערען פּריוואַט, אום דאָס אייגעטום זאָל טראָגען אַ *אינדיווידועלען* כאַראַקטער, האָט דער מענש געמוזט דורכמאַכען נאָך איינציגע ענטוויקלונגס־שטופֿען.

דרייצענטער בריף

פּריוואַט אייגענטום לויט תורת־משה.

די תורה אַנערקענט פֿון איין זייט די הייליגקייט פֿון אייגענטום. דאָס, וואָס אַ מענש האָט ערוואָרבען דורך זיין מי, דורך זיין ענערגיע, דורך זיין געשיקטקייט איז עס זיינע. קיינער האָט דאָס רעכט ניט אָפּנעמען עס. קיינער טאָר עס ניט גנב׳נען, גזל׳נען, אויסנאַרען. נאָך מער: קיינער טאָר עס אפילו *אין האַרצען* ניט בעגעהרען. געהער אַ זאַך צו איינעם, איז זי אין גאַנצען געווידמעט יענעם איינעם,

זי איז פאַר אַלע אַנדערע ווי הקדש, ווי עטוואָס, וואָס איז נאָר גאָט געווידמעט...

אויסער דעם, וואָס די „עשרת הדברות" פערבאָטען גנבה (לא תגנוב), פערבאָטען זיי אויך צו גלוסטען דאָס, וואָס געהערט דעם צווייטען (לא תחמוד).

פרעגט אַ מענש: איך קען מיך צווינגען ניט רירען דעם צווייטענס אייגענטום, ווי קען איך מיך אָבער צווינגען ניט גלוסטען אין האַרצען דאָס, וואָס געהער צום צווייטען? בין איך דען שולדיג, ווען עס ווילט זיך פאָרט? בין איך דען שולדיג, ווען עס געלוסט זיך פאָרט? בין איך דען שולדיג אין דעם, וואָס דעם צווייטענס זאַך איז אַזוי שען און גוט און עס ציט מיך צו איר ניט ווילענדיגערהייד?

דערויף ענטפערט דער אבן-עזרא זייער ריכטיג: אַ דאָרפס-מאַן זעהט, אַז דעם קעניגס טאָכטער איז זייער שען, ווען ער איז ביי זיין געזונדען פערשטאַנד, וועט ער וועגען איר ליידענשאַפטליך ניט דענקען, דען ער ווייס צו גוט די דיסטאַנץ צווישען איר און אים. מען קען ניט גלוסטען צו דעם, וואָס ווערט בעגריפען אַלס עטוואָס, וואָס איז אַבסאָלוט אונמעגליך צו דערגרייכען. דער דאָרפס-מאַן דענקט דעריבער ניט וועגען קעניגס טאָכטער, ווייל ער ווייס, אַז עס איז אים אונמעגלנך צו נעמען זי, אַזוי ווי עס איז אים אונמעגליך צו האָבען פליגעל און אין הימעל פליען...

אָט אַזוי דאַרף זיך אויך יעדער מענש פערהאַלטען צום צווייטענס אייגענטום; ער דאַרף זיך פרייען מיט דעם, וואָס ער פערמאָגט און דאַרף גאָר ניט אָנהויבען צו גלוסטען דאָס, וואָס איז ניט זיינס, ווייסענדיג, אַז דאָס, וואָס גאָט האָט אים ניט געגעבען, וועט ער דורך קיינע קרעפטען, קונצען און מיטלען ניט ערווערבען. ער דאַרף פעסט וויסען, אַז דאָס, וואָס געהערט צום צווייטען, איז פאַר אים אַבסאָלוט אויסגעשלאָסען. ער קען עס ניט בעגערען, אַזוי ווי ער קען ניט בעגערען אַ שטערען פון הימעל...

אָט אַזוי היט די תורה אָפּ דעם מענשענס אייגענטום. ניט נאָר דעם צווייטען מענשענס האַנד טאָר עס ניט בערירען, נאָר אויך דעם צווייטען מענשענס געדאַנק. דער מענש און זיין אייגענטום ווערען בעטראַכט אַלס — איינס. ווי דעם מענשענס פערזאָן ווערט בעטראַכט דורך דער תורה אַלס עטוואָס, וואָס טאָר פון קיינעם ניט בעליידיגט ווערען („כי בצלם אלהים עשה את האדם"), אַזוי טאָר אויך

זיין אייגענטום אין קיין פאַל ניט בעטראַכט ווערען אַלס הפקר. קוים איז דאָס אייגענטום דעט מענשענס אַרבייט און גייסט, איז עס — דער מענש זעלבסט.

ווער עס וועט אָבער פון דאַנען בעשליסען, אַז די תורה בעטראַכט דעם אייגענטימער אַלס דעם איינציגען, פולשטענדיגען און אַבסאָליוטען בעל־הבית פון זיין אייגענטום — לעבט ער דורכאויס אין טעות. אין אמת'ן אָנערקענט די תורה פון דער צווייטער זייט, אַז איבער דעם כלומרשט'ען אייגענטימער — דעם מענש — איז דאָ דער אמת'ער אייגענטימער — גאָט אַליין.

און דאָס איז תורת משה, ניט ווי אין אַלע אַנדערע רעליגיאָנען, בלויז אַ סענטענץ, אַ שען וואָרט, אַ שען בילד, אין בעסטען פאַל אַ שטרעבונג, אַ זעהנזוכט, אַן אידעאַל, נאָר אַ שטרענג־רעאַלע פאָדערונג, אַ געוויסער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פרינציפ, לויט וועלכען דאָס גאַנצע לעבען פון די בני ישראל איז געריכטעט געוועז.

די תורה האָט פון אָט דעם פרינציפ אַלע קאָנסעקווענצען אַרויסגעצויגען: ווי באַלד, אַז דער אמת'ער אייגענטימער פון אַלץ איז נאָר גאָט אַליין, און ניט דער מענש, טאָר די ערד אויף אייביג ניט פערקויפט ווערען („והארץ לא תמכור לצמיתות, כי לי הארץ"). דער מענש איז נאָר אַ צייטווייליגער אייגענטימער פון דער ערד. דער אייביגער און אמת'ער אייגענטימער איז נאָר דער, וואָס האָט זי בעשאַפען. ווי אַזוי־זשע קען דער מענש פערקויפען אויף אייביג דאָס, וואָס געהער אין אמת'ן נאָר דער אייביגקייט זעלבסט?...

פון דעם ציהט די תורה אַרויס אויך לאָגיש, אַז דער אייגענטימער מוז געבען פון דעם, וואָס ער פערמאָגט, די וואָס פערמאָגען ניט. דאָס, וואָס אין אַלע אַנדערע רעליגיאָנען ווערט גערעכענט אַלס וואָהלטאַט, אַלס גוטסקייט, אַלס ליבע אָדער נדיבות, ווערט אין תורת משה בעטראַכט אַלס פולשטענדיגער חוב. געווענליך רעדט די תורה אויך וועגען אַ גוט הארץ — ניט דערפון איז אָבער דאָס געבען אָבהענגיג. צי דיין האַרץ איז גוט צי שלעכט — געבען מוזטו.

די תורה דענקט אַזוי: ווי באַלד, אַז דאָס, וואָס דו, מענש, פערמאָגסט, איז אייגענטליך ניט דיינע, נאָר דעם שעפפערס, דער, וואָס איז אַ פאָטער אַלעמען גלייך, ביזטו, אייגענטימער, דער וואָס דער פאָטער האָט דיך אויף אַ צייט פאַר אַן אויפזעהער אויף זיינע גיטער גע־

מאַכט, מ ח ו י ב צו געבען וויפיל עס קומט יעדען על־פּי יושר.

די תורה הייסט אַלזאָ דעם אייגענטימער צו געבען אַלערליי מעגליכסטע מתנות פון די פעלדער און פון די וויינגערטענער אָרימע לייט (פּרט, עוללות, לקט, שכחה, פּאה, מעשר עני); אַלערליי מעגליכסטע מתנות די, וואָס האָבען קיין אייגענטום ניט, ווייל נאָר גאָט איז זייער חלק (תרומות ומעשרות); מתנות די קנעכט, ווען עס ענדיגט זיך זייער דינסט („העניק תעניק"); אויסלייען געלד די, וואָס נויטיגען זיך אין דעם, ניט נעמענדיג קיין פּראָצענט („אם כסף תלוה את עמי את העני עמך, לא תהיה לו כנושה לא תשימון עליו נשך", און דער „אם" איז דאָ — אַ ח ו ב); שטיצען און העלפען אַלע געפאַלענע ניט מיט נ ד ב ו ת, נאָר ג ר י נ ד ל י ך, ר אַ ד י ק אַ ל, אין ג אַ נ צ ע ן („וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו", „ו ח י אחיך עמך", „פתח תפתח את ידך לו והעבט תעבטנו די מחסורו אשר יחסר לו").

א ן דער ט אָ ג, מיט וועלכען אָט די אַלע זאַכען זענען פּער־זאָגט געוואָרען, איז ניט קיין מ אָ ר אַ ל י ז י ר ע נ ד ע ר, נאָר אַ ריין געזעצגעבערישער. די תורה ווענדט זיך דאָ ניט צו דעם אינדיווידועלען גוטען ווילען, נאָר צו דער מ ל ו כ ה, וואָס זאָל גע־גרינדעט זיין אויף די יסודות פון תורת משה. די תורה פירט אָט די אַלע זאַכען אַרויס פון עלעמענטאַרער געזעלשאַפטליכער גערעכטיגקייט: ווי באַלד אַז דער מענש איז ניט דער אמת'ער אייגענטימער פון דעם, וואָס ער פּערמאָגט און נאָר אַ צ ייטווייליגער בעזיצער („כי גרים ותושבים אתם עמדי"), דאַרף ער אין דעם נוהג זיין זיך לויט דעם פּערלאַנג פון דעם א מ ת ׳ ע ן אייגענטימער — גאָט.

און אום דער מענש זאָל עס שטענדיג געדענקען, אום דער מענש זאָל ניט פּערגעסען, אַז ער איז נאָר אַ צייטווייליגער ממונה אויף זיין פּערמעגען און ניט דער עכטער בעזיצער, האָט די תורה גע־הייסען דעם מענשען פון צייט צו צייט זיין אייגענטום פּערלאָזען, לאָזען עס אין גאַנצען פאַר כל דכפין, ווערען מיט אַמאָל א ו י ס בעל־הבית. זי האָט אַלזאָ די ש מ ט ה בעשטימט: זעקס יאָר בעאַרבייט דיין פעלד און אין זיבטען יאָר — פּערלאָז זי. דער איינציג־ריכטיגער און קלאָרער טעם פון שמטה איז דער, וואָס די בעלי התלמוד האָבען בעגריפען: „גאָט האָט אַזוי געזאָגט: אַרבייט זעקס יאָר און רוט אין זיבעטען, בכדי איר זאָלט וויסען, אַז די ערד איז מ יי נ ע".

די תורה בעטראַכט אַלזאָ פּריוואַט-אייגענטום אַזוי: בנוגע צום

צווייטען איז פּריוואַט=אייגענטום הייליג. דאָס הייסט: קיינער
טאָר ניט בעריהרען דעם צווייטענס אייגענטום און טאָר איהם אפילו ניט
בעלוסטען. דער אייגענטיהמער זעלבסט אָבער דאַרף זיך ניט בע=
טראַכטען אַלס אמת׳ער אייגענטימער, נאָר אַלס צייטווייליגער בעזיצער,
אַלס צייטווייליגער נאמן, וועמען גאָט האָט אַ טייל פון זיינע אוצרות
געטרויט. אַלס אמת׳ען בעזיצער דאַרף ער בעטראַכטען נאָר דעם, וואָס
האָט איהם און אַלץ בעשאַפען. בעטראַכטענדיג זיך נאָר אַלס צייטוויי=
ליגען נאמן, מוז ער ערליך און געטריי ערפילען מיט זיין גוטס ניט
זיין אייגענעם ווילען, נאָר גאָט׳ס ווילען.

אויסערליך בעשטעטיגט די תורה דעם אינסטיטוט פון
פּריוואַט=אייגענטום; איננערליך אָבער בעזייטיגט זי איהם. ריכ=
טיגער געזאָגט: זי גיט איהם איבער אין די הענד פון דעם, וואָס
גלייכט אויס אַלע עולות, אין די הענד פון דעם שופט=צדק, אין די
הענד פון דעם, וואָס ליבט באמת מענשען און זיינע ברואים.

די תורה נאָרמירט אַלזאָ די פערהעלטנישען פון מענשען צו מענ=
שען, בעפעהלענדיג, אַז די ערד זאָל אויף אייביג ניט פערקויפט ווע=
רען, אַז אין יובל זאָל די ערד צו איהרע פריהערדיגע בעזיצער צוריק=
קערען, בכדי עס זאָל ניט געגעבען ווערען די שטאַרקע און די רייכע
די מעגליכקייט צו דערווערבען גרויסע גיטער אויף דעם חשבון פון
די שוואַכע און די אָרימע. קוים ווערען די פעלדער יעדען יובל צו=
ריק אומגעקערט צו די אַלטע בעלי=הבתים, בלייבען אַלע בירגער סוף=
כל=סוף ביי זייערע פריהערדיגע גיטער. די רייכע און די שטאַרקע
מוזען זיך בענוגענען נאָר מיט זייער מאָמענטאַלען בעזיץ...

ווי באַלד, אַז אויסערליך האָט די תורה אָבער יאָ געלאָזט דעם
אינסטיטוט פון פּריוואַט-אייגענטום, און בפרט אַז בנוגע צו סתם זאַכען
(ניט ערד) איז דעם יובל אויך אונמעגליך געווען איינצופיהרען, האָט
די תורה איהר פעסימיסטישע בעמערקונג געגעבען: „כי לא יחדל
אביון מקרב הארץ”... פון דער צווייטער זייט אָבער, קוים האָט די
תורה אין דעם אינסטיטוט פון פּריוואַט=אייגענטום איהר בעזונדערן גייסט
אַריינגעטראָגען (דערמיט וואָס זי בעפעלט קאַטעגאָריש, אַז מען
זאָל דעם אָרימאַן געבען וויפיל איהם פעלט), האָט זי איהר
וואונש אַרויסגעזאָגט: „אפס כי לא יהיה בך אביון”.

לויט די אויסערליכע בעדינגונגען איז טאַקי — „כי לא יחדל
אביון”; לויט די שטרעבונג אָבער פון דער תורה, לויט די פער=

שידענסטע געזעצען, וואָס נאָרמירען די פערהעלטנישען פון מענשען צו מענשען און לויט די „שטרענגסטע אזהרות פון געבען און געבען, שענקען און שענקען, העלפען און העלפען, ביז די אָרימע לייט ווערען גענצליך געהאָלפען, מוז אין אַ שטאַט וואָס פירט זיך לויט תורת משה כאָטש אין ווייטער צוקונפט, מקוים ווערען דער — „אפס כי לא יהיה בך אביון".

פירצינטער בריף

אחדות.

— האָבען אין די פריערדיגע בריף ערקלערט די גייסטיגע און מאַטעריעלע יסודות, אויף וועלכע די אַלטע וועלט איז געווען געבויט, די פערהעלטניס פון תורת־משה צו אַט די אַלע יסודות, דעם ענטשידענעם קאַמף, וואָס זי האָט געפירט געגען אייניגע פון זיי, די נייעסען, וואָס זי האָט אַריינגעטראָגען אין אַנדערע, די נייע ווענדונג וואָס זי האָט געגעבען נאָך אַנדערע, דעם נייעם זין, וואָס זי האָט געגעבען די מנהגים און לעבענס־אַרטען, וועלכע זי האָט אָנגענומען אָן שנויים. דערמיט אַליין ווערט אָבער נישט אויסגעשעפּט דער אינהאַלט און דער זין פון תורת משה. מען מוז דערצו אויך וויסען דאָס, וואָס די תורה האָט פון איר זייט אַריינגעטראָגען אין דער וועלט. ביז איצט האָבען מיר נאָר געזען, ווי די תורה נעמט פרעמדע יסודות, לעבענס־אַרטען און מנהגים און איז זיי מבטל אינגאַנצען, שוואַכט זיי אָב, בעסערט זיי אויס, אָדער טראָגט אין זיי אַ נייעם געדאַנק אַריין. איצט ווילען מיר בעווייזען, אַז די תורה האָט מיט זיך אין דער וועלט געבראַכט עטוואָס, וואָס די וועלט האָט פון דעם פריער גאָר נישט געוואוסט, אָדער כמעט ווי גאָרנישט געוואוסט.

צו ערשט: דער פרינציפ פון אַחדות, אָדער ווי מען רופט עס היינט אָן: מאָנאָיזם. איך זאָג נישט מאָנאָטעאיזם, נאָר מאָנאָיזם. נישט נאָר אין דעם בעשטייט די גרויסקייט פון דער תורה, וואָס זי האָט אָנערקענט איין גאָט און נישט פיל געטער, נאָר אויך אין דעם, וואָס זי זעט דעם גאַנצען קאָסמאָס (וועלטאַל) אַלס איין גוף מיט פערשידענע אברים און פונקציעס. די גרויסקייט פון דער תורה בעשטייט, אין דער הינזיכט, אין דעם, וואָס זי האָט צוערשט, און אַמ־

שאַרפֿסטען און אַמקלערסטען. אויסגעדריקט די מאָניסטישע לערע און האָט פֿון אָט דער לערע אַרויסגעפֿירט אַלערליי מעגליכסטע לאָגישע בעשלוסען. די היינטיגע מאָניסטען זענען ווייט ניט אַזוי קאָנסעקווענט און לאָגיש אין זייערע בעשלוסען, ווי די תּורה. ריכטיגער געזאָגט: היינטיגע מאָניסטען זענען זייער לאָגיש און זייער קאָנסעקווענט, ווען זיי בעטראַכטען דעם לעבענס-פּרינציפּ פֿון דער וועלט אָדער די נאַטור-געזעצען, די נאַטור-ערשיינונגען און די פֿערהעלטענישען פֿון אָט די ערשיינונגען איינע צו די צווייטע, זיי זענען אָבער אויף קיין איין האָר ניט לאָגיש און ניט קאָנסעקווענט אין זייער ש ט ע ל ו נ ג צו דער וועלט, אין זייער ר ע ל י ג י ע, אין זייער ע ט י ק. די תּורה אָבער, אָנערקענענדיג, אַז איין לעבענס-פּרינציפּ גייט דורך אַלץ און אַלעמען, אַז איין נשמה בעלעבט דעם גאַנצען קאָסמאָס פֿון די גרעס-טע הימעל-קערפּערס ביז דאָס שטויבעלע אויף דער ערד, פֿון דעם העכסטען, גרעסטען און בעוואוסטזיניגסטען מענשען ביז דעם אבן דומם, האָט זי פֿעסטגעשטעלט די פֿערהעלטעניש פֿון מענשען צו אַלע ברואים, צו זיינע ברידער-מענשען, צו דער וועלט-נשמה צו דעם בורא-יחיד.

די תּורה דענקט אַזוי: קוים איז דאָס לעבען אין דער גאַנצער וועלט א יי נ ס. קוים וואוינט אין אַלץ און אַלעמען א יי ן נשמה, קוים איז דער גאַנצער קאָסמאָס, אין גרונד גענומען, נאָר איין קערפּער, מוז דער מענש זען אין יעדער בעשעפֿעניש אַ שפּיגעל פֿון זיין לע-בען, אַ בילד פֿון דער נשמה וואָס לעבט אין א י ם, אָדער נאָר אַ חלק פֿון זיין אמת׳ן און טיפֿסטען „איך”.

די תּורה קומט אַלזאָ פֿון דעם צום בעשלוס: דער מענש מוז אָנווענדען ליבע און רחמים און עקסטען יושר ניט נאָר בנוגע צו זיינע ברידער-מענשען, נאָר אויך בנוגע צו אַלע בעלי-חיים, און ניט נאָר צו אַלע בעלי-חיים, נאָר אויך צו די, וואָס מען איז געוואוינט צו בעטראַכטען אַלס טויטע קערפּער, צו בוימער, צו געוויקסען, צו דער ערד. צו אַלע ז אַ כ ע ן אויף דער ערד.

און אין דער צייט, וואָס דער אמת׳ער פֿאָרגענגער פֿון היינטיגע מאָניסטען (העקעל, אָסטוואַלד א. ז. וו.) ברוך שפּינאָזאַ זאָגט זיך אַרויס אין זיין „עטיק” פּינקט און זיכער, אַז מענשען ברויכען גאָר-ניש צו האָבען קיינע פֿליכטען און קיינע געפֿילען פֿון יושר בנוגע צו בעלי חיים, האָט די תּורה פֿון דעם מאָניסטישען פּרינציפּ אַנדערע בעשלוסען אַרויסגעפֿירט. דענקענדיג אָן סאָפֿיזמען און גייסטיגע קונ-

צעָן-מאַכעריי („גייסטיגע שפּינוועבס" ווי ניטשע האָט עס אָנגערופן) האָט די תּורה קלאָר געזען: דאָס וואָס איז אייגס לויט'ן גרונד, מוז אַלס איינס ניט נאָר בעטראַכט ווערען, נאָר אויך בעהאַנדעלט ווערען. זוי באַלד אַז איין געטליכער כּח בעלעבט אַלע מענשען גלייך און ווי דעם מענשען אַזוי אויך דעם בעל-חי און ווי דעם בעל-חי אַזוי אויך די בוים אין פעלד און אַזוי אויך יעדעס גרעזעלע און זעמדעלע, מוז דער מענש וואָס אָנערקענט עס, צו ליבען און צו אַכטען אַלץ וואָס גאָט האָט בעשאַפען, פערהאַלטען זיך מיט דער גרעסטער בעטריי-שאַפט, ווייכקייט און צערטליכקייט, ניט נאָר צו מענשען, זיין גלייכען, נאָר אויך צו דער בהמה וואָס בעאַרבייט זיין פעלד, צו דער חיה וואָס לויפט פריי אין וואַלד. צו אַלץ וואָס לעבט און ליידעט און שטרעבט צו ליכט און גליק.

אַלע ברואים ביז דעם מענשען האַלטען אין איין פערניכטען איינע די צווייטע, אין איין וואַקסען פון איינע שטאַרקע, אויף דעם חשבון פון אַנדערע שוואַכע. זיי מוזען זיך אַזוי אויפפירען. זיי קענען אַנדערש ניט. זיי פעלט דאָס בעוואוסטזיין פון דעם „איינעם" וואָס לעבט אין אַלעמען גלייך. דער מענש אָבער, קוים אָנערקענט ער, אַז דער וואָס גיט אים לעבען גיט אויך אַלעמען לעבען, קוים אָנערקענט ער, אַז ער ווי אַלע ברואים טרינקען פון איין קוואַל, אַז אייגענטליך איז אין אים דאָס זעלבע לעבען וואָס אין אַלע אַנ-דערע אָדער, פערקערט, דאָס לעבען פון אַלע אַנדערע איז אויך אין אים, ווי קען ער זיך פערהאַלטען אַכזריות'דיג און פיינדליך צו אַלע ברואים? ווי קען ער פיינד האָבען דאָס, וואָס איז נישט אַנדערש ווי ער זעלבסט?...

שאָפּענהויער בעפאַלט זייער שטאַרק שפּינאָזאַ'ן פאַר זיין אַכזריות צו בעלי חיים. האַסענדיג יודען, שרייבט שאָפּענהויער צו שפּינאָזאַ'ס אַכזריות דעם יודענטום, אין אמת'ן אָבער, פערהאַלט זיך קיין רעליגיאָן ניט מיט אַזאַ ליבע, רחמנות און טיפען יושר צו בעלי-חיים און זאָגאַר צמחים ווי גראַדע די יודישע רעליגיע.

אין דער תּורה איז דער מאָניסטישער פּרינציפּ ניט ווי ביי די פילאָזאָפען אַ קאַלטע אַבסטראַקציע, אַ ספּעציעל-וויסענשאַפטליכע דאָגמאַ, נאָר אַזאַ, פון וועלכע מען מוז לערנען דרכי חיים, ווי אַזוי גאָט און אַלע זיינע ברואים ליב צו האָבען און ווי אַזוי אויף דער וועלט דעם גרעסטען יושר איינצופירען.

בעטראַכטענדיג יעדען אָרגאַניזם אַלס פּול לעבען, אַלס טראָ־פּען פון דעם אייביגען קוואַל, אַלס שטראַל פון דער אייביגער זון, דערלויבט די תּורה ניט צו פאַרדאַרבען דעם בוים, וואָס וואַקסט, ניט צו פאַרדאַרבען קיין זאַך אומזיסט (דברים כ׳ י״ט און זעה אויך ויקרא כ״ב כ״ד רש״י דאָרט). דער טעם פון ביידע זאַכען איז איינס: ווי מען טאָר ניט שאַדען ברענגען אַ בעל־חי, אַזוי טאָר מען קיין זאַך ניט פאַרדאַרבען אומזיסט.

פערהאַלטענדיג זיך צום בוים, ווי צו אַ זאַך פול לעבען, פאַר־זאָגט אויך די תורה, אַז דריי יאָר זאָל זיך דער בוים מיט זיינע פרוכטען פרייען, דריי יאָר זאָל פון זיי דער מענש קיין הנאה נישט האָבען (ויקרא י״ט כ״ג).

אין מיינע אויגען איז דער אמת׳ער זין פון איסור ערלה דער זעלבער, וואָס אין דעם געזעץ, וועגען דעם, אַז זיבען טעג מוז דער געבוירענער בעל חי זיין מיט זיין מוטער און ערשט אויפ׳ן אַכטען טאָג קען ער אַלס קרבן געבראַכט ווערען (שמות כ״ב כ״ט). אין צוויי־טען געזעץ ווערט פערטיידיגט אין געוויסען מאָס די מוטער־רעכט און די קינדער־רעכט פונ׳ם בעל־חי און אין ערשטען — פונ׳ם בוים.

דער געזעץ פון „לא תבשל גדי בחלב אמו״ האָט אין זיך גע־וויס דעם זעלבען געדאַנק, וואָס דער געזעץ פון „אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד״. אין די ביידע געזעצען ווערט פערטיידיגט די מוטער־רעכט און די קינדער־רעכט פון בעלי־חיים. די תורה האָט ניט געקענט איינגאַנצען אָבראַטעווען די בעלי־חיים פון דעם מענשענס תאוה — האָט זי געוואָלט אָבראַטעווען זיי כאָטש פונ׳ם מענשענס אכזריות. (זע אבן עזרא שמות כ״ג י״ט און רשב״ם דאָרט).

ווי אַזוי די תורה פערהאַלט זיך בכלל צו די פראַגע פון פלייש־עסען וועגען דעם וועלען מיר אין איינעם פון די שפּעטערדיגע בריעף רעדען, דאָ וועל איך נאָר דערמאָנען אין קורצען, אַז די גרונדפערהאלטעניש פון דער תורה צו דער פראַגע פון פלייש־עסען איז די, וואָס ביי אַלע וועגעטאַריאַנער. אין פּרינ־ציפּ איז די תורה געגען יעדע הריגה און שחיטה פון אַ בעל־חי. די תורה האָט זיך אָבער שטענדיג גערעכענט מיט די תאוות און בייגונגען פון מענשען, און זי האָט אָט דעם פּרינציפּ פון רחמנות און יושר אין בעציהונג צו בעלי־חיים אָנגעווענדט נאָר דאָרט, וואו זי האָט עס נאָר געקענט אָנווענדען, שטרעבענדיג דערביי צום אידע־

אַל: דעם מענשען א י נ ג אַ נ צ ע ן אָבצוגעוואוינען פֿון פֿלייש-עסען.

בעציענדיג זיך צו בעלי-חיים מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקייט, מיט עכטען יושר און רחמנות, האָט די תורה געהייסען, אַז די בהמה זאָל שבת רוען גלייך מיט מענשען (שמות כ׳ י׳).

און אַזוי ווי זי האָט געהייסען געבען דעם מענשען, וואָס אַרבייט אין ווייַנגאָרטען, צו עסען וויינטרויבען וויפֿיל זיין האַרץ געלוסט, אַזוי האָט זי אויך פֿערזאָגט: „לא תחסום שור בדישו“. בשעת דער אָקס אַרבייט, בשעת ער דרעשט, דאַרף אים געגעבען ווערען צו עסען, וויפֿיל ער וויל.

און איבער דעם זעלבען טעם האָט זי פֿערזאָגט: „לא תחרוש בשור ובחמור יחדו“, ווייל דער שוואַכער קען דעם שטאַרקען ניט נאָכציען, און זיין גיין מיט׳ן שטאַרקען אין איין שפּאַן שאַפֿט אים געוואַלדיגע יסורים (זעה אבן עזרא, דברים, כ״ב י׳).

און ווי באַלד די תורה האָט בנוגע צום לעבען און ליבען בעטראַכט דעם בעל-חי כמעט ווי דעם מענשען און די געוויקסען כמעט ווי בעלי-חיים, האָט זי פֿערווערט אויך צו ז יי ע ן צוויי פֿערשידענע מינים צוזאַמען („לא תזרע כרמך כלאים“), אום יעדער מין זאָל זויגען און ערנערען זיך פֿון דער מוטער-ערד פֿ ר יי און אַ ל יי ן.

מיט אמת׳ע מוטער-ליבע האָט זיך די תורה צוגעהערט צו אַלץ און צו אַלעמען, זי האָט ניט פֿערגעסען די געוויקסען אין פֿעלד, זאָרגענדיג פֿאַר דער, אַז יעדער מין זאָל פֿריי, רייך און ברייט וואַקסען; זי האָט ניט פֿערגעסען דעם בוים אין פֿעלד, אַז זיינע קינדער (זיין פֿרוכט) זאָלען דריי יאָר ניט גערירט ווערען; זי האט אויך ניט פֿערגעסען דאָס פֿויגעלע מיט זיינע אפֿרוחים. דו טאָרסט ניט צונעמען די קינדער מיט דער מוטער. דו מוזט די מוטער פֿריי לאָזען. דו טאָרסט ניט פֿערניכטען דעם נעסט. דו מוזט לאָזען אין אים דעם עיקר — די מוטער (זע אבן עזרא, דברים, כ״ב ז׳) אַלס קרוין פֿון דער שעפֿפֿונג האָט די תורה אָבער נאָך דעם מענשען בעטראַכט. אַלע ברואים לעבען דורך גאָט׳ס וואָרט, אין אַלע ברואים לעבט גאָטס כח, אין אַלע ברואים לעבט דיזעלבע קראַפֿט, דער זעלבער געטליכער שכל, דיזעלבע געטליכע אָרדנונג, וואָס אין דעם מענשען, און דער מענש מוז זיך צו זיי דעריבער נאָר מיט ליבע און אַכטונג פֿערהאַלטען — דער מענש איז אָבער, אויסער דעם אַלעמען, אויך אַ בעשאַפֿענער אין גאָטס ג ע ש ט אַ ל ט, אים איז געגעבען געוואָרען העכערער בעוואוסטזיין, קלאָר

זעהן, ריכטען און אורטיילען, בערעכטיגען אלץ און אלעמען דורך זיינע גוטע מעשים, אין דער גאנצער בריאה זין און, אינהאלט אריינטראגען. ווי אזוי די תורה פערהאלט זיך צום מענשען, אלס א „נברא בצלם אלהים".

די פרוי ביי יודען.

„פארהאן אזא אונוויסענד פאלק,—שרייבט פושקין אין איינער פון זיינע בעמערקונגען,—וואס זיינע מענער דאנקען גאט פאר דעם, וואס זיי זענען נישט בעשאפען געווארען קיין פרויען".

ווער איז דאס „אונוויסענדע פאלק"?—דאס איז גאנץ לייכט צו טרעפען. יודען האבען טאקי אזא ברכה: „ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם שלא עשני אשה"...

פארוואס האט פושקין נישט אנגערופען דעם נאמען פון'ם פאלק, וואס האט אזא מין ברכה?—ווייל פושקין האט יודען ליב געהאט, און איהם האט זיך נישט געוואלט רעדען וועגען יודען מיט'ן לשון פון אלערליי יודען-פרעסער. אז פושקין האט יודען ליב געהאט און באמת ליב געהאט,—דאס זעהט מען קלאר פון זיינע אנ'אנגעהויבענע פאעמא, וואו עס ווערט געשילדערט, ווי דער אלטער יוד זיצט ביי זיין אלטען ספר אין א טיפער, שטומער נאכט און איז פול ערוואַרטונג. מיט מעהר ליבע מאלען, ווי פושקין האט עס געמאלט, איז אונמעגליך. א שאד, וואס פושקין האט אזא פאעמא נאר אנגעהויבען און נישט פערענדיגט.

נישט גרויס איז דער פראגמענט פון דער דערמאהנטער פאעמא. פון יעדער שורה זעהט מען אבער ארויס א טיפע קענטעניש און איינפאכע, נאטירליכע ליבע צום אייביגען יודען, צום אייביגען טרויער. פושקין האט אבער דערהערט פון אזא ברכה ווי „שלא עשני אשה" און דא האט זיך זיין מענש געפונען בעליידיגט און ער האט געמוזט זיין כעס אויסדריקען כאטש אין סתם-לשון: פארהאן אזא אונוויסענד פאלק"...

אזא בעציהונג צו פרויען, אזא מין בעטראכטען פרויען אלס בידעריגערע ברואים, האט אויפגערעגט פיל יודען-קענער, וועלכע זעהען גאר נישט געווען קיין שונאי-ישראל. געגען אזא מין בעציהונג האט ארויסגעזאגט זיין שארפסטע פערביטערונג אויך דער גרויסער

און ווי זאָל מען טאַקי אין צאָרן נישט אַריין און ווי זאָל מען דעם שאַרפסטען פּראָטעסט נישט אויסדריקען, ווען מען זעהט, אַז איין טייל מענשען בעטראַכט דעם צווייטען טייל ווי שקלאַפען, ווי געמיינע, שלעכטע בעשעפענישען, ווי שטומפזיניגע, נאַרישע קעפּ, ווי שטומע פיה, ווי עפּעס חפצים, נישט ווי מענשע...

די מענער, זענען לויט'ן יודישען דין אַ חייב אין אַלע מצוות, און פרויען זענען פּטור פון אַלע מצוות שהזמן גרמא; מענער דאַרפען לערנען תורה—פרויען דאַרפען נישט לערנען קיין תורה; נאָך מעהר: כל המלמד את בתו תורה כאלו מלמדה תפלות (ווער עס לערנט זיין טאָכטער תורה, איז גלייך ווי ער לערנט זי עטוואָס געמיינעס); די מענער זענען די רעדעי-פיהרער, די חכמים, די יועצים,—פרויען דאַרפען זיך אין גאָרנישט מישען (אין חכמה לאשה אלא בפלך—די חכמה פון אַ פרוי איז נאָר אין שפּינדעל: זי האָט שכל נאָר אויף שפּינען).

די פרוי ווערט בעטראַכט פיל מאָל אין יודישען דין און אין דער יודישער אַלטער ליטעראַטור בכלל, ווי עטוואָס פּאַסיוועס („אסתר קרקע עולם היתה"). זי האָט נישט קיין אייגענעם רצון, קיין אייגענע התחלה, קיין אייגענע אינדיווידואַליטעט („אין פרי בטנה של אשה מתברך אלא מפרי בטנו של איש"). אין די פערשידענסטע יודישע ספרים זענען פאַרהאַן פערשידענע אויסדריקען פון דער אַרט. איין יודישער רב דרוקט, למשל, אַ „ילקוט חדש", דאַרף אין אות א' רעדען אויך וועגען „אשה" (פרוי). רופט ער דעם דערמאָהנטען פּרק אָן: „אשה וכל עניני פריה ורביה". די פרוי איז ביי איהם נישט מעהר, ווי אַ זאַך פון פריה ורביה...

אָדער די חסידים, למשל, ווען זיי זאָגען, אַז מען דאַרף בעטראַכטען דעם געשלעכטס-אַקט נאָר ווי אַ מצוה, נאָר ווי אַ דבר שבקדושה, זאָגען עס אַזוי: „ואהב את אשתו כמו שאוהב את התפילין בלבד, רק שהם מצות ה' יתברך" (ער זאָל ליב האָבען זיין פרוי ווי ער ליבט זיינע תפילין, נאָר ווייל עס איז אַ מצוה,—זעה צוואת ריב"ש און נאָך.

אַזאַ מין בעציהונג צו אַ פרוי ווי צו עטוואָס אַ זאַך, נישט ווי צו אַ גלייכען מענשען מיט גלייכען דענקען, פיהלען, ליידען און שטרעבען, בעמערקט איהר פיל מאָל אין דער אַלטער יודישער ליטע-

ראַטור, און נאָך נישט אַזוי אין בעשטימטע דינים ווי אין סגנון, אין אַרט אויסדריקען זיך.

אויף דער ברכה פון „שלא עשני אשה" ענטפערט ריב"ל אין זיין „זרובבל", אַז סאָקראַט האָט אויך עטוואָס עהנליכעס געזאָגט. דאָס איז אמת. סאָקראַט האָט זיך אָבער אַמאָל געזאָגט אַ שאַרף וואָרט, און דאָ, ביי יודען, איז עס אַ דין, און יעדער איז מחויב צו מאכען טאָג-טעגליך אַזאַ ברכה...

אויף דעם, וואָס יודישע פרויען לערנען קיין תורה נישט, ענטפערט ריב"ל מיט אַ צעטעל פון פערשידענע יודישע פרויען, וואָס האָבען געקאָנט לערנען (די מוטער פון סמ"ע און נאָך אַזעלכע). דאָס איז אָבער זעהר אַ קאַלטער תירוץ. מיר יודען ביי זיך ווייסען דאָך, אַז אָט אַזעלכע ווי די מוטער פון סמ"ע זענען זעהר זעלטענע אויסנאַהמען. אין אַלגעמיין פאָלגען יודען דאָך די עצה פון רבי יהושע: נישט צו לערנען די טעכטער תורה... נישט קיין תירוצים דאַרף מען אַלזאָ זוכען נאָר פערשטעהן, בעטראַכטען די אמת'ע פערהעלטניש פון אונזער אַלטער ליטעראַטור צו פרויען.

און וויל מען פערשטעהן און בעטראַכטען אָביעקטיוו די טיפסטע יודישע אָנשויאונגען אויף פרויען, מוז מען קומען צו דעם בעשלוס: די אָפיציעלע, פאָרמעלע אויבערפלעכליכע, טאָג-טעגליכע, וואָכעדיגע פערהעלטנישען דריקען אויס גרינגשעצונג, און, אַמאָל זאָגאַר פעראַכטונג צו פרויען; די טיפערע, הייליגערע און אינערליכערע פערהעלטנישען צו פרויען זענען אָבער אַנדערע, לחלוטין אַנדערע. דער יוד אין זיין קודש הקדשים, אין זיין בענקשאַפט, אין זיין טרויער, אין זיין שכינה-זוכעניש, אין יענע צייטען, ווען ער זוכט דאָס אייביגע, דאָס געטליך-שענע, דאָס אייביג-ליבענדע, אייביג-ליידענדע—זוכט ער דאָס אייביג-מוטערליכע, דאָס אייביג-ווייבליכע, און אָט דעם טיפען בענקען זיינעם, טרויערן, ליידען און זוכען הערען זיך די טריט פון „שכינה", „מטרוניתה", „עולמתא שפירתא", „אמא", הימעל-ליבע, אייביגע רחמנות, צאַרטקייט, ווייכקייט, טרייסט, הילף אין אומגליק, רפואה דעם קראַנקען, שטיצע דעם שוואַכען, מוט דעם געפאַלענעם, דעם זינדיגען, זונען-ליכט און מוטער-ליבע צו אַלעמען.

און דער רושם פון אָט דער אייביגער בענקשאַפט, פונ'ם אינערליכסטען און טיפסטען דורשט נאָך אַלץ וואָס איז גוט און מילד, שען

און איידעל, פון דעם פערגעטערן דאָס מוטערליכע, דאָס ווייבליכע,—אָט דער רושם בלייבט אינ'ם יודענס האַרצען, אפילו ווען ער געהט אַרויס פון זיינע העכערע וועלטען און לעבט זיין „ווירקליכען", טאָג-טעגליכען לעבען.

און צוויי התחלות, צוויי געגענזייטיגע יסודות געהען דאַן אַריין אינ'ם יודענס פערהעלטעניש צו דער פרוי; פון איין זייט דער יוד דער פקח, דער, וואָס איז מבטל בתכלית הבטול די פרוי, וואָס „האָט לאַנגע האָר און קורצען שכל", דער מאַן, וועלכער רעכענט זיך פאַר אַן עיקר און די פרוי פאר אַ טפל, דער תלמיד-חכם, וואָס דאָס ווייב וועט זיין אַ בענקלע אונטער זיינע פיס אין גן-עדן; און פון דער צווייטער זייט—דער יוד, וואָס זעהט אין דער פרוי דעם סימבאָל פון דאָס העכסטע, דאָס שענסטע און דאָס בעסטע...

דער יוד בלייט אַלזאָ אין טעאָריע, אין וויך, אַמאָל אויך אין טרוקענעם דין—דער אמת'ער מזרח-מענש מיט זיין קוק אויף פרויען, און אין דער פראַקטיק, אין לעבען, אין שטענדיגען פערטעהר—דער מענש, וואָס ליבט און אַכטעט זיין פרוי מעהר פון אַלעמען (איך רעד דאָ פונ'ם אמת'ן יודען, פונ'ם פעסט-גלויביגען און גוטען אין מדות) און פערהאַלט זיך צו איהר מיט דער גרעסטער צערטליכקייט, ווייכקייט און רחמנות.

און דעריבער האָט זיך דער יוד (איך רעד דאָ ווידער פונ'ם גאַנצען, פעסטען יודישען טיפ) שטענדיג אויסגעצייכענט מיט זיין ריינעם, שיינעם פאַמיליען-לעבען, מיט'ן אמת'ן שלום, וואָס האָט געהערשט ביי אונזערע אמת'ע ערליכע יודען צווישען מאַן און פרוי. די פרוי האָט ניט געדאַרפט מאָנען איהרע רעכטען, ווייל זי האָט געהאַט אין לעבען אַלע רעכטען. דער אמת'ער ערליכער יוד האָט גאָר ניט פערשטאַנען ווי קאָן זיין אַנדערש...

די יודישע פרוי האָט נור דאַן דערפילט איהר ביטערע לאַגע, בשעת זי האָט אָנגעהויבען פילען גרעסערע בעדערפענישען, בשעת זי האָט זיך שוין ניט געוואָלט בענוגענען מיט דעם, וואָס זי איז אַן „אשת חיל", וואָס זי איז אַ מוטער און איז געשעצט און געליבט פון מאַן און קינדער, בשעת זי האָט שוין געוואָלט ווערען אַקטיוו אין געזעלשאַפטליכען זין פון וואָרט, דאַן איז ערשט געבוירען געוואָרען דער פראָטעסט פון דער יודישער פרוי, וועלכען גאָרדאָן האָט אַזוי שטאַרק אויסגעדריקט מיט זיין „אשה עבריה, מי ידע חייך"...

אָבער בשעת די יודישע פאַמיליע האָט געפירט איהר פאַטריאַרכאַלישען לעבען, האָט זיך די יודישע פרוי געפילט אויפ׳ן אָרט, נאַטירליך, גוט, וואויל, איינגאַנצען צופרידען מיט דער ליבע פונ׳ם מאַן, מיט זיין ווייכקייט און רחמנות.

דען דער פאַטריאַרכאַלער יוד איז ניט דער פאַטריאַרכאַלער רוס, למשל, וועלכער לעבט לויט זיין „דאָמאָסטראָי“. דער „דאָמאָסטראָי“ עצה׳ט דעם רוס צו האַלטען די פרוי אין דער מורא און צו בענוצען דעם קנוט, אין דער צייט וואָס דער תלמוד־יוד האָט געוואוסט, אַז כאָטש דער תלמוד ברענגט פיל אַנעקדאָטען אויף דער טעמאַ פון קהלת: „אדם אחד מאלף מצאתי, ואשה בכל אלה לא מצאתי“ („צווישען טויזענד פרויען איז ניטאָ קיין איינע אַ רעכטע“), כאָטש אין תלמוד זענען דאָ פיל שפּאָטווערטלעך אויף דעם אַדרעס פון פרויען, פונדעסטוועגען הערט ער ניט אויף צו מזהיר זיין מיט טויזענדער אזהרות, אַז דער מאַן זאָל „ליבען זיין פרוי ווי זיך זעלבסט, און עהרען — נאָך מער ווי זיך זעלבסט“, אַז דער מאַן זאָל די פרוי קיינמאָל ניט בעליידיגען און צו טרערען ניט ברענגען („לעולם יהא אדם זהיר באונאת אשתו, שמתוך שדמעתה מצויה אונאתה קרובה“) און זאָל אָן איהר וויסען די קלענסטע זאַך ניט טון, ער זאָל שטענדיג זי שואל עצה זיין („אתתך גוצא — גהון ולחיש לה“). ווער רעדט, אַז ער טאָר קיינמאָל ניט בענוצען געגען איהר די קלענסטע געוואַלד־טאַט, און אויב ער בענוצט עס יאָ, איז ער אַ רשע, אַ טמא, דער ערגסטער און געמיינסטער מענטש, און לויט אַנדערע אחרונים — זאָגאַר אַ מנודה.

דער תלמוד־יוד האָט דאָס אויך געוואוסט, אַז כאָטש דער יודישער דין בעטראַכט אַמאָל די פרוי אַלס אַ וועזען אַ נידעריגערען פונ׳ם מאַן, איז דאָס אָבער אַלץ גערעדט אין מילי דשמיא, אין גאָט׳ס זאַכען, אין מצוות, בכלל אין רוחניות, אין שכל, אין מדות, אָבער ניט אין זאַכען, וואָס זענען נוגע דער פרוי דירעקט, דאָרט וואו עס רעדט זיך וועגען שפייז, וועגען קלייד, וועגען בעהאַנדלונג. דאָ בייט זיך שוין אום דער ניגון. די פרוי, ווייל זי איז שוואַכער, איידעלער, שענער, צניעות׳דיגער, איז זי פריער און פאָרצוגליכער פאַר׳ן מאַן.

דער דין זאָגט אין דעם פאַל אַזוי: ווען איינער שטאַרבט און לאָזט נאָך זיך אַ קליינעם קאַפּיטאַל, זאָלען די טעכטער פונ׳ם קאַפּיטאַל געשפּייזט ווערען און די זיהן זאָלען כאָטש אין די הייזער גיין

(„הבנות יזונו והבנים יחזרו על הפתחים").

ווייטער: ווען איינער איז געשטאָרבען און האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי, אַ בעל חוב און אַ יורש, און ער האָט אַ פקדון אָדער אַ הלואה ביי אַ צווייטען אין די הענד, מאָנט מען אויף דאָס געלד און מען גיט עס אָב דעם שוואַכען, דער פרוי („יתן לכושל שבהן").

אמת, אַז אין דיביידע דינים איז דאָ מחלוקת. אַדמון מאָנט זיינע מענער־רעכטען און טענה'ט: בשביל שאני זכר הפסדתי!" און רבי עקיבא וויל זיין האַרט און טענה'ט: „אין מרחמים בדין", — געוויג איז אָבער דאָס, וואָס אין ערשטען פאַל בלייבט די הלכה ניט ווי אַדמון, און אין צווייטען פאַל שטעלט זיך איין פאַר דער פרוי אַזאַ אויטאָריטעט ווי רבי טרפון.

און בכלל האָבען מיר פיל דינים, וואו די פרוי האָט דעם פאָר־צוג, ווייל זי איז שעמעוודיג („שבושתה מרובה משל איש") און כדי זי זאָל חן האָבען („משום חינא" — זעה אין כתובות פ"ד אין תוספות).

עס האָט זיך ניט געקאָנט שלעכט פערהאַלטען צו דער פרוי דער יוד, וואָס, כאָטש ער האָט ניט געהאַט קיין מוטער־קולט ווי אַנ־דערע, דאָך האָט ער איין זיך, אין די בעהאַלטענסטע ווינקעלעך פון זיין נפש־האלהות, געפילט טויזענד מאָל מער ווי אַנדערע דאָס אייביג־רחמנות'דיגע, דאָס אייביג־שיינע, וואָס ווערט פערקערפערט אין מוטער־ליבע און אין פרויען־שענהייט. דער יוד האָט זיינע מיסטישע איבערלעבונגען ניט געמאָלט אין געשטאַלט, ער האָט זיך צו דעם ניט געבוקט, ער האָט עס אָבער מיט זיין אינערליכען אויג געזען, ער האָט הימעל־קולות געהערט.

מיר געפינען עס אין דער אגדה; רב יוסף, ווען ער האָט געהערט די טריט פון זיין מוטער, האָט ער געזאָגט: איך וועל אויפשטיין פאַר דער שכינה, וואָס קומט אָן. („איקום מקמי שכינה דאתאי").

מיר געפינען עס אין חסידות (אין איניע הערכערע פאָרמען...): די שענהייט פון אַ פרוי איז אַ סימבאָל פון עטוואָס, וואָס ערינערט דאָס געטליכע („ציון וסימן למדת תפארת העליונה").

מיר געפינען עס נאָך שאַרפער און נאָך בולט'ער אין דער אַל־טער קבלה, בעזונדערס אין פאָלגענדען ווילדמיסטישען, פאַעטיש־שיינעם אָרט פון „ספר הקנה" (דף ד' ע"ב).

„אמאָל זענען מיר געגאַנגען אין טבריא. האָבען מיר אין וועג

געפרעגט אונזער רבי"ן: וואָס איז „אלהים"?*)

— איהר האָט אויערן און הערט נישט....

— פון וואַנען זאָלען מיר הערען?

— הערט!

האָבען מיר דערהערט אַ בת-קול: אם-אדם (מענטשען-מו-טער, כנסת-ישראל, שכינה).

— און פון וואַנען קומט דער קול?

— האלהים יעננו בקול...

*) אין קבלה איז אלהים אַ רמז אויף אַ געוויסער מדה אין אלהות, אָבער נישט די עצמות אלהות, וואָס האָט גאָר קיין נאָמען נישט, ווייל עס איז העכער פון אַלע נעמען.

מיר און זיי?.

מיר ווילען זיך ניט נאַרען! מיר ווילען זעהן דעם אָבגרונד, ווי
ביף און שרעקליך ער זאָל ניט זיין. אַ מורא׳דיגער אָבגרונד איז צווי-
שען אונז, יודען, און צווישען דער גאַנצער וועלט. קענען מיר איהם
נאָך ניט אַריבערשפּרינגען, ווילען מיר כאָטש קענען לערנען איהם...

טויזענדער יאָרען זיינט מיר וואוינען צווישען פעלקער. בשעת מיר
האָבען נאָך אין אונזער א י י ג ע ן לאַנד געלעבט, זענען מיר אויך מיט
קיין חינעזישער וואַנט ניט געווען אָבגעצוימט פון דער איבעריגער
וועלט. ווער עס האָט געוואָלט האָט געקענט אונזער תורה לערנען. ווער
עס האָט געוואָלט האָט געקענט אונזער בית-המקדש בעזוכען. ווער עס
האָט געוואָלט האָט געקענט אַלע אונזערע מנהגים און מדות וויסען.
זינט מיר זענען אין גלות, האָבען מיר געהאַט צו טון מיט אַלע פעל-
קער פון דער וועלט: מיט אַלעמען געהאַנדעלט, אויף אַלע שפּראַכען
בערעדט, אין אַלע שפּראַכען זענען אונזערע הייליגע שריפטען איבער-
געזעצט, אין פיל שפּראַכען זענען אויך אונזערע שפּעטערע ספרים
איבערגעזעצט געוואָרען, אייביג און אייביג רעדט מען וועגען אונז,
אייביג און אייביג זענען מיר פאַר גאָר די וועלט אַ „פראַגע”, אַ
„רעטעניש”, אַ „סוד”, פאַר טייל מענטשען — אַ ווייטאָג, אַ וואונד, אַ
שטיין אין וועג, אַ ביין אין האַלז, מען הערט ניט אויף צו טראַכטען
וועגען אונז און צו זוכען און צו פאָרשען אונזער לעבען, דענקען און
טון, די ליטעראַטור וועגען יודען איז אין אַלע שפּראַכען זער גרויס.

און ביי דעם אַלעמען איז אָט וואָס צו בעמערקען: די האָטענ-
טאָטען, די בושמענער, די פידזשיער, אַלערליי ווייטסטע און ווילדסטע
פעלקערלעך קען איירָאָפּא פיל בעסער אַלס יודען. ניט אויס ש ל ע כ ט ס-
ק י י ט און ניט נור אויס ש נ א ה צו אונז טראַכטען די איירָאָפּעער

אויס װעגן אונז אַלערליי ניט־געשטױגענע און ניט־געפלױגענע מעשיות, נור אויס אַ ב ס אָ ל י ו ט ע ן נ י ט ־ װ י ס ע ן, װאָס י ו ד ע ן זענען און װאָס י ו ד ע נ ט ו ם איז.

ס'איז אַלזאָ קלאָר װי דער טאָג, אַז דער אָבגרונד צװישען יודען און ניט־יודען איז אַזוי טיף, אַז ס'איז אונמעגליך איבערצושפּרינגען איהם. װאָס איז דאָס פאַר אַן'אָבגרונד?

דערביי איז נאָך עטװאָס צו בעמערקען: װאָס דער ניט־יוד איז גרעסער אַלץ שװערער איז איִם צו בעגרייפען יודען. געװענליכע אייראָפּעער, געװענליכע פּאָליטיקער, פערשטעהן אונז נאָך אַמאָל, װען זיי װילען פערשטיין, און דוקא דער אייראָפּעאישער גע נ י ו ס, דוקא ער הויבט אונז נישט אָן צו פערשטיין.

טאַציטוס, ברונאָ, פּאַסקאַל, קאַנט, געטע — אָט די אַלע האָבען די ערגסטע מיינונגען װעגען יודען אַרויסגעזאָגט. דוקא פאַר זיי איז דאָס יודענטום, װי דער נביא האָט זיך אויסגעדריקט:

„ותהי לכם חזות הכל כדברי הספר החתום: ונתן הספר אל אשר לא ידע ספר ואמר לא ידעתי ספר ונתן הספר אל אשר ידע ספר ואמר לא ידעתי כי חתום הוא".

(און אַלץ װאָס איך זעט איז פאַר אייך אַ פאַרזיגעלט בוך; און דאָס בוך װערט געגעבען דעם, װאָס קען ניט לעזען, זאָגט ער: „איך קען ניט לעזען"; װערט עס געגעבען דעם, װאָס קען לעזען, זאָגט ער: איך פערשטעה נישט — ס'איז פערזיגעלט).

די געװענליכע אייראָפּעער זענען בנוגע צום יודענטום פּשוט אַנאַלפאַבעטען: זיי קענען אונז ניט לעזען. זיי זענען אָבער אַמאָל כאָטש דאָס אויבערפלעכליכע. אָבער די אייראָפּעער־ג א ו נ י ם, יענע, װעלכע „קענען יאָ לעזען" — פאַר יענע זענען מיר א י נג א נ צ ע ן פער־חתמ'עט. געװענליכע אייראָפּעער זעהען אין'ם גאָט'ס בוך געװיסע א ו ת י ו ת; די גאונים זייערע — זעהען דאָס אויך נישט.

דערביי מוז מען נאָך אַ דריטע זאַך בעמערקען: י ו ד ע ן גיט עס אַזעלכע, װעלכע בעגרייפען יאָ דעם גייסט פון'ם ניט־יודען בכלל, פון'ם אַריער בפרט, פון יעדעס פאָלק בעזונדער, די פּסיכאָלאָגיע פון פערשידענע קלאַסען און שיכטען פון די אייראָפּעאישע פעלקער, װאָס עס דענקט און פילט די ניט־יודישע אינדיװידואַליטעט, אַ ל ץ פּאַסען אויף אַזעלכע יודען. יודען טרעטען אַלזאָ יאָ אַמאָל אַריבער דעם אָבגרונד צװישען אונז און אַ ניט־יודען; ניט־יודען קענען אָבער ק י י נ מ אָ ל

אַט דעם אָבגרונד נישט איבערטרעטען. פאַר־וואָס איז דאָס אַזוי?

איינער פון די טיפסטע און ערנסטסטע אַנטיסעמיטען – טרייטש־קע — זאָגט אויך, אַז צווישען דעם יודען און דעם גערמאַנער, למשל, איז אַ גרויסער תהום, וועלכען דער יוד קען נישט איבערטרעטען. דערביי בעמערקט ער: „דער גאון היינע האָט יאָ געקענט אַמאָל אָט דעם תהום איבערטרעטען. דער מיטעלמעסיגער בערנע האָט אָבער קיינ־מאָל אָט דעם תהום נישט געקענט איבערטרעטען". טרייטשקע איז אַלזאָ מודה, אַז אַ יודישער גאון קען יאָ דעם ניט־יודען בעגרייפען. דער אייראָפּעאישער גאון קען אָבער קיינמאָל, אין קיין פאַל און קיין אופן, נישט פערשטיין דעם יודען. פאַר וואָס?

קענען האָט מען געקענט וועגען דעם זאָגען אַזוי, ווי אונזערע קדמונים האָבען זיך אַ"י. געדריקט:

„דער, וואָס איז אין ליכט, זעהט יאָ דעם, וואָס איז אין פינ־סטערניש; דער, וואָס איז אין פינסטערניש, זעהט אָבער נישט דעם, וואָס איז אין ליכט"...

ווען מיר וואָלטען עס געזאָגט אָבער אַזוי קאַטעגאָריש, אין אַזאַ אבסאָליוטער פאָרם, וואָלט עס געווען זיין צופיל שאָוויניסטיש און דער עיקר — נישט אמת. בשום אופן ואופן קענען מיר נישט זאָגען, אַז אַזעלכע מענשען, ווי פּאַסקאַל און געטע, האָבען אין פינסטערניש געלעבט.

מיר קענען עס אַלזאָ זאָגען נור רעלאַטיוו און אָנווענדען נור אויף איין זאַך. מיר מיינען צו זאָגען, אַז נור בנוגע צו די פערהעלט־ניס פונ'ם ניט־יודען צו יודען איז דער יודישער גאון זעענדיג און דער ניט־יודישער גאון — ניט זעענדיג. עפּיס איין ליכטיג פינ־טעלע האָט דער יודישער גאון פאַר זיך, וועלכע דער ניט־יודישער גאון האָט נישט.

וואָס איז עס אַזוינס?

דאָס איז: 1) דער אוניווערסאַליזם פונ'ם יודישען גייסט. און 2) אַלס אַ פועל־יוצא דערפון: די אייביגע מיסיע פונ'ם יודישען פאָלק, און 3) אַלס רעזולטאַט פון אָט די ביידע זאַכען. דאָס פיער־טויזענד־יאָהריגע ליידען און האָפּען פונ'ם יו־דישען פאָלק, וואָס דער יודישער געניוס טראָגט אין זיך.

דער יודישער גייסט איז פון זיין געבוירען־אָן — אוני־

ווערסעל. זאָלען זאָגען אייניגע ביבעל-קריטיקער, וואָס זיי ווילען. פאַר דעם אמת׳ן פרייען גייסט, פאַר דעם אמת-וויסענשאַפטלעכען גייסט, פאַר דעם גייסט, וואָס איז פריי. נישט נור פון די אַלגעמיין-טעאָלאָגישע קייטען, נור אויך פון אַנטיסעמיטישע אָדער אפיקורסישע טענדענצען, פאַר דעם גייסט, וואָס דער אמת׳ער אמת שטייט ביי אים לאין ערך העכער פאַר די שאַרפזיניגסטע פאַראַדאָקסען, פאַר דעם גייסט וואָס בעגרייפט, אַז מען קען די תמימות׳דיג-שענע און טענדענצלאָזע ערציילונגען פון תנ״ך אַלענפאַלס מער גלויבען אַלס די אויסגעקוועטשטע, פלפול׳דיג-אויסגעדרונגענע, סאָפיסטיש-צוזאַמענגעשטעלטע אָדער איינגאַנצען ווילקירליך-ארויסגעזאָגטע השערות און הגהות פון אַ געוויסע טייל ביבעל-קריטיקער, פאַר אָט דעם גייסט איז קלאָר, אַז די איבעראַל-אָנגענומענע הנחה ביי די מאָדערנע היסטאָריקער, אַז פון אָנפאַנג איז דער יודישער גאָט — הויה — געווען נור אַ גאָט פון דעם שבט, אַ גאָט פון איין סעמיטישער משפחה בני ישראל און ערשט נאָכהער אין די גאָר שפּעטסטע צייטען האָט זיך ביי די בני ישראל ענטוויקעלט דער בעגריף פון אַ גאָט, אַ פאָטער פון אַלע מענשען, אַז אָט די הנחה איז אין גרונד פאַלש. ס׳איז ניטאָ קיין גרונד ניט צו גלויבען די תמימותדיגע ערציילונגען פון דער תורה, פון וועלכע מען זעהט אַרויס, אַז אפילו ביי אייניגע אַנדערע סעמיטישע משפחות איז אין אברהם׳ס צייטען שוין געווען אַ בעגריף פון אוניווערסעלען גאָט, בפרט ביי אברהם׳ן, וועלכער האָט אָט דעם בעגריף פערטיפט, פעראיידעלט און פערהייליגט מיט זיין הויכען אוניווערסעלען לעבען.

אַז אברהם איז ניט קיין דיכטונג, נאָר אַ קאָנקרעטע, היסטאָרישע פערזאָן דאָס האָט בעוויזען ניט קיין גרינגערער געלערטער ווי האָמעל, אויף דעם גרונד פון גענויסטע און ערליכסטע בעשלוסען פון דער אַסיראָלאָגיע, בעמערקענדיג וועגען דעם און וועגען נאָך אַזעלכע ענינים, אַז ס׳איז שוין געקומען די צייט אַ סוף צו מאַכען צו דעם שפּינוועבס און משוגענע, ווילדע השערות פון געוויסע „ביבעל-קריטיקער“.

נעמען מיר דעם עצם בעגריף פון „הויה“, בעטראַכטען מיר ריין און קלאָר דעם „אהיה אשר אהיה“, קענען מיר אים פערשטעהן נישט אַנדערש אַלס אַלץ דאָזיין און אייביגקייט.

און איז גאָט אין אַלץ און אַלץ אין אים, קומט ממילא אַרויס

דער פרינציפּ פון ליבע: ליבע צו גאָט, ליבע צו אַלע ב ר ו א י ם אַלס גאָטס קינדער, ליבע צו דעם מ ע נ ש ע ן בעזונדער, אַלס דער, וואָס ד ע ר ק ע נ ט דעם גאָט אין זיך און אין גאַר דער וועלט.

און אַלס פּועל-יוצא דערפון איז די מ י ס י ע פון׳ם עם ישראל. די לערע פון מיסיע, וועלכע עס האָבען פערשפּרייט יודישע געלערטע און דענקער אין דייטשלאַנד, האָט אין זיך אַ גרויסען חלק פון אמת. דער זין פון אונזער לעבען איז נאָר אויף אַזוי פיל ווי מיר ערפילען אונזער מיסיע, וועלכע בעשטייט ניט נאָר אין דעם, ווי עס האָבען געלערנט די דערמאָנטע געלערטע און דענקער, אין פערשפּרייטען די א י ד ע ע פ ו ן מ אָ נ אָ ט ע י י ז ם, ניט אין פערשפּרייטען דעם יודישען מ ו ס ר, ווי עס לערנט אחד-העם, ניט אין אַן׳אונבעשטימטע, פאָרמלאָזע און איבערהאַלטסלאָזע אידעע, ווי עס לערנען אַנדערע נאָר אויך און איבערהויפּט; אין ג ע ט ל י כ ע ר ל י ב ע, וואָס ב ר ע נ ג ט צ ו ט ע ט י ג ק י י ט א ו ן א י ן ו ו י ר ק ל י כ ע ן, ש ע נ ע ם, ר י י נ ע ם א ו ן ה י י ל י ג ע ן ל ע ב ע ן.

די מיסיע אונזערע בעשטייט אין פאָלגען די תּורה ב פ ו ע ל מ מ ש, בעלויכטען אירע וועגען דורך דעם אייביגען ליכט, וואָס לייכט אין דעם מענשענ׳ס נשמה, גייען אין אָט די וועגען און שטרעבען צו דער העכסטער פאָלקאָמענהייט („קדושים תהיו כי קדוש אני ד׳״).

און פון אָט דער מיסיע שטאַמען אונזערע אייביגע יסורים און אונזער אייביגע האָפנונג. י ס ו ר י ם ליידען מיר אָן אַ שעור, דערפאַר וואָס מיר ערפילען נ י ט אונזער מיסיע, דערפאַר וואָס אויף דעם אָרט פון צו דינען אַ ב י י ש פ י ל אַלע פעלקער מיט אונזער ווירקליך הויכען לעבען, בענוגענען מיר זיך בלויז מיט א ו נ ק ל אָ ר ע ט ר ו י מ ע ן וועגען דעם, אָדער מיט ריין אויסערליכע דאָגמען און פערשטיינערטע לעבענס-פאָרמען; דערפאַר, וואָס אויף דעם אָרט פון צו זיין טרעגער פון׳ם אייביגען געדאַנק, זענען מיר געוואָרען טרעגער פון פּראַקטיציזם, סוחרישע נוטצליכקייט און קליינליכע ראַציאָנאַליסטישע וואָרהייטען; דערפאַר, וואָס ניט מיט געטליכער ל י ב ע קומען מיר צו דער וועלט נאָר מיט פוסטען א ו י ס ע ר ל י כ ע ן יחוס (ניט מיט׳ן אינערליכען, אמת׳ן יחוס, וועלכער רעדט וועגען זיך ניט).

וועט מען מיר זאָגען: אַנדערע פעלקער זענען דאָך אויך נישט בעסער. ענטפער איך: אמת, אַנדערע פעלקער זענען אויך ניט בעסער.

פון דעם וואָס איז אָבער מער געגעבען, מוז מער געפאָדערט ווערען. ווייל די בני ישראל איז מער געגעבען געוואָרען, האָבען זיי אַנדערש געדאַרפט לעבען, ווי אַלע אַנדערע לעבען. ווייל זיי טוען עס ניט — ווערען זיי טיילמאָל זאָגאַר ערגער פון אַלע אַנדערע פעלקער, איך מוז דערמאָנען דעם אַלטען, אַלטען משל: „מלחא סריא במאי מלחין ליה?" (ווען זאַלץ ווערט קאַליע — מיט וואָס זאַלצט מען עס?)....

אין אונז לעבט אָבער דאָך דער אייביגער טרוים. מיר זענען דאָך פאָרט אַ משיח-פאָלק מיר טראגען דאָך פאָרט די אייביגע האפנונג פון וועלט-גאולה. אָט די האָפנונג געהט דורך די גאַנצע יודישע שעפונג פון משה ביז בעש"ט. ווען אָט די האָפנונג וועט ווען ניט איז אינ'ם פאָלק קלאָר דערקענט ווערען, און אַזא צייט מוז קומען, וועט זי ביסלעכווייז רעאַליזירט ווערען ביז די „מלכות שדי" (די אמת'ע, די ריכטיגע) וועט אָנקומען.

און, ווייל די גרעסטע גאונים פון ניט-יודען זעהען אונזער פאַלען און זעהען נישט די געוואַלדיגע מעגליכקייטען וואָס ליגען אין אונז, זענען זיי מער ווי אַלע ניט-יודען יודיש-פיינדליך. דורך דעם איז טיף דער תהום צווישען אונז און אַנדערע. אָט דעם תהום קענען מיר אָבער איבערגיין, ווען מיר וועלען ווערען דאָס, וואָס מיר דאַרפען זיין און קענען זיין.

ווי דארף מען פערשטעהן די יודישע געשיכטע?

I.

דאָס יודישע פאָלק איז אין גלות; די יודישע תורה איז אויך אין גלות. איבער'ן יודישען פאָלק הערשט די פיזישע מאַכט פון די פעלקער; איבער דער יודישער תורה הערשט די גייסטיגע מאַכט פון די פעלקער. דאָס יודישע פאָלק איז שוין צום גלות געוואוינט; אין אַ משך פון טויזענדער יאָרען ווערט מען געוואויגט צו אַלץ. די יודישע תורה איז אָבער נאָך צו דעם ניט געוואוינט: איר גלות האָט זיך ערשט אָנגעהויבען. איר ווייטאָג איז פריש, איר געשריי איז שטאַרק. ווער עס האָט אויערען, יענער הערט עס!

אַמאָל פלעגט מען יודישע ספרים ברענען. די תורה האָט אָבער פון דעם גאָר נישט געליטען. די פאַרמעטען פלעגען פערברענט ווערען, די אותיות פלעגען אָבער אין לופטען פליהען...

היינט ברענט מען קיין יודישע ספרים ניט. מען וויל אָבער די תורה זעלבסט אויסראָמען דורך כלומר'שטע קריטיק און כלומר'שטע וויסענשאַפט...

בעשאַפען האָבען אונזערע פיינד אַ בעזונדערן צווייג פון וויסענשאַפט, וועלכען זיי רופען אָן „ביבעל-קריטיק". בעשאַפען האָבען עס אונזערע פיינד; און אונזערע בעסטע פריינד האָבען זיי צוגעהאָלפען. די ווערטער „קריטיק" און „וויסענשאַפט" האָבען אַלעמען די אויגען פערבלענדעט. געקומען איז עס דערצו, אַז פיל פון די בעסטע יודישע געלעהרטע האָבען אָנגענומען אַלע ווייטסטע און קרומסטע השערות פון די ביבעל-קריטיקער פצר תורת משה...

און די תורה שטייט אין אַ ווינקעלע און קלאָגט: וועה, וועה

צו אזא „ליכט", וואס לייכט נישט. נור עס פערברענט און פערוויכערט דאס הייליגסטע און דאס שענסטע אינ'ם מענטשענס לעבען.

וועה, וועה צו מיינע קינדער, וועלכע גייען אויך נאך דעם פאלשען ליכט פון זייערע בלוטיגע שונאים. זיי לויפען דורשטיג צום קוואל פון זייער „וויסענשאפט", און זיי בעמערקען נישט, אז דער קוואל איז דורך קנאה און שנאה פערשמוציגט און פערגיפטעט...

„מיר האבען אנ'אמת'ע תורה, — זאגט קראכמאל, — און זי האט אלזא קיין מורא נישט פאר קיין קריטיק, פון וואנעז די קריטיק זאל נישט קומען".

יא, מיר האבען אנ'אמת'ע תורה און זי האט אלזא קיין מורא נישט פאר קיין אמת'ע קריטיק. ווען די קריטיק איז אבער אין גרונד פאלש און זי ווערט געשיצט דורך פערשידענסטע אייראפעאישע געלעהרטע נור אויס טיפער, אפענער אדער בעהאלטענער, שנאה צום יודישען פאלק, — וואס קען דא העלפען דאס, וואס מיר האבען אנ'„אמת'ע תורה"?

די ביבעל-קריטיק איז פון איר געבורטס-טאג אן טענדענציעז. די שנאה צום יודישען פאלק האט זי אויף דער וועלט געבראכט, די שנאה צום יודישען פאלק האט זי גרויס געמאכט, די שנאה צום יודישען פאלק שפייזט זי ביז'ן היינטיגען טאג.

פיל געלעהרטע תמימים פערשטעהען עס אבער נישט און זיי בויגען דעם קאפ פאר דער ביבעל-קריטיק, ווי פאר אנ'עקזאקטע וויסענשאפט. נישט פערשטעהענדיג איר אורשפרונג, איהר ענטוויקלונג און אירע טענדענצען, מיינען זיי, אז די ביבעל-קריטיקער האבען פאר זיך נור די ריינע ווארהייט.

און קומען זיי צו דער יודישער געשיכטע, רעכנען זיי זיך אויף שריט און טריט מיט די ווילדסטע פאראדאקסען פון יעדען אנטיסעמיטישען ביבעל-קריטיקער, און די יודישע געשיכטע ווערט, נישט בעמערקטערהייט, א גרויסער בעשולדיגונגס-אקט געגען דעם יודישען פאלק.

און קאמיש קומט עס אויס, ווען פאר אזא מלאכה נעמען זיך שבט-יודישע נאציאנאליסטען און זאגאר נאציאנאליסטען-שאוויניסטען. מען איז דאך עפיס מענשען פון צוואנציגסטען יארהונדערט, ווי-זשע זאל מען אבלייקענען אווארט פון וועלהויזען און פון דעליטש? נו, מוז מען טריט ביי טריט גיין נאך די לעצטע. קומט דאך אבער אויס, אז

דאָס יודישע פאָלק איז קליין און געמיין, שלעכט און פערדאָרבען, אונ־פעהיג און טאַלאנטלאָז. וואָס־זשע טוען אונזערע היסטאָריקער „נאַציאָ־נאַליסטען"? — פערדעקען זיי אונזער שאַנד מיט מליצות און מיט פער־שידענע פשט'לעך.

וואָס קאָנען אָבער העלפען מליצות און פשט'לעך דאָרטען, וואו די ביבעל־קריטיק, אין וועלכער זיי גלויבען באמונה שלמה, ווייזט אויף, אַז דאָס יודישע פאָלק האָט קיינמאָל גאָר נישט געשאַפען, אַז אויב אין דער יודישער קולטור איז יאָ עטוואָס פאָזיטיוועס פאַרהאַן, איז עס נור פון ל ײ ט ע ן גענומען, און ש ל ע כ ט גענומען, און אַז דאָס יודענטום איז נישט קיין אָרגאַניש־געוויקס, נישט קיין פאָלקס־שעפונג, נור עפּיס אַ שווינדעל פון אַ באַנדע „כהנים" און נאכהער „סופרים" און „פרושים"?..

די יודישע היסטאָריקער־נאַציאָנאַליסטען פערהיטען זיך דערמיט, וואָס זיי דערקלערען אין די הקדמות צו זייערע ספרים, דאָס זיי געהען נישט ב ל י נ ד נאָך וועלהויזען און אַנדערע. זיי טוען טאקי אַזוי. אין פיל פרטים גייען זיי זיך פונאַנדער מיט די קריסטליכע ביבעל־קריטי־קער. וואָס העלפט אָבער דאָס פונאַנדערגיין זיך אין פ ר ט י ם, ווען מען שטימט איין אין ע י ק ר, אין כ ל ל, אין די ה ו י פ ט־יסודות?

אדרבה! עס שאַדט גאָר נישט צו גיין נאָך די עקסטע ביבעל־קריטיקער אין פיל פערשידענסטע פ ר ט י ם, דאָרטען וואו זיי שטיצען זיך אויף פ אַ ק ט ע ן, אויסמיידען דאַרף מען אָבער גראַדע זייערע ה ו י פ ט־הנחות, וועלכע זענען באמת נור בויך־סברות, מאָדערנע קאָפּ־דרייעענישען און בלבולים אויף דעם אונגעליבטען פאָלק.

אונזערע היסטאָריקער־נאַציאָנאַליסטען טוען אָבער גראָד פערקערט. די היפּאָטעזען און פּאַראַדאָקסען פון די ביבעל־קריטיקער נעמען זיי אָן פאַר ריינע וואָרהייטען און זייער חובת יודישקייט זענען זיי יוצא דער־מיט, וואָס זיי ווייזען אָן דעם טעות פון דעם אָדער יענעם קריטיקער אין דעם אָדער יענעם פרט.

און נאָכהער צוגיסט מען זיך ערשט אין לאַנגע מאמרים וועגען די אייגענאַרטיקייט און גרויסקייט פונ'ם יודישען פאָלק, וועגען „יודי־שען גייסט", וועגען „יודישען מוסר", וועגען דער „יודישער נשמה", נישט פערשטייענדיג און נישט פילענדיג, אַז נאָך דער תורה פון וועל־הויזען און דעליטש און אפילו רענאַן (כאָטש ער האָט ליב אַמאָל צו רעדען וועגען יודען זיסינקע ריידעלעך) שטייט דאָס יודישע פאָלק נידריגער פון אַלע אַנדערע פעלקער און האָט גאָר נישט, נישט קיין

גייסט, נישט קיין מוסר, נישט קיין נשמה..

דען אויב דער מעמד הר סיני איז קיינמאָל נישט געווען; אויב אָט דער „מעמד הנבחר" איז נור אַ שפּעטערע דיכטונג פון אייניגע כהנים (ווי עס זאָגען פיל ביבעל-קריטיקער); אויב די תורה איז געשריבען געוואָרען אין די שפּעטסטע צייטען (ווי עס זאָגען אַ ל ע ביבעל-קריטיקער); אויב די תורה איז אפילו נישט קיין פאָלקס-דיכטונג און פאָלקס-שעפּונג, נור פאַנטאַזיע און ווילקיר פון פערשידענסטע פאַנאַטיקער-פּאָליטיקער (ווי מען קען פערשטעהן פון רענאַן, ווען זיינע מליצות זאָלען אונז נישט נאַרען, און פון פיל אַנדערע); אויב די נבואה (אין איר העכסטען און ריינסטען זין) איז נור אַ שאַרפער פראָטעסט געגען די בעגרענעצטקייט און ענגקייט פון די תורה-געזעצען (ווי עס קומט ווידער אויס לויט רענאַן און אנדערע); אויב די בעסטע נביאים זענען ביי יודען נור אויסנאַמס-מענשען געווען, און אויסער זיי איז דאָס גאַנצע יודישע פאָלק בעשטאַנען פון לויטער זינדיגע און שווינדלער (ווי עס קומט ווידער אויס פון די זעלבע); אויב די נביאים גופא זענען אויך געווען גענוג בעגרענצט, דען אין אַלגעמיין איז דער סעמיטישער גייסט זעהר בעגרענעצט און פאַנאַטיש און ער קען קיינמאָל נישט אַרויס פון דעם צויבער-קרייז: „ד' הוא האלהים" (ווי רענאַן זאָגט בפירוש); אויב אַלע יודישע ימים-טובים און דער גאַנצער יודישער קולטוס איז פון די כנענים גענומען (זעה טשעמבערלען און אַנדערע); אויב די שענסטע ספּורים פון מעשה-בראשית זענען פון די אכּדים גענומען און ש ל ע כ ט איבערגעגעבען געוואָרען (זעה דאָרט); אויב אַלע משפטים און שבת זענען פון בבל גענומען (זעה דעליטש); אויב דער גאַנצער תנ"ך איז דורכאויס פערגרייזט בעוואוסטזיניג אָדער אונבעוואוסטזיניג; אויב די בני-ישראל האָבען זיך באמת קיינמאָל נישט דערהויבען צום ריינעם מאָנאָטעאיזם, דען דער גאָט פון די בני ישראל י ה ו ה איז נור אַנ'אָרטיגער גאָט (לויט איינע) אָדער אַ גאָט פון פערשידענסטע סעמיטישע שבטים (לויט אַנדערע), אַ גאָט ווי אַלע געטער, אַ גאָט, וואָס האָט נור מיט זיין שטאַם צו טון און ווען מען האָט אָנגעהויבען צו רעדען וועגען זיין „איינהייט", מיינט מען נור זיין שליטה איבער אַלע פעלקער, וואָס עס סימבאָליזירט אייגענטליך די שליטה פון די בני-ישראל אויף אַלע אַנדערע פעלקער (ווי פיל היסטאָריקער מיינען); אויב די יודישע תורה, וועלכע האָט דעם יודישען פאָלק אויף אַ פאַלשען, קרומען וועג געפירט איז נאָך מער שעדליך געוואָרען, ווען זי גופא איז פערדרייט און פער-

קרימט געוואָרען דורך אַלערליי פּרושים און רבנים; אויב דאָס יודישע פאָלק, אַ שטאַם פון דער בעגרענעצטער סעמיטישער ראַסע, איז אַ פאָלק אָן ליבע צו קונסט, צו שענהייט, צו פלאַסטישע פאָרמען, אָן נייגונג צו מעטאַפיזיק און מיסטיציזם, אַ פאָלק, וואָס איז דורכאויס ערדיש, פּראַקטיש, ווייס נור אייגען־נוץ און געלד, אַ פאָלק, וואָס איז נאָך דערצו פערפירט דורך זיין תורה, וועלכע לערנט איהם, אַז ער איז העכער פון אַלע פעלקער און ער מעג טון מיט זיי וואָס ער וויל (ווי עס זאָגען אַלע אַנטיסעמיטען און די היסטאָריקער און קריטיקער גיבען זיי אַ תוקף); אויב דעם יודען איז אָ ר ג א נ י ש פרעמד די גאַנצע אייראָפּעאישע קולטור (ווי עס מיינען וואָלטער, הערדער, געטע און אַנדערע); אויב דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס דאָס קריסטענטום פערמאָגט אין זיך, איז נישט פון י ו ד ע נ ט ו ם געגומען, נור אדרבה, בעגען דעם יודענטום האָט עס זיך געבילדעט (ווי עס זאָגען טאָלסטאָי און טשעמבערלען); אויב דאָס יודישע פאָלק האָט אַלזאָ אין זיין טויזענדיעריגער היסטאָרישע גאָרנישט געשאַפען און גאָרנישט געגעבען דער מענשהייט; אויב אָט די און נאָך אַזעלכע הויפּט־יסודות פון דער ביבעל־קריטיק און תלמוד־קריטיק זענען ר י כ ט י ג — וואָס פאַר אַ טעם האָבען דאַן אַלע רייד וועגען אַ יודישען „גייסט", „מוסר" און „נשמה"?

איך ווייס, אַז אונזערע היסטאָרישקער־נאַציאָנאַליסטען אָנערקענען ביט פיל פון אָט די הויפּט־יסודות, וואָס די ביבעל־און תלמוד־קריטיק שטעלט אַרויס. זיי זענען אָבער דאַן נ י ש ט קאָנסעקווענט. זאָגט מען אלף, מוז מען אויך ב י ת זאָגען. קוים אנערקענען זיי דעם עצם מ ע ־ ט אָ ד פון די ביבעל־קריטיקער, מוזען זיי אָנערקענען די אַלע רעזולטאַ־טען פון אָט דעם מעטאָד...

אין די לעצטע יאָרען איז אַרויס אַ מערקווירדיג בוך פון ט ש ע מ ־ ב ע ר ל ע ן איבער יודען (אַ טייל פון זיין גרויסען בוך איבער'ן ניינ־צענטען יאָרהונדערט). דאָס בוך איז פול גיפט און גאַל. עס איז פול געדאַנקען־בליצען, און יעדער געדאַנק איז אַ גיפט־פייל אין יודישען לאַגער געוואָרפען. נישט נור די אַנטיסעמיטען האָבען עס אונטערגעכאַפּט ווי אַ טייערען אוצר, נור זער פיל נ י ש ט אַנטיסעמיטען, געלערטע, ערנסטע, גוטע און פרייע מענשען. מיט דעם בוך מוז מען זיך רעכענען. מבטל זיין איהם אונטער דער האַנד איז לחלוטין אונמעגליך. ער מאַכט אויף יעדען פּאַרטיי־לאָזען מענטשען זעהר אַ גוטען איינדרוק.

דאַרף איך דען נאָך זאָגען, אַז אָט דאָס בוך האָט אונז יודען מעהר פיל שאָדען געבראַכט? — גענוג, אַז איך וועל דערמאָנען, אַז מענשיקאָוו ביי זיין יעדען ארויסטריט געגען יודען, פלעגט אַרויסנעמען אַ טראָפען גיפט פון טשעמבערלען׳ס בוך, פערמישען עס מיט פיל וואַסער און געמיינהייט און דערמיט פערגיפטעט טאָג-טעגליך די רוסישע געזעלשאַפט.

און אונזער אונגליק ליגט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, אין דעם, וואָס טשעמבערלען׳ס בוך איז אינגאַנצען כמעט ווי אָביעקטיוו געשריבען, אויסערליך „וויסענשאַפטליך", „לאָגיש", „ערנסט", און „ערליך".

איך בין נישט דער איינציגער יוד, וואָס טשעמבערלען׳ס בוך מאַכט אויף אים אַזאַ איינדריק. וועגען טשעמבערלען׳ס ערליכקייט און ערנסט דערמאָנט אויך זיין געגנער, דער יודיש-דייטשער געלערטער פראַנץ אָפענהיימער אין זיין ווערק.

ווי זשע איז עס געקומען? ווי אַזוי איז עס געשעהן? ווי אַזוי האָט עס טשעמבערלען געקענט געוויסענהאַפט, פאָלקאָם ערליך און ערנסט אַזוי פערקרימען און פערדרייען די יודישע געשיכטע, מאַכען פון ווייס — שוואַרץ, פון דאָס בעסטע און שענסטע, וואָס יודען פערמאָגען און וואָס יודען האָבען דער וועלט געגעבען — אַש און רויך? — ער האָט איין קלייניקייט געטון. ער האָט אויפגעקליבען אַלע פאַראַדאָקסען, היפּאָטעזען און „געוויסהייטען" פון דער ביבעל-קריטיק, אַלערליי מיינונגען פון רענאַן, וועלהויזען, האָמעל, שערער, דעליטש, און האָט פון זיי די קאָנסעקווענצען געצויגען. זיינע קאָנסעקווענצען זענען דורכאויס לאָגיש; אנערקענט מען דעם מעטאָד פון די ביבעל-קריטיקער, בעטראַכט מען די יודישע געשיכטע לויט זייער מיינונג, מוז מען לאָגיש קומען צו דעם, וואָס טשעמבערלען איז געקומען.

די מיינונגען, וועלכע ווערען אַרויסגעזאָגט אין טשעמבערלען׳ס בוך, קענט איר אָנטרעפען אייגענטליך אויך אין די ווערק פון פיל יודישע געלעהרטע. אַ טייל פון זיי קענט איר אָנטרעפען זאָגאַר ביי אַזאַ פייערדיגען, גרויסען יודען, ווי פראָפ. גרעץ, און כמעט ביי די אַלע גייסטע יודישע ביבעל-פאָרשער און היסטאָריע-פאָרשער, ביי בערנפעלד, ד"ר ביימאַרק, קלויזנער וכדומה. נישט מעהר, וואָס טשעמבערלען נעמט אָן אָט די אַלע „וואַרהייטען" מיט אַ רוהיגען געוויסען און פירט פון זיי רוהיג אַרויס אַלע אַנטיסעמיטישע געדאַנקען, אין די יודישע היסטאָריקער-דענקער ווערען דורך דעם געפייניגט. געקוועלט, פערצווייפעלט.

זיי ווייסען נישט, וואָס צו טהון דערמיט. עס איז זיי שלעכט אַזוי און שלעכט אַזוי, „אוי להם מיוצרם, ואוי להם מיצרם". זיי האָבען מורא צו זינדיגען געגען דער „וויסענשאַפט" און זיי האָבען מורא צו זינדיגען געגען דעם יודישען פאָלק. דעריבער דרייען זיי זיך שטענדיג אין ענגען קרייז פון ספקות, פשט'לעך, פראַזען, און ליידען דערביי גרויסע יסורי-הנפש.

עס איז שוין אָבער די צייט געקומען, ווען מיר, יודען, זאָלען אָפען פאַר אַלעמען אַרויסזאָגען: מיר אנערקענען נישט די ג א נ צ ע ביבעל-קריטיק! מיר אנערקענען נישט איר מעטאָד! מיר בעטראַכטען אונזער געשיכטע גאָר פון אַנ'אַנדער שטאַנד-פונקט, פון אונזער י ו ד י ש ע ן שטאַנד-פונקט.

מיר אָנערקענען נישט א י י ע ר ביבעל-קריטיק, מיר אָנערקענען נישט אויך א י י ע ר תלמוד-קריטיק, וועלכע איז לויט'ן שניט פון אייער ביבעל-קריטיק געשניטען...

דער ערשטער און דער בעסטער פון א י י ע ר ע ביבעל-קריטיקער איז א ו נ ז ע ר ברוך שפינאָזאַ (אין זיין „טעאָלאָגיש-פּאָליטישען טראַקטאַט"). זיין בוך איז אָבער מיט שטאַרקע שנאה צום יודענטום געשריבען. אונזערע רבנים האָבען אים רודף געווען און ער האָט עס קיינמאָל נישט געקאָנט פערגעסען א י ך, קריסטען, ח נ פ ה ' ט ע ר, אויף אונז זוכט ער אָבער ב ל ב ו ל י ם.

מיר האָבען א ו נ ז ע ר ביבעל-קריטיק און תלמוד-קריטיק, וועלכע איז אויסגעאַרבייט דורך די גרעסטע מפרשים און דענקער אונזערע: ר' סעדיה גאון, רמב"ם, רשב"ם, אבן עזרא, רלב"ג, רמב"ן, ר' חסדא קרשקש, ר' יוסף אלבו און וועלכע איז פערטיפט געוואָרען, פילאָזאָפיש און וויסענשאַפטליך דורכגעלייטערט געוואָרען דורך מענדעלסאָן, קראָכמאַל, צונץ, בערנאַאיס, הירש, שטיינהיים וכדומה, און אויך דורך גייגער, יה"ש, גרעטץ, ווייס וכדומה, אויף וויפיל זיי זענען זיך געטריי, אויף וויפיל זיי פאָלגען זייער ה י ס ט אָ ר י ש ע ן געפיל און גיבען זיך נישט אונטער דעם איינפלוס פון אייער ט ע נ ד ע נ צ י ע ז ע ר (קריסטליכער) ביבעל- און תלמוד-קריטיק

ביז איצט האָבען מיר אויף אונזער געשיכטע געקוקט מיט א י י ע ר ע אויגען; עס איז שוין אָבער צייט, אַז מיר זאָלען א ו נ ז ע ר געשיכטע בעטראַכטען לויט א ו נ ז ע ר ע בעגריפען..

איר זאָגט, אַז אייער מעטאָד איז ריין-וויסענשאַפטליך. מיר קענען

איך אָבער אויפווייזען, אַז אייער מעטאָד האָט אייך אייער שנאה דיקטירט און נישט אייער וויסענשאַפט!

II.

איך געפין דעם עצם מעטאָד פון דער קריסטליכער ביבעל-קרי-טיק, און ממילא אויך די היסטאָריע-אויפפאַסונג, וועלכע איז אויף איר געבויט, פאַר טענדענציעז און פאַלש איבער פאָלגענדע טעמים:

1) די קריסטליכע ביבעל- און תלמוד-קריטיק גייט אַרויס פון דעם שטאַנדפונקט, אַז קיין אויסנאַם אין היסטאָריע גיבט עס נישט. דאָס יודישע פאָלק מוז אין גאָרנישט אָבגעטיילט זיין פון אַלע אַנדערע פעלקער. די ענטוויקלונג פון אַלע געשעהענישען מוז גיין בהדרגה, אָן פלוצלינגע ערשיינונגען, אָן איבערראַשונגען, אָן אויסערגעוועהנליכע געשעהענישען. די יודישע היסטאָריע, לויט ווי די יודישע מסורה גיט זי איבער, איז אָבער פול מיט אַזעלכע פלוצלינגע ערשיינונגען און אויסערגעוועהנליכע מעשים און היוצא מזה? היוצא מזה איז, אַז מיט דער יודישער מסורה דאַרף מען זיך גאַנץ וועניג רעכענען די צווייפעלהאַפטסטע קוועלע פון אַנדערע היסטאָרישע דאָקומענטען איז לאין ערך ריכטיגער פון דער יודישער מסורה, און בכלל קען מען זיך ער-לויבען דיכטען די יודישע היסטאָריע, גאַנץ ווירקליך אַלערליי הי-פּאָטעזען אַרויסזאָגען...

דאָס איז אָבער נישט אמת, די היסטאָריע ווייסט יאָ פון אויס-נאַמען. אָט מוזען דאָך אַלע אָנערקענען, אַז דאָס איינציגע לעבען פונ'ם יודישען פאָלק איז אַ ריינע אויסנאַם אין דער היסטאָריע. וואו האָט עס דען עקזיסטירט אַ פאָלק אָן אַ לאַנד אין אַ משך פון טויזענדער יאָהרען?

קען אָבער דאָס יודישע פאָלק איצט עקזיסטירען אַלס אַ געוויסע אויסנאַם, פאַרוואָס האָט זיין היסטאָריע פון אָנפאַנג אָן נים געקענט בילדען זיך אַנדערש, ווי די היסטאָריע פון אַנדערע פעלקער האָט זיך געבילדעט?

און בכלל גיבט עס אין היסטאָריע אויסנאַהמען. אָט איז דאָס גאַנצע גריכישע פאָלק באמת אַן אויסנאַם פון דער היסטאָריע געוועזען. אין דער צייט פון אַלוועלטליכען באַרבאַריזם, האָט דאָס גריכישע פאָלק

די העכסטע קונסט־פארמען געשאפען און די טיפסטע פילאזאפישע סיסטעמען ארויסגעגעבען.

אויב די גריכען האבען געבילדעט מיט טויזענדער יאהרען פאר קריסטוס די העכסטע קונסט, פארוואס האבען יודען מיט טויזענדער יאהרען פאר קריסטוס נישט געקענט האבען די ריינסטע בעגריפען וועגען גאטהייט? פארוואס מוז מען דוקא זאגען (ווי די ביבעל־קריטיק וויל), אז דער מאנאטעאיזם האט זיך ביי יודען ערשט אין די שפעטסטע צייטען ענטוויקעלט און אין איין אונקלארער פארם אדער זאגאר לגמרי נישט?

2) אין ערשטען פאל בענוצט די קריסטליכע ביבעל־קריטיק פאלש דעם געוויסען כלל פון יעדער וויסענשאפט: „די נאטור ווייסט נישט פון קיין שפרונג", נישט פערשטעהענדיג, אז נאטור איז עטוואס אנדערש און היסטאריע איז עטוואס אנדערש, דען די היסטאריע שאפען מענשען און דער גייסט פון מענשען געהט נית אלעמאל בהדרגה.

דעם מענשענס גייסט האט זיין נארמאל, רוהיג לעבען, זיין נארמאלע, רוהיגע ענטוויקלונג, ער האט אבער אויך זיין שטורם, זיין בליץ, זיין דונער, זיין חורבן און זיין שאפונגס־מאמענט...

און וועגען דער נאטור זעלבסט דארף מען אויך נית בוכשטעבליך פערשטעהן דעם אויבענדערמאנטען זאץ. די נאטור ווייסט נישט פון קיין שפרונג אין דעם זין, וואס קיין זאך קומט נית ווי פון דער העלער הויט, און בילדעט זיך אינווענדיג, אלץ ענטוויקעלט זיך לויט געוויסע טיפע סיבות, ביסלעכווייז, ביסלעכווייז. דער אויסברוך קומט אבער פיל מאל ארויס מיט אמאל. מיט אמאל, אונערוואר־טעט, קומט ערד־ציטערניש, מיט אמאל קומען אלע געאלאגישע איבער־קערענישען. מיט אמאל קען אלזא אויך קומען דער אויסברוך פונ'ם מענשענס גייסט. דער מענש קען אמאל אין איין מאמענט דערקענען מער ווי אין זיבעציג יאר. א פאלק קען אויך אלזא אין א אויסער־געוועהנליכען מאמענט איבערלעבען מער ווי אין טויזענדער יארען.

די ביבעל־קריטיק זינדיגט אבער אויך מיט א צווייטען כלל פון דער אלגעמיינער וויסענשאפט. אין יעדער וויסענשאפט ווערט בענוצט דאס פערגלייכונגס־סיסטעם. בענוצען די ביבעל־קריטיקער אין זייער „וויסענשאפט" אויך אט דאס סיסטעם, זיי בענוצען עס אבער שלעכט. זיי געפונען, אז ביי אנדערע אלטע פעלקער זענען געווען פיל מצות און

מנהגים עהנליך צו די, וואָס ביי די בני־ישראל. שליסען זיי דערפון, אַז יודען האָבען זייערע מצות פון אַנדערע גענומען. פון וואַנען איז עס אָבער געדרונגען? פאַרוואָס מוז דוקא יעדעס פאָלק פון דעם צווייטען נעמען? פאַרוואָס זאָלען פערשידענע פעלקער, לויט די אייביגע געזעצען פון דעם מענשענס גייסט, נישט קומען צו איינע און די זעלבע בעשלוסען גאַנץ זעלבסטשטענדיג?

בנוגע צו אַנדערע פעלקער און אַנדערע רעליגיאָנען האָבען אייניגע גרויסע רעליגיאָנס־היסטאָריקער שוין לאַנג אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז עהנליכע רעליגיעזע ערשיינונגען זענען גאָר נישט קיין בעוויז אויף נאָכאַהמונג, דען ביי יעדען פאָלק קענען זיי זיך בילדען אייגענאַרטיג, פון דעם אייגענעם גייסט געשעפּט, אינגאַנצען אונאָבהענגיג פון דעם, וואָס ביי דעם צווייטען פאָלק האָט זיך דאָס עהנליכע געבילדעט (זעה מענזיס, די ערשטע פרקים פון זיין רעליגיאָנס־געשיכטע). פאַר וואָס־זשע איז אָבער, ווען מען זעהט, אַז געוויסע יודישע מצות און מנהגים האָבען ביי אַנדערע אויך אַ געוויסען אָרט געהאַט, מוז מען דוקא זאָגען, אַז יודען האָבען עס ביי אָט די אַנדערע גענומען? פאַר־וואָס מוזען יודען דוקא נאָכאַהמען? פאַר־וואָס האָבען יודען נישט געקענט די זעלבע זאַכען שאַפען אָריגינעל, אָט אַזוי ווי די אַנדערע פעלקער האָבען עס געשאַפען?

3) פיל זאַכען נעמען טאַקי די פעלקער איינע ביי די צווייטע. עס קען געבען, אַז יודען האָבען גענומען אייניגע זאַכען ביי אַנדערע פעלקער. פאַר־וואָס־זשע האָט אָבער אויך ניט געקענט זיין פערקערט?

די ביבעל־קריטיקער געפינען, אַז די ספורים פון מעשי־בראשית זענען אויך דאָ ביי די בבליים, ביי אַנדערע. פון וואַנען איז אָבער די ראיה, אַז יודען האָבען עס פון די בבליים גענומען? טאָמער פערקעהרט? עס קען זעהר געבען, אַז די בבליים האָבען עס פון יודען גענומען...

וויפיל די ביבעל־קריטיקער זאָלען זיך ניט פּלפּול'ען, קענען זיי דאָך בשום אופן נישט בעשטימען גענוי, נישט די צייט, ווען אָט די ספורים האָבען זיך געבילדעט ביי די בבליים, און ניט די צייט, ווען זיי האָבען זיך ביי יודען געבילדעט. דען אויב מיר זאָלען אפילו זאָגען, אַז מיר ווייסען יאָ, ווען די יודישע ספורים פון מעשי־בראשית זענען געשריבען (דאָס הייסט: ווען מען זאָל אָננעמען די היפּאָטעזען פון רענאַן און אַנדערע פאַר וויסענשאַפט), קען

מען דאַך אָבער בשום אופן ניט וויסן, ווען אַט די ספורים זענען דערצעהלט געוואָרען. פיל ספורים ווערען פונ'ם פאָלק דערצעהלט, ווערען איבערגעגעבען פון עלטערן צו קינדער. און ווערען געשריבען אין הונדערטער יאָהרען אַרום. דאָס גלייכען קען אויך קיינער ניט וויסען, ווען די בבליים האָבען אַט די זעלבע ספורים דערצעהלט. וואָסער מלאך האָט אַלזאָ דערצעהלט דעם ביבעל-קריטיקער, אַז דוקא די יודען האָבען פון די בבליים די ספורים גענומען, און ניט פערקערט.

דאָסגלייכען איז גאַנץ ווילקירליך די הנחה פון דעליטש, אַז יודען האָבען זייערע משפטים ביי די בבליים גענומען. אויב אַז יאָ „גענומען" — פאַרוואָס ניט פערקערט?.

דאָס גלייכען זענען אינגאַנצען ווילקירליך די אַלע טויזענדער הקירות וועגען דער השפעה פון דער פערסישער רעליגיע אויף דער יודישער, האָטש אויף די טעמען האָבען דוקא פיל יודישע געלערטע געשריבען (בעזונדערס די „בעלי החלוץ" און דר. ש. רובין). אמת, אַז די יודישע דינים פון טומאה וטהרה זענען ענליך אין פיל פרטים צו די זעלבע דינים פונ'ם מזדאַאיזם. דאָס איז אָדער ערשטענס, קיין בעוויז ניט (ווי מיר האָבען פריער דערמאָנט), ווייל ביי צווי בעזונדערע פעלקער קענען זיין איינע און די זעלבע דינים גאַנץ אומאָבהענגיג איינס פון דאָס אַנדערע. און צווייטענס פערשטעה איך בשום אופן נישט. פאַרוואָס האָט דער יודאַאיזם יאָ געקענט נעמען פונ'ם מזדאַאיזם און דער מזדאַאיזם פונ'ם יודאַאיזם ניט? ווען יודען זענען אין בעריהרונג געקומען מיט די פערסיאַנער, האָבען די פערסיאַנער אַזוי גוט געקענט איבערנעמען די יודישע דינים, ווי די יודען — די פערסישע דינים...

און נאָך מער: דער שכל איז מחיב פערקערט. דאָס יודישע פאָלק איז שטענדיג געווען אָבגעזונדערט (בעזונדערס אין די שפעטערע צייטען, ווען זיי זענען געקומען אין בעריהרונג מיט די פערסיאַנער). דאָס יודישע פאָלק האָט אויף זיך שטענדיג געקוקט, ווי אויף אַן „עם הנבחר". ווי אַזוי-זשע האָט זיך דער „עם הנבחר" געקענט ערלויבען צו לערנען דינים פון „געצענדינער".

4) דער תנ"ך איז, קודם-כל, אַ געטליך ווערק. צוטרעטען צום תנ"ך מוז מען אַלזאָ מיט'ן טיפסטען רעליגיעזען געפיהל. די ביבעל-קריטיקער טרעטען אָבער פיל צו צום תנ"ך, ווי צו דער

געמיינסטער באָבע־מעשה...

גלויבט מען אפילו ניט אין די געטלעכקייט פונ׳ם תנ״ך, מוז מען דאָך אַלענפֿאַלס מודה זיין, אַז דער תנ״ך איז אַ גרויס קונסט־ווערק. אורטיילען וועגען אַ גרויס קונסט־ווערק דאַרפֿען נאָר קינסטלער, דיכטער, שעפער, אויב ניט דיכטער בפועל, איז לכל־הפחות דיכטער בכח, איך מיין: מענשען, וועלכע האָבען פּאָעטישע נייגונגען, זין פֿאַר שענהייט, פֿאַר גרויסקייט, פֿאַר איידעלקייט. פֿאַר ביבעל־קריטיק האָבען זיך אָבער גענומען (אויסער רענאַן, וועלכער איז יאָ פּאָעט געווען, אָבער זעהר טענדענציעז) מענשען אָהן דעם קלענסטען זין פֿאַר אַ פּאָעטיש ווערק, קאַלטע פּראָזאַיקער, טרוקענע פילאָלאָגען.

ווען מען טרעט צו צו אַנאַליזירען אַ פּאָעטיש ווערק, מוז מען קודם כל בעגרייפֿען די אידעע פֿונ׳ם ווערק, דאָס גאַנצע בילד, אויב דאָס איז אַ פּלאַסטיש ווערק, און האָבען איין אינערליך פֿערהעלטניש און קרובה׳שאַפֿט מיט דעם ווערק — אויב דאָס ווערק איז ליריש, סוביעקטיוו, האַרציג. די יודישע נבואה. אויף וויפֿיל זי איז פּלאַסטיש, פֿאָדערט זי פֿונ׳ם פֿאָרשער קינסטלער־טאַלאַנט; אויף וויפֿיל זי איז אָבער ליריש און אויסערגעוועהנליך איניג און האַרציג, פֿאָדערט זי פֿונ׳ם פֿאָרשער אויך אַ בעזונדער זין פֿאַר די „פֿערפֿלוכטע פֿראַגען", פֿאַר דעם גרעסטען סוד פֿון לעבען, פֿאַר׳ן וועלט־שמערץ, פֿאַר דאָס אייביגעליידען פֿונ׳ם יודישען פֿאָלק און זיין בעזונדער אָרט אויף דער וועלט. זאַכען, פֿון וועלכע פֿיל ביבעל־קריטיקער האָבען קיין אַהנונג נישט.

5) דער תנ״ך איז אַ טויזענד־יעהריגער ספר. עס קען אַלזאָ זיין, אַז אין אייניגע ערטער זענען פֿערשידענע נוסחאות פֿאַראַן, מען טאָר עס אָבער ניט מגזם זיין, דען דאָס יודישע פֿאָלק האָט שטענדיג דעם תנ״ך געהיט, ווי דאָס אויג פֿון קאָפּ. די יודישע מסורה האָט שטענדיג אַלע אותיות פֿון תנ״ך געצעהלט. ביי אַזאַ צושטאַנד איז בשום אופֿן קיין אָרט ניטאָ אין תנ״ך פֿאַר גרייזען.

אין די אויגען פֿון די ביבעל־קריטיקער איז אָבער דער תנ״ך פֿול מיט גרייזען פֿון אָנפֿאַנג ביז׳ן סוף. וואו זיי שטעהען און געהען, וואו זיי קערען זיך און ווענדען זיך, חלומט זיך זיי גרייזען.

און זיי נעמען זיך פֿאַר׳ן פֿערריכטען אָט די „גרייזען". נאָר וויעה, וועה, וואָס זיי האָבען פֿון דעם הייליגען, שענעם תנ״ך געמאַכט. אַלץ, וואָס ס׳איז פֿריהער געווען גאַנץ, פּאָעטיש, פֿול לעבען און

גייסט, איז געוואָרען נאָך זייער הגהה פּראָזאַאיש טרוקען, צוריסען אויף שטיקלעך, אָהן פּאָעזיע, אָהן נשמה, אָהן ליבּ, אָהן לעבען. ווער עס וויל זיך איבּערצייגען אין דעם, זאָל אויסקלייבען וואָס פאַר אַ קאַפּיטעל פון תנ״ך ער וויל. זאָל ער נאָכהער איבּערשרייבען דאָס גאַנצע קאַפּיטעל, לויט ווי די ביבּעל-קריטיקער פּעררי־כטען, וועט ער גלייך דערפילען, אַז פון אַ לעבּעדיגען אָרגאַניזם איז אַ סקעלעט געבּליבּען. בּשעת מען לייענט יעדען תּקון בּעזונדער, בּעמערקט מען עס נישט. בּעמערקען קען מען עס אָבּער, ווען מען נעמט דאָס גאַנצע. פון דער העכסטער פּאָעזיע ווערט דורך די תּקונים געמיינע, געשמאַקלאָזע, נאַרישע פּראָזאַ.

6) די בּיבּעל- און תּלמוד-קריטיק מיינט שטענדיג צו פּסל׳נען דאָס יודישע פאָלק און צו דערנידערען זיין גייסט, ווען זי דענקט, דאָס איר איז געלונגען אויפצוּווייזען, דאָס יודען האָבּען די אָדער יענע זאַך פון אַנדערע גענומען. בּעזונדערס פרייט עס די בּיבּעל-קריטיקער, ווען זיי נעמען זיך פאַר די הויפּט-יסודות פון יודישקייט, אמונת האחדות, שבּת, מילה וכדומה. לאָמיר אַ ווײַלע אָננעמען, אַז אָט די אַלע זאַכען זענען טאַקי בּיי אונז פון אַנדערע גענומען. וואָס־זשע פאָלגט דערפון? פאָלגט דען דערפון, אַז דאָס יודישע פאָלק האָט אין זיך קיין אָריגינאַליטעט ניט? — קיין איין האָר נישט!

דאָס יודישע פאָלק קען בּלייבּען אין גאַנצען אָריגינעל מיט זיין שבּת, למשל, ווען ער זאָל עס אפילו האָבּען פון אַנדערע גענומען. דאָס יודישע פאָלק האָט אויף דעם שבּת אַרויפגעלייגט דעם זיגעל פון זיין גייסט. וואָס האָט ער געקענט נעמען פון אַנדערע? — אַ טאָג אויף אָבּצורוהען פון אַרבּייט. דער יודישער שבּת איז אָבּער גאָר עטוואָס אַנדערש. ער יוד האָט אין דעם שבּת אַריינגעטהון די אידעע פון גאָט און וועלט („וּבּיום השביעי שבת וינפש״), זיין גרויסע היסטאָרישע פערגאַנגענהייט („זכר ליציאת מצרים״), שענסטע און העכסטע הומאַניטעט (למען ינוח שורך וחמורך ועבדך ואמתך״). אין זיין ווייטערע ענטוויקלונג ווערט דער שבּת שוין גאָר אַ בּת-זוג פון גאָט בּרוך-הוּא („אמר הקדוש ברוך הוא: אני בן-זוגך״) און די בּעסטע מתּנה, וואָס גאָט האָט אין זיינע אוצרות („מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה״). אין נאָך ווייטערע ענטוויקלונג ווערט שוין שבּת — אַ מלכּה, אַן אייבּיגע כּלה, אַ סימבּאָל פון מלכות און פון שכינה. אין דער גאַנצער גלות-צייט — אַ גן-עדן טאָג, אַ צופלוכט-אָרט, אַ וואונדער-טאָג, אַ טאָג, ווען

דער פֿערשאָלטענער פרינץ, וואָס איז אַ גאַנצע וואָך אין הונד פֿערוואַנדעלט, ווערט ווידער בן־מלך.

און דאָס, וואָס איז אמת בנוגע שבת, איז אמת אויך בנוגע צו פֿיל, זעהר פֿיל יודישע זאַכען. ווען זיי זאָלען זיין אפֿילו פֿון אַנדערע גענומען, האָט דער יודישער גייסט זיי פֿון ס׳נײַ בעשאַפֿען, דער יוד האָט אין זיי זיין נשמה אַריינגעטהון און זיי זענען אייביג געוואָרען. דער יוד האָט געוויינליכע מנהגים גענומען און האָט פֿון זיי אייביגע קונסט־ווערק געשאַפֿען. אין קונסט־ווערק איז נישט דאָס טעמאַ וויכטיג, נור די פֿאָרם און דער גייסט. שעקספיר האָט די טעמען פֿון זיינע ווערק דורכאויס פֿון אַנדערע גענומען, ער האָט אָבער אין זיי זיין גייסט אַריינגעטהון און זיין פֿאָרם, און זיי זענען דורך דעם אייביג געוואָרען...

7) די ביבעל־קריטיקער זענען זיך נוהג, דאָס ווען די יודישע מסורה קומט ביי זיי אויס צווייפֿעלהאַפֿט, טראַכטען זיי אויס אייגענע השערות און גרינדען אויף דעם זייערע היסטאָרישע אַנשויאונגען. לאָמיר אָננעמען, אַז די יודישע מסורה איז יאָ צווייפעלהאַפט אין געוויסע שטעלען. די יודישע מסורה איז דאָך אָבער אַ פֿאָלקס־מסורה. אויב געוויסע מסורות גיבען נישט איבער ריכטיג די פאַקטען, ווי זיי זענען געטהון געוואָרען, גיבען זיי דאָך אָבער איבער דעם גייסט פֿון דעם פֿאָלק, וואָס דערצעהלט עס. אין דער היסטאָריע זענען די טרוקענע אָבגעריסענע פאַקטען ניט אַזוי וויכטיג, ווי זייער בעלויכטונג. דער פאַקט אַן און פאַר זיך זאָגט גאָרנישט. לערנען הויבט ער אונז אָן ערשט דאַן, ווען מען פערשטעהט איהם. קוים שרייבען מיר די געשיכטע פֿון אַ פֿאָלק, איז אונז די מיינונג פֿונ׳ם פֿאָלק וועגען דעם פֿאַקט אַזוי וויכטיג, ווי דער פֿאַקט זעלבסט, ווייל אָט די מיינונג כאַראַקטעריזירט דאָס פֿאָלק און בעלויכט אונז זיין לעבען.

פֿערשטייט זיך, אַז ווען געוויסע היסטאָרישע דאָקומענטען זענען געגען דער פֿאָלקס־מסורה, מוז מען זיך מיט אָט די דאָקומענטען רעכנען. פֿון איין זייט — מסורה, פֿון דער צווייטער זייט — דאָקומענטען, דאָ מוז מען שוין פיל נאָכדענקען. ווי אַזוי זשע קען מען אָבער קומען געגען אַ פֿאָלקס־מסורה מיט היפּאָטעזען? ווי קען איין איינצעלנער פֿרעמדער מענש (מעג ער זיין

ווי גרויס ער זאָל נישט זיין) מעהר פערשטיין געוויסע געשעהענישען אַלס אַ גאַנצעס פאָלק, וואָס האָט עס זעלבסט איבערגעלעבט?

III.

יעדע יודישע געשיכטע וועלכע וויל געטריי בלייבען דעם יודישען פאָלקס-גייסט, מוז אויך געטריי בלייבען, לויט מיין איבערצייגונג, אויך דער יודישער פאָלקס-מסורה. בלייבענדיג טריי דעם גייסט פון דער יודישער מסורה, מוזען מיר זיך פונאַנדערגעהן מיט די געשיכטען, וועלכע זענען באַזירט אויף אַלערליי היפּאָטעזען פון די ביבעל- און תלמוד-קריטיקער אין פאָלגענדע הויפּט-פונקטען:

1) די ספּורים וועגען אברהם יצחק ויעקב זענען אין די אויגען פון פיל היסטאָריקער נאָר הגדות. מיר זעהען אין דעם אָבער היסטאָריע. מען קען האָבען אַ וואָסער מיינונג מען וויל וועגען דער פאָרם פון די ספּורים. פאַר אונז איז וויכטיג דער עיקר פון זיי, דער היסטאָרישער איינהאַלט פון זיי. מיר נעמען אָן דעם פאַקט, דאָס בשעת די בני-ישראל האָבען אין מצרים איינגעוואַנדערט, האבען זיי שוין געהאַט אַ גייסטיגע ירושה פון זייערע עלטערן, וועלכע האָבען אין מדבריות אומגעוואַנדערט, אין מעסאָפּאָטאַמיען געוואוינט און אין פּאַלעסטינאַ אומגעוואַנדערט און די גאָטהייט דערקענט.

2) אַמאָליגע ביבעל-קריטיקער פלעגען ליב האָבען צו בעשטעטיגען, אַז אויב אין תורת משה איז יאָ עטוואָס גוטעס פאַראַן, איז עס נאָר פון עגיפּטען גענומען. משה איז אַ כהן-מצרי געוועזן, וועלכען עס האָט זיך פערגלוסט צו געוועלטיגען איבער די בני ישראל (זעה שילער „די זענדונג מאָזעס” און פיל אַנדערע). נאַכהער האָבען די ביבעל-קריטיקער. אינגאַנצען אָנגעהויבען צו פערשווייגען די פאַקטען פון גלות-מצרים און יציאת-מצרים, רעכענענדיג זיי פאַר הגדות. אין די לעצטע צייטען איז שוין אונמעגליך געוואָרען צו פערשווייגען אָט די פאַקטען, ווייל די עגיפּטאָלאָגיע בעשטעטיגט זיי. וואָס זשע טהוט מען? — געהט מען פערבײַ אָט די פאַקטען. מען בעטראַכט אָט דעם מצרים-פעריאָד פאַר אַ פוסטען בלאַט אין דער יודישער געשיכטע.

אָדער מען טהוט אַזוי: מען בעטראַכט דעם מצרים-פעריאָד אַלס אַ טייל פונ'ם כנען-פעריאָד. מען זאָגט אַזוי: די מלכים פון מצרים

האָבען דאַן געהערשט איבער פּאַלעסטינאַ און סוריא. נאַכהער, ווען פּאַלעסטינאַ און סוריא זענען פון זיי אָבגענומען געוואָרען, האָבען זיי נאָך אַלץ געהערשט אין דרום יהודה, וועלכע האָט דאַן געהערט צו דער מדינה פון גושן.

און ניט אָהן כונה מיידט מען אַזוי אויס דעם מצרים־פּעריאָד. מען וויל אַזוי אַרום געוואוינען דעם מאָדערנעם מענשען צום געדאַנק, אַז די בני־ישראל האָבען זיך נאָר אין כּנען ענטוויקעלט און האָבען זיך וועזענטליך מיט גאָרנישט אָבגעטיילט פון די אַרומיגע פעלקער.

מיר אָבער, וועלכע ווילען געטריי בלייבען דעם גייסט פון דער יודישער מסורה, מוזען אָנערקענען, אַז ווי באַלד די בני־ישראל האָבען אין מצרים געהאַט די גייסטיגע ירושה פון זייערע גאָט־זוכענדע עלטערן, אַז די בני־ישראל האָבען אין מצרים פיער הונדערט און דרייסיג יאָר געלעבט (נאָכ׳ן פּראָסטען פשט פון פסוק), און, אַלעס פאַלס, זעהר אַ היבשע צייט, ווי באַלד אַז די בני־ישראל זענען מיט דער עגיפּטישער קולטור אין בעריהרונג געקומען און די עגיפּטישע קולטור איז שוין דאַן היבש ענטוויקעלט געווען, ווי באַלד אַז די בני־ישראל האָבען, פון דער צווייטער זייט, אין אַ בעזונדער לאַנד געלעבט (אין גושן) און זיי האָבען אַלזאָ געהאַט די מעגליכקייט זייער אינדיווידואַליטעט צו אָבהיטען און צו ענטוויקלען, — האָט זיך געמוזט בילדען אין עגיפּטען אַ געוויסע קולטור פון די בני־ישראל, געוויסע אייגענשאַפטען, זיטען, פאָרשטעלונגען, מנהגים א. אַ. וו.

3) די אַמאָליגע ביבעל־קריטיק פלעגט דעם גאַנצען ספּור פון מעמד הר סיני רעכענען פאַר אַ הגדה. הייגטיגע ביבעל־קריטיקער זאָגען עס ניט. די שירה פון דבורה טראָגט אויף זיך לכל הדעות דעם שטעמפּעל פון טיפער אַלטקייט און אין איר ווערט געזאָגט: אַז די בערג האָבען געציטערט, ווען דער גאָט פון ישראל איז פון סיני ערשינען...

וואָס זשע טהוען אָבער די קריטיקער? — זאָגען זיי, אַז מען ווייס אייגענטליך ניט, וואָס דאָרטען, אין סיני, איז געשעהן און דעריבער איז ניטאָ לחלוטין וואָס צו רעכענען זיך דערמיט. די עשרת־הדברות מאַכט מען פאַר אַ פּראָדוקט פון די שפּעטסטע צייטען. מען גיט נאָך דערצו צו, אַז פריער זענען גאָר אַנדערע צעהן געבאָט געווען (וועלכע האָבען בעטראָגען אַנ׳אָרטיגען, ענגען כאַראַקטער) און

ערשט אין די גאָר שפּעטערע צייטען זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען די עשרת־הדברות אין דער פאָרם, וואָס זיי זענען פאַר אונז.

דאָס פירט דערצו, אַז דאָס יודישע פאָלק האָט קיינמאָל קיין עטוואָס אויסערגעוועהנליכעס ניט איבערגעלעבט. איך האָב שוין אָבער פריער געוויזען, אַז ניט אַלע מאָל מוז די היסטאָריע געהן אין גראַדע ליניען און דוקא לויט איין געוויסען מאַסשטאַב, לויט דעם וועג, וואָס די געלעהרטע שרייבען איר פאָר...

די ביבעל־קריטיקער זענען מודה, אַז אין סיני איז עטוואָס פאָרגעקומען. פאַר וואָס זשע זאָלען מיר ניט אָננעמען אויך די ג אַ נ צ ע יודישע מסורה וועגען דעם מעמד הר סיני?

איך פערזענליך גלויב אין ת ו ר ה מ ן ה ש מ י ם. אין׳ם זין, ווי די מ ק ו ב ל י ם פערשטעהן דעם עיקר: דער וואָס בעגרייפט עס אָבער אפילו ניט, מוז דאָך אָבער לכל הפחות, אָנערקענען, ווען ער דענקט טיף און ערליך, אַז אין געוויסע מאָמענטען קען אַ פאָלק אַריין אין העכסטען געטליכען עקסטאַז און עס קען דאַן בעגרייפען דאָס, וואָס אַן׳אַנדער פאָלק בעגרייפט ערשט נאָך טויזענדיאָריגער גייסטיגער אַרבייט.

אָט לייקענט דאָך קיינער ניט אָב, למשל, דעם פאַקט, אַז ישעיה האָט מיט טויזענדער יאָרען צוריק בעגריפען די אידעע פון׳ם א יי ב י ג ע ן, אַ ל וו ע ל ט ל י כ ע ן שלום — דאָס, וואָס די בעסטע עקזעמפּלאָרען פון דער מענשהייט האָבען ערשט אין ניינצעהנטען יאָר־הונדערט אָנגעהויבען פ אָ ר צ ו ש ט ע ל ע ן זיך. זעהט מען דאָך, אַז עס גיבען אַזעלכע ערהאַבענע מאָמענטען. אַזעלכע געדאַנקען־בליצען וועלכע שפּרינגען איבער דריי פיער טויזענד יאָר — פאַר וואָס זשע זאָל אַמאָל אַ ג אַ נ ץ פאָלק אויך ניט איבערלעבען אַזאַ ערהאַבענעם מאָמענט. און אומפאַסען אין יענעם מאָמענט די אייביגקייט?

4) פון דעם אַלעמען פאָלגט, אַז, בשעת די בני־ישראל האָבען כנען איינגענומען, האָבען זיי שוין געהאַט זייער קולטור (וועלכע האָט זיך אין עגיפּטען געבילדעט), זייער היסטאָריע (ערינערונגען פון די עלטערן), גרויסע ערפאַהרונגען (אין לענדער און אין מדבר), גרויסע, אונגעוועהנליכע איבערלעבונגען (מעמד הר סיני א. ז. וו.). פערשטעהט זיך, אַז אַזאַ פאָלק האָט ניט ג ע ב ר ו י כ ט ביי די כנענים לערנען ווי אַזוי די גאָטהייט צו דינען...

מיר אָנערקענען אויך, אַז שענע עטליכע הונדערט יאָר זענען די

בני-ישראל אין כנען עטלעכע געצענדלינער געווען; מיר בעטראַכטען אָבער ניט דעם צושטאַנד אַלס נאָרמאַלען צושטאַנד (ווי די ביבעל-קריטיקער און אייניגע היסטאָריקער מיינען), נאָר אַלס אַ געוויסע ר ע אַ ק צ י ע. דער המון פון די בני-ישראל האָט מיט די כנעים געלעבט און האָט זייערע מנהגים געלערנט. ציהען האָט אויך דעם פאָלק געצויגען צו עבודת-אלילים. דאָס פאָלק איז נאָך יונג געווען, און עבודת-אלילים איז צוגעפּאַסט צו דער יוגענד פון אַ פאָלק. טיפער, אין תוך-תוך פון דער פאָלקס-נשמה, האָבען אָבער געלעבט די אַלטע, אַלטע מסורות און דער גרויסער, געטליכער מאָמענט פון מעמד הר סיני, פון אָט דער טיפענייש זענען אַרויסגעגאַנגען אַלערליי כהנים און אַלערליי נביאים, וועלכע האָבען דעם פאָלק געלערנט די דרכים פון יהוה. און אין געוויסע ליכטיגע מאָמענטען איז דאָס פאָלק נאָך זיי געגאַנגען.

5) ווי באַלד, אַז מיר אַנערקענען, דאָס די אידעע פון ריינע גאָטהייט, פון מענשען-ליבע און מענשען-הייליגקייט האָט פון אייביג אָן געלעבט אין די בני-ישראל, מוזען מיר זעהן אין דער תורה און אין דער נבואה ניט ווערק פון יחידים (ווי אייניגע מיינען) אָדער זאַגאַר פאָלקס-פיינדליכע עלעמענטען (ווי אַנדערע מיינען), נאָר אויסער זייער געטליכער אָבשטאַמונג אויך יצירות פון פאָלק. יעדער נביא, איז דער גאָט-געבענשטער מענש, און אין דער זעלבער צייט אויך דער שענסטער און בעסטער אויסדרוק פון דער פאָלקס-נשמה.

און אפילו בשעת דאָס גאַנצע פאָלק האָט צו געצען געדינט און דער נביא איז געגען זיי געשטאַנען, איז ער געווען פאָלק, און ניט זיי, די פילע. דען ער, דער נביא, האָט געוואוסט דאָס, וואָס וועבט זיך אין דער טיפענייש פונ'ם לעבען, און זיי, די פילע, זענען געווען נאָר דעם מאָמענט אונטערגעוואָרפען.

6) די בני-ישראל, אַלס קינדער פון די, וואָס האָבען אין די אונענדליכע וויסטע מדבריות דעם סוד פון דער וועלט געזוכט, די בני-ישראל, וועלכע האָבען שוין אין דער צייט פון די נביאים אַ גרויסען עבר געהאַט, די בני-ישראל, וועלכע האָבען פיל געטליכע מאָמענטען איבערגעלעבט און די נביאים זענען געווען בלוט פון ז י י ע ר בלוט און פלייש פון ז י י ע ר פלייש און אַ חלק פון ז י י ע ר נ ש מ ה — האָבען בשום אופן ניט געקענט זיין מאָראַליש נידעריגער פון אַנדערע פעלקער.

און אויב די נביאים רופען אן די בני-ישראל „זרע מרעים"

„בנים משחיתים” א. ז. וו., איז עס, ווייל די נבואה (די נ ש מ ה פון די בני־ישראל גופא) האָט זעהר פיל ג ע פ אָ ד ע ר ט. בשעת דער הימעל איז ריין, קלאָר, איז צו בעמערקען יעדעס וואָלקענדעל, וואָס געהט פערביי. אויף אַ הערליך זיידען בגד איז יעדער קלענסטער פלעק קענטיג...

די נבואה איז געקומען מיט ה י מ ל י ש ע פאָדערונגען. פאַר'ן הימעל איז קיינער ניט ריין. צו די בני־ישראל איז זי אָבער ג ע ק ו מ ע ן. פון די בני־ישראל האָט זי עס ג ע ק ע נ ט פאָדערן. מיט אַנדערע האָט זי כמעט קיין עסק ניט געהאַט...

די ביבעל־קריטיקער טהוען אַזוי: אַלע שטראָף־רייד און צאָרן־רייד פון די נביאים טייטשען זיי אויס אין דעם זין, אַז דאַמאָלסדיגע יודען זענען געוועזען זינדיג און פערברעכעריש. יענע שטעלען ווידער, וואָס רעדען פון דער אייביגקייט, הייליגקייט און אויסערוועהלטקייט פון די בני־ישראל, רופען זיי אָן „שאָוויניזם”. אַלץ ווי זיי פאַסט. און נאָך האָבען זיי ליב צו רעדען וועגען זייער „אָביעקטיוויטעט”.

1) פערשידענסטע ביבעל־קריטיקער האָבען זעהר ליב אָפט אָנצו־ווייזען אויף דעם טיפען אָבגרונד, וואָס ליגט צווישען תורה און נבואה. ביי זיי קומט אויס, אַז די נבואה קעמפט שטענדיג מיט די געזעצען פון דער תורה, מיט אַלע מצוות מעשיות וכדומה.

באמת זענען תורה און נבואה צוויי צווייגען פון איין און דעם זעלבען בוים, צוויי בעזונדערע ערשיינונגען פון איין און דער זעלבער פּאָלקס־נשמה. ווייט, ווייט געהן זיך פונאַנדער די צווייגען, יעדער צווייג האָט זיין לופט, זיין רוים, זיין וועג, די יניקה זויגען אָבער ביידע פון א י י ן אָרט. די תורה און נבואה האָבען בעזונדערע דרכים און אַמאָל זאָגאַר בעזונדערע צ י ל ע ן, געבוירען האָט זיי אָבער ביידען איין און דער זעלבער גאָטס־דורשט. שטאַמען שטאַמען זיי ביידע נאָך פון יענע אוראַלטע צייטען, ווען די ערשטע סעמיטען־וואַנדערער האָ־בען אָנגעהויבען ב ע וו א ו נ ד ע ר ן די וועלט און זיי האָבען די ערשטע פ ר אַ ג ע געשטעלט, פון יענע צייטען, ווען דער ערשטער נביא האָט אין וויסטען מדבר דאָס אייביגע ד אַ ז י י ן בעגריפען („אהיה אשר אהיה”) און פון יענע צייטען, ווען דאָס גאַנצע פאָלק האָט אין דעם זעלבען וויסטען מדבר די שטימע פון דער געטליכער אייביגקייט דערהערט („אנכי ד׳ אלהיך”). פון דאָרט שטאַמען אי די תורה, אי די נבואה. ניִשט מער, וואָס די נבואה האָט פאַר זיך גאָר

די געטליכקייט, די אייביגקייט, דעם אַ ב ס אָ ל ו ט ע ן אמת, דעם ריינסטען, הימלישען אמת, די אַבסאָלוטע גערעכטיגקייט, אַבסאָלוטע ליבע, און די תורה, שטרעבענדיג צו די זעלבע צילען, נעמט זיך אויך נאָרמירען דאָס טאָג-טעגליכע לעבען פונ'ם מענשען: אַזוי זאָלסטו ט ה ו ן, אַזוי זאָלסטו נ י ט טהון...

די נבואה האָט צו טהון מיט'ן ריינעם ג ײ ס ט. די תורה — מיט מ ע ש י ם. ווען די נבואה דערזעהט מעשים אָהן גייסט, בעפאַלט זי זאָגאַר די מעשים זעלבסט. דאָס הייסט ניט, אַז די נבואה שטרעבט צו עטוואָס אַנדערש ווי די תורה, נאָר די נבואה, לויט איר ט ב ע, קען ניט אַזוי רעכנען זיך מיט אַלערליי מענשליכע שוואַכקייטען, געוואוינהייטען, פאָרשטעלונגען און נייגונגען, ווי די תורה.

די תורה לאָזט זיך שטענדיג אַראָב צום מ ע נ ש ע ן, צו דער ע ר ד („לא בשמים היא"), זי רעדט שטענדיג מיט דער מ ע נ ש ע ן-שפראַך („דברה תורה כלשון בני אדם"), זי רעכענט זיך שטענדיג מיט'ן מענשענ'ס זינדיגע, עלענדע און געמיינע נאַטור („לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע"); די נבואה האָט אָבער שטענדיג איר הימעל-שפראַך, אירע שטרענגסטע פאָדערונגען, זי שילט און צאָרנט און וויל פון קיינע תרוצים נישט וויסען. זי שטורמט, זי דונערט, זי קוקט מיט איר פלאַם-פייער.

8) אויב די געהיימסטע קרעפטען האָבען געבוירען אי די תורה, אי די נבואה, אויב די אידעען פון גאָטהייט, פון אייביגקייט און פון די שענסטע מענשליכקייט זענען מיט'ן יודישען פאָלק אָ ר ג אַ נ י ש צונויפגעוואַקסען, אויב די יודישע נשמה איז אַ קוואַל פון אייביגער שעפונג, איז איר לעבענס-קראַפט ניט אָבגעשוואַכט געוואָרען, אפילו ווען „די נבואה האָט זיך שוין אָבגעטהון". אַ נ'א ו י ס ע ר ל י כ ע זאַך ווערט בטל; אַ א י נ ע ר ל י כ ע, אָ ר ג אַ נ י ש ע זאַך ווערט קיינמאָל ניט בטל. מיר מוזען אַלזאָ בעטראַכטען די ווייטערע שעפונג פונ'ם פאָלק (משנה, תלמוד וכו' וכו') ניט, ווי פיל קריסטליכע (און איינינגע יודישע) תלמוד-קריטיקער בעטראַכטען זי, אַלס „תורת הפרושים", וועלכע איז לויט'ן גייסט פ ר ע מ ד דער נבואה, נאָר, אדרבה, אַלס די ווייטסטע פ אָ ר ט ז ע צ ו נ ג פונ'ם נבואה-געדאַנק, וועלכער האָט נאָר אַנ'אַנדער פ אָ ר ם אָנגענומען, אמת, ניט אַלע מאָל צוגעפאַסט צו אונזער א י צ ט י ג ע ן געשמאַק...

9) דאָס פאָלק, וואָס תורה און נבואה זענען מיט אים צוזאַמענ-

געוואַקסען, האָט אויף אַנדערע פעלקער געווירקט נאָר מיט זיין בעסטען. דאָס, וואָס דאָס יודענטום האָט דער וועלט געגעבען, איז ניט פון לופט גענומען און ניט עטוואָס צופעליגעס. אַלץ, וואָס דאָס יודישע פאָלק גיט דער וועלט, איז מאַרך פון זיינע ביינער, שטיקער חיות-פונקען פון זיין נשמה אַלץ האָט געבוירען זיין גאָט-דורשט, זיין אונבעגרייפליכע בענקשאַפט, זיין אייביג האָפען אויף גאולה...

דאָס, וואָס עס פערמאָגט אין זיין נשמה, האָט עס דער וועלט געגעבען. די וועלט צאָהלט אים דערפאַר מיט מעסערס, מיט שטיינער, מיט תליות. ער קען אָבער ניט ניט-געבען דאָס, וואָס ער מוז געבען!..

מוסר־געדאַנקען.*)

הימעל און ערד זענען גרויס, נאָר זיי האָבען פאַרב, געשטאַלט און שטח. אין מענשען איז אָבער פאַראַן עטוואָס וואָס האָט ניט, ניט קיין פאַרב, ניט קיין געשטאַלט, ניט קיין צאָהל, ניט קיין שטח — און אָט דאָס „עטוואָס" איז קלוג.

היוצא מזה, אַז ווען די וועלט אַן און פיר זיך, וואָלט געוועזט זיין אָן רוח־חיים, וואָלט זי געוועזט בעלעבט זיין נאָר דורכ'ן מענשענס שכל. די וועלט איז אָבער אונבעגרעניצט און דעם מענשענס שכל איז יאָ בעגרעניצט און דעריבער קען דעם מענשענס שכל ניט זיין דער וועלט־שכל...

פון דעם זעהט מען אַרויס, אז די גאַנצע וועלט דאַרף זיין בעלעבט מיט שכל און אָט דער שכל (דער וועלט־שכל) מוז זיין: אונענדליך.

(קאָנפוציוס).

ווי דער בליץ בעלייכט אויף איין סעקונדע אַלע ווינקעלעך, אַזוי בעלייכט אַמאָל גאָטס געדאַנק דעם מענשענס שכל און ער פערשטעהט מיט אַמאָל די גרויסקייט פונ'ם שעפער.

(בעש"ט).

ווען אַ מענש בעגרייפט עטוואָס מיט שכל קען נאָך זיין, אַז ער נאַרט זיך. עס קאָן זיין אַז דער אמת איז גאָר ניט אַזוי. יעדע זאַך אין דער וועלט האָט פערשידענסטע זייטען און מען קען עס זעהן פון פערשידענסטע שטאַנד־פונקטען, אַמאָל ווייזט עס אויס אַזוי, אַמאָל — אַנדערש. ווען אינ'ם שכל שיינט אָבער אַריין די העכערע חכמה, יענע חכמה וועלכע איז די רוחניות פונ'ם שכל, — יענע חכמה איז אָן בייגונגען אַהער און אַהין, ווייל זי איז די עכטע געוויסהייט, די עכטע קלאָרהייט און די אמת'קייט פון דער נשמה.

(לויט ליקוטי תורה און גנזי יוסף).

ווער עס בעגרייפט די מעלה פון חכמה, יענער האָט שוין אויך אַ שייכות צו חכמה.

(בעש"ט).

---

*) פון יודישע קוועלען און אויך פון ניט יודישע קוועלען, אויף וויפיל די גרויסגעזאָגטע געדאַנקען שטימען מיט'ן גייסט פון יודענטום. אין דעם באַנד גיב איך נאָר אַ טייל פון זיי; די איבעריגע — אין צווייטען באַנד.

ווען דו זעהסט, אַז אַ מענש לעבט אין טעות, צאָרן ניט אויף אים! דו דאַרפסט פערשטעהן, אַז עס איז אונמעגליך מיט אַ כיוון צו בלאָנזשען. קיין מענש קען ניט וועלען, אַז זיין שכל זאָל פערפינסטערט ווערען. דער פערבלאָנזשעטער, — דאָס איז דער, וועלכער נעמט אָן ערנסט דעם שקר פאַר אַן׳אמת.

עס טרעפט אָבער אַמאָל אויך דאָס, אַז מענשען האָבען גאָר קיין טעות ניט, נאָר בכיוון נעמען זיי ניט אָן דעם אמת, זאָגאַר דאַן, ווען ער ווערט ענטדעקט פאַר זיי קלאָר, ווי דער טאָג. זיי נעמען ניט אָן דער אמת, ניט דערפאַר ווייל זיי פערשטעהן אים ניט, נאָר ווייל ער ענטדעקט זייערע שלעכטע מעשים, ווייל ער רויבט אָפּ פון זיי די בערעכטיגונג פון זייערע זינד. אויך אָט די מענשען פערדינען ניט כעס, נאָר רחמנות, דען זיי ליידען אויף געוויסענס־קרענק...

(עפיקטעט).

דער קאַמף מיט זיך זעלבסט און די גוואַלד־טאַט איבער זיך זעלבסט, מוזען פאָרקומען אין אונזער לעבען איבער אונזערע פריערדיגע זינד; נאָר אָט די געוואַלד־טאַט איז באמת אַ ליבליכע, אַ געזעצליכע. אַ ווילדע חיה כאַפּט אַ קליין קינד אין מויל אַריין. די מוטער רייסט איר קינד פון דער חיה׳ס מויל. דעם קינד טהוט דאָס רייסען וועה. נאָר זיין וועהטאָג מוז מען צו־שרייבען ניט דער מוטער, וואָס רייסט אים, נאָר דער חיה וואָס האַלט אים. אָט אַזוי דאַרף דער מענש אויך פערהאַלטען זיך צום קאַמף, וואָס דאָס גוטע אין אים פירט מיט דאָס שלעכטע: דאָס גוטע, ווי אַ מוטער, רייסט אונזער נשמה מיט געוואַלד פון שלעכטס, און כאָטש אָט דער קאַמף איז פיינליך פאַר אונז, דאָך איז ער נויטיג און ער שאַפט אונז גוטס. זעהר שלעכט וואָלט געוועזט זיין, ווען גאָט וואָלט אונז געלאָזט גאָר אָן קאַמף, אָן דעם קאַמף קען אויך דאָס גוטע ניט ענטדעקט ווערען אין אונז.

(פאַסקאַל).

און וואונדערבאַר איז עס, ברודער! ווען דו ביזט מנצח דיין פיינד איינמאָל אָדער צוויי מאָל, דאַן לאָזט ער דיך צורוה, ווייסענדיג, אַז דו ביזט פון אים פיל שטאַרקער און ער וועט מיט דיר גאָר נישט קענען מאַכען, אָבער דאָס שלעכטע וואָס דו האָסט אין זיך, איז קיין פעולה ניט וואָס דו וועסט עס אפילו הונדערט מאָל מנצח זיין, דער לעצטער שונא — דאָס שלעכטע אין דיר שטעהט שטענדיג גרייט געגען דיר, סיי ווען ער האָט דיך מנצח געווען

און סיי ווען דו האָסט אים מנצח געווען, — דען ווען ער האָט דיך מנצח געווען — וועט ער דיך טוידטען און ווען דו האָסט אים אַמאָל מנצח געווען, וועט ער דאָס גאַנצע לעבען דיינס נאָכשפּירען דיך, טאָמער וועט ער דיך פּאַרט דורך עפּעס קענען אומוואַרפען. און טאָמער וועט ער אפילו די קלענסטע פּאָזיציע איינגעמען — אַרט אים אויך נישט, דען דורך איר וועט ער קענען העכער שטייגען...

היט זיך פון אים!

(חובת הלבבות).

דער וואָס קאָנצענטרירט זיין גייסט אויף צו זוכען דעם געזעץ פון זיינע פליכטען, איז נאָנט צו דער לעהרע פון מוסר

דער וואָס בעמיט זיך צו ערפילען זיין חוב, זיינע פליכטען איז ער נאָנט צו מענשען-ליבע, דאָס הייסט: צום ווען גוטס טהון אַלע מענשען.

דער אָבער וואָס ווערט רויט פון שאַם, ווען ער דענקט וועגען זיין שוואַכהייט אין ערפילען זיינע פליכטען איז נאָנט צו יענער נשמה-קראַפט, וועלכע איז נויטיג אום צו טהון דאָס גוטע.

(חינעזישע ווייזהייט).

נאָר מיט גרויס מיה און טרערען קען מען ערווערבען דאָס גוטע און דאָס באמת שענע אין דער וועלט. יעדע ערנסטע פּערזאָן מוז אַלזאָ קודם-כל קלאָר מאַכען זיך, צי האָט זי אַזאַ גלויבען, צי פערמאָגט זי עטוואָס טייערעס פאַר וואָס זי זאָל גרייט זיין מיט שמחה דאָס לעבען אַוועק געבען...

(ריאָסקין).

אויך יעקב האָט איבערגעלעבט מינוטען פון שוואַכקייט, פון פחד, פון צווייפעל. גאָטס וואָרט איז אים געגעבען געוואָרען, גאָטס שכינה איז מיט אים — און ער ציטערט פאַר אַ מענשען, פאַר זיין ברודער, פאַר עשו'ן...

און אַליין בלייבט ער, נאָכדעם ווי ער פירט זיינע קינדער דעם טייך יבוק אַריבער, עס רוקט זיך אָן די נאַכט, עס פערשפרייטען זיך די שאָטענס, אַרום אים איז קיינער נישטאָ, ווידער איז ער אַליין ווי מיט צוואַנציגער יאָרען צוריק, ווען ער איז צו לבן געלאָפען...

ער ווערט איינגעזונקען אין געדאַנקען, ער מאַכט אַ חשבון הנפש, — אַלץ וואָס איז אים ביז איצט קלאָר געווען איז אים איצט אונקלאָר געוואָרען. אין דעם, וואָס ער האָט פריער אַזוי שטאַרק געגלויבט, הויבט ער אָן ניט צו גלויבען. אַרום איז אַזוי פינסטער און

שרעקליך, איִנערליך איִז אַזוי וויִסט, דער פיינד יאָגט אַזוי שטאַרק — אויף וואָס זאָל ער האָפען?

און ווער ווייס וואָס דאָרט איִז געווען, ווען ער איִז פון באר־שבע אַרויס און האָט דיִ האַרטע שטיינער צו קאָפּענס געלעגט, ווער האָט עס צו איִם דאָרט גערעדט, אפשר נאָר זיין ווילען, זיין האָפנונג, זיין בענקשאַפט, וועלכע מוזען צו ניכטס זיין, ווען אָט אָט קומט עשו און מאַכט אַ סוף פון איִם מיִט אַלע זיינע חלומות?...

איִן אַ זעהונג פערזיִנקט ער און אַלע זיינע שוואַכקייטען און שרעקליִכע ספקות טהוען אָן אַ געשטאַלט פון אַ מענשען, וועלכער קעמפט מיִט איִם און וויִל איִם אומוואַרפען...

נור וויִ אָט דער מענש וויִל יעקב׳ן איִן גאַנצען אומוואַרפען, אַזוי שטאַרקט זיך אין אים זיין איִנערליִכע קראַפט, דער גאָט אין אים, און דער מענש קען מיִט אים גאָר נישט מאַכען...

„און די זון שיינט אַרויס״ — ער דערשפירט די געטליִכע קראַפט אין זיך קלאָר ווי דער טאָג און דער מענש פערשוויִנדעט מיִט אַלע נאַכט־שאָטענס...

און יעקב געהט קרעפטיִג און מוטיִג געגען עשו זיין ברודער און געגען אַלע שונאים ביז אייביִג, ווייל ער שפיִרט דיִ גאָטהייט אין זיִך... (נאָך כלי יקר און אַנדערע).

גאָט האָט גערופען יעקב׳ן „אל״. (מגילה).

גאָט האָט צו יעקב׳ן געזאָגט: איך ביִן אַ גאָט אויבען, דו ביִזט אַ גאָט אונטען. (בראשית רבה).

מען מיינט דערמיִט: יעקב׳ס געשטאַלט איִז איִן כסא הכבוד געמאָלט, ווייל דיִ מענשליִכע קדושה איִז איין אָבביִלד פון אויבערשטער קדושה. (רמב״ן).

מעשים געבוירען דיִ געוועהנהייט; דיִ געוועהנהייט געבוירט — דעם כאַראַקטער; דער כאַראַקטער געבוירט — דעם שיִקזאַל פון מענשען. (נאָך טעקער).

אום צו דערגרייכען הייליִגקייט, גיִבט עס קיין וויִכטיִגערעס ניִט פון איינהאַלטען־זיִך. דאָס קענען איינהאַלטען זיִך דאַרף זיין אין געוועהנהייט פון יונגע יאָרען אָן. אויב אָט דאָס איִז אַ יונגע געוועהנהייט, וועט זיִ ערווערבען פיל גוטע מדות. פאַר דעם וואָס האָט פיִל גוטע מדות ערוואָרבען, איִז ניִטאָ קיין זאַך וואָס ער זאָל ניִט קענען איִבערוויִנדען. (לאָא־טזיִ).

ווער עס איז געווען יונגערהייד אַ קנעכט פון זיינע לײדענ־שאַפטען, איבער יענעם וועלען זיי אויף דער עלטער אויך הערשען.*)
(תלמוד).

„און גאָט וועט אָפּטהון פון דיר יעדע ק ר ע נ ק" — דאָס מיינט מען: דעם יצר הרע, וועלכער איז פון אָנפאַנג זיס און צום סוף ביטער.
(ירושלמי).

אָ, דו מענש! דו דאַרפסט וויסען, אַז דער גרעסטער שונא וואָס דו האָסט אויף דער וועלט איז דיין יצר הרע, וועלכער איז איינגע־מישט אין אַלע דיינע כחות און אין דיין טעמפּעראַמענט. ער מאַכט מיט דיר שותפות אין פירען דיינע קערפּערליכע און גייסטיגע חושים; ער הערשט איבער די געהיימנישען פון דיין נשמה און אירע בעהעל־טענישען; ער הערשט איבער אַלע דיינע עצות און איבער אַלע דיינע אָפענע און בעהאַלטענע תנועות; ער שפּירט דיך נאָך אויף שריט און טריט. דו ש ל אָ פ ס ט — ער איז אָבער אימער וו אַ ך. דו בעהאַלסט זיך פון אים; ער בעהאַלט זיך אָבער פון דיר גאָר ניט. אדרבה! ער טהוט זיך אָן אין קליידער פון אַ פריינד און צירט זיך אָן אין דער צירונג פון ליבע און ער ווערט דיין נאמן און דיין יועץ און דיין בעסטער ליבהאָבער און ער ווייזט דיר און ווינקט דיר, אַז ער ער־פילט דעם קלענסטען וואונש דיינעם — אין דערזעלבער צייט אָבער וואַרפט ער אין דיר זיינע טויט־פיילען...
(חובת. הלבבות).

אַלץ איז אין די הענד פון גאָט, אויסער אונזער אויסוואַהל דינען ג אָ ט צו דינען זיך**) מיר קענען ניט פערווערען די פויגעלעך צו פליהען איבער אונזער קאָפּ, מיר האָבען אָבער גענוג מאַכט ניט צו דערלאָזען זיי אַ נ ע ס ט מאַכען אויף אים. דאָס זעלבע זענען מיר מאַכטלאָז געגען געוויסע שלעכטע געדאַנקען, וואָס לויפען דורך אין אונזער קאָפּ, מיר האָבען אָבער גענוג מאַכט ניט צו דערלאָזען זיי אַ נעסט מאַכען אין אונזער קאָפּ און שלעכטע מעשים אויספיהרען.
(לוטהער)

אַ פולער וואָגען מיט פלאַקס. ברייט פערשפרייט זיך דער פלאַקס

*) אויף דעם פסוק: מפנק מנוער עבדו ואחריתו יהיה מנן. כל מי שמפנק את יצרו בנערותו — סופו להיות מנון עליו בזקנותו (זעה בראשית רבה כ"ב, און נאָך).

**) דאָס נעמליכע אויך אין תלמוד; „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים".

איבער׳ן גאַס. ווען עס פאַלט אין אים אָבער אַריין איין פונק פייער פון ערגיץ־וואו — ווערט פון אים נ י כ ט ס.

ווען יעקב האָט דערזעהן אַלע אלופים פון אדום האָט ער זיך געשראָקען: ווער, ווער, ווער וועט געגען זיי אַלע ביישטעהן; זאָגט אים גאָט: שרעק דיך ניט, איין פונק דיינער וועט זיי אַלע פערניכטען.
(לויט רש״י און מדרשים).

גאָט קען וואַרטען. גאָט קען אייביג און אייביג וואַרטען. אַזוי זאָגט גאָט: דער שר המשקים האָט יוסף׳ן פערגעסען — א י ך פער־געס אָבער קיינמאָל ניט. איך האָב געוואַרט ביז אברהם וועט אויף דער עלטער אַ זוהן געבוירען; איך האָב געוואַרט ביז יעקב, וועלכער איז מיט׳ן שטעקעלע דעם ירדן איבערגעגאַנגען וועט גרויס און שטאַרק ווערען; איך האָב געוואַרט ביז דער עלענדער יוסף וועט אַלע זיינע צרות איבערלעבען און וועט איבער מצרים הערשען; איך האָב גע־וואַרט ביז משה וועלכען מען האָט אין טייך אַריינגעוואָרפען, וועט דאָך דער גרויסער גואל ווערען; איך האָב געוואַרט ביז די פרעמד־לענדערישע, עלענדע רות, וועט סוף כל סוף אַ קעניגליך הויז אין ישראל אויפשטעלען; איך האָב געוואַרט ביז דוד דער פאַסטוכעל וועט אַ פאָטער פון איין אייביגער דינאַסטיע ווערען; איך וואַרט ביז דוד׳ס געפאַלענע שטוהל וועט אויפגעשטעלט ווערען; איך וואַרט אויך ביז אַ ל ע פ ע ל ק ע ר פ ו ן ד ע ר ע ר ד, ו ו ע ל ע ן א י י ן פ ע ר־ב אַ נ ד מ אַ כ ע ן ג אָ ט א י ן א מ ת ד י נ ע ן.
(לויט מדרש רבה).

די הויכע בערג, די גרויסע ימים, דעם זאַמד אַרום זיי, די שווערע שטיינער, — קיין זאַך איז ניט שווער פאַר דעם שעפער פון דער וועלט. ער שאַפט זיי, ער טראָגט זיי, ער ליידט זיי. איינס איז אים נאָר שווער צו ליידען: די פוסטע ווערטער פון אַ נאַר, זיין גרויסקייט זיין עקשנות.

ער, דער וואָס טראָגט ו ו ע ל ט ע ן. האָט ניט געקענט אַריבער־טראָגען פרעה׳ן מיט זיינע נאַרישע תנועות... (לויט מדרש).

און דאָך קען ער אַ ל ע מ ע ן ליידען — אפילו פ ר ע ה ׳ ן האָט ער אויך געקענט ליידען. ער שיקט צו אים שלוחים, ער זאָגט אים אָן, ער איז אים מתרה, ער בעט זיך ביי אים: „ווער בעסער״...

ער האָט „פרעה׳ס האַרץ שווער און האַרט געמאַכט״ און דאָך שטעהט משה און איז אים מתרה, דען אפילו ד אַ ן, בשעת דער מענש

אערט פון גאָט בעזונדערס בעשטראָפט מיט אַ שווערען, פערעקשנ׳טען ון פערקרימטען האַרץ — אויף דאַן האָט ער די פרייהייט צו גאָט צו קערען זיך. (לויט נחל קדומים פון אַזולאי מיט שנויים).

גאָט האָט געשטראָפט די מצריים מיט חושך און די בני ישראל איז ליכטיג געווען.

די בני ישראל איז אומעטום ליכטיג געווען, ווייל דעם ליכט האָבען זיי א י ן ז י ך געטראָגען. דער וואָס טראָגט א י ן ז י ך ליכט ביי יענעם קען עס קיינער ניט אָברויבען...

אויך אין דער ווייטער צוקונפט וועט דער חושך די וועלט בע־דעקען און אויף די בני־ישראל וועט גאָט׳ס ליכט שיינען, וואָס פאַר אַ ליכט איז דאָס? — דאָס ליכט וואָס שיינט אין מענשען...
(לויט מדרש מיט שנוים).

„עד מתי מאנת לענות מפני". וואָס פאָדערט דען דער שעפער פון מענשען? נאָר דאָס, דער מענש זאָל אונטערגעבען זיך דעם העכע־רען ווילען, דעם געטליכען ווילען. (לויט רבינו בחיי).

די הויפט־זאַך וואָס צייכענט אויס די בני־ישראל פון אַלע אַנ־דערע פעלקער, איז ניט די פעהיגקייט פון די בני־ישראל פיל מצוות צו טהון. ס׳איז מעגליך, אַז אַנדערע פעלקער קענען אויך אַמאָל מצוות מקיים זיין. די בני־ישראל צייכענען זיך איבערהויפט אויס מיט זייער קענען זייער אייגענעם „איך" אָן אַ זייט אָפּלעגען, ווען זיי דערפילען אַז דער געטליכער ווילען פאָדערט עס.

די בני־ישראל צעהלען די טעג פון יאָהר לויט דער לבנה און ניט לויט דער זון: דאָס ליכט פון דער לבנה איז צניעות׳דיגער, עניוות׳דיגער, שטילער, חנו׳דיגער. די גאַנצע לבנה איז אַ סימבאָל פון הייליגע שטילקייט.
(לויט תנחומא עקב און אין נחל קדומים בא מיט אַ געוויסען שנוי).

אין אַלץ זענען די בני־ישראל אָפּגעטיילט פון אַלע אַנדערע פעלקער; אין זייער אַקערען, אין זייער זייען, אין זייער שניידען, אין זייער בינדען סנאָפּעס, אין זייערע שייערס און קעלטערס. בשעת דער בן־ישראל אַקערט געדענקט ער, אַז מען טאָר ניט פייניגען גאָטס בּרואים און ער אַקערט ניט מיט צוויי מינים (אום דער שוואַכער זאָל ניט געפייניגט ווערען, ניט קענענדיג ציהען נאָכ׳ן שטאַרקען); בשעת דער בן־ישראל זייט געדענקט ער, אַז די געוויקסען זענען אויך גאָטס בּרואים און מען טאָר זייער קראַפט ניט רויבען דורך „כלאים" זייען

ווייל ביי כלאים צי'ט יעדער מין צו זיך און דערלאָזט דעם צווייטען מין נישט צו בעקומען פרייע יניקה; בשעת דער בן-ישראל שנייט זיין פעלד — לאָזט ער דעם „לקט" פאַר אָרימע לייט; בשעת דער בן-ישראל בינדט די סנאָפּעס לאָזט ער די פערגעסענע גאַרבען פאַר אָרימע לייט; בשעת ער דרעשט מוז ער דעם אָקס פריי לאָזען געניסען פון זיין אַרבייט; בשעת ער ציילט זיינע טעג לאָזט ער די גרויסע, הערשענדע זון און האַלט זיך ביי דער בלייכער, שטילער לבנה.

(לויט פסיקתא רבא און לויט די ערקלערונגען פון אבן-עזרא און הירש).

„און משה האָט מיט זיך יוסף'ס ביינער גענומען". בשעת אַלע בני ישראל האָבען געדענקט וועגען גאָלד און זילבער האָט משה געדענקט וועגען די געדעכניש פון יוסף'ן; בשעת אַלע בני ישראל האָבען געדענקט וועגען זייערע גופים, האָט משה געדענקט וועגען נשמות.

(לוי'ט רבינו בחיי).

די בני ישראל האָבען נאָך קיין אייגענע קראַפט נישט געהאַט האָט זיי גאָטס-קראַפט געטראָגען. שטיל, ליבליך צערטליך און זעהר פאָרזיכטיג האָט זיי די געטליכקייט געטראָגען. אַט אַזוי טראָגט אַ מענש אַ פויגעלע אין האַנד. ער געדענקט שטענדיג: ווען ער דריקט צו שטאַרקער זיין האַנד בלייבט אין איהר קיין אָטעם נישט...

(לויט ילקוט).

ווען די בני ישראל שטאַרקען זיך אין די שפּעטערע צייטען ווערען זיי גרויזאַם פאַר זייערע פיינד. דאַן זאָגט גאָט צו די פעלקער: ביי אייך זענען זיי ווי חיות — ביי מ י ר זענען זיי ווי שטילע טייבעלעך: וואָס איך הייס זיי דאָס טהוען זיי.   (לויט בראשית רבה).

„מי כמוכה באליב ד' — מי כמוך באלמים". די גאָטהייט ש ו ו י י ג ט אייביג. אויף דער וועלט איז דאָ עוולות און טומאה אָן שעור — גאָט לייד. טמאים טאַנצען אַרום אין גאָטס מקדש — גאָט שווייגט.

גאָט שווייגט און ליבט דעם לויב-געזאַנג פון די אייביג-שווייגענדע: דעם קול פון די שטומע נאַטור-קרעפטען, די א י נ ע ר ל י כ-ס ט ע שטים פון מענשען, אַ שטים אָן ווערטער...

עס לויבען דעם בורא: הימעל און ערד, מלאכים און מענשען. מעהר פון אַלעמען לויבט אָבער גאָט דער, וואָס האָט מורא צו לויבען, דער וואָס פיהלט, אַז די שעפּפונג האָט קיין ווערטער נישט פאַר'ן שעפּפער, אַז לויבען איהם קען מען נור — מיט ש ו ו י י ג ע ן.

(לויט מדרשים און כלי יקר).

„מצוותי ותורותי" — אין יעדער מצוה איז דאָ צוויי מצוות; אין יעדער תּורה איז דאָ צוויי תּורות. אין יעדער מצוה און אין יעדער תּורה איז דאָ אַ גוף און אַ נשמה. דער גוף איז אמת און די נשמה איז אמת. די איינפאַכערע מענשען בעגרייפען דעם גוף, און די העכערע — די נשמה. (אבן עזרא).

„מיר געהערען די דאָזיגע קינדער, מיר געהערען די דאָזיגע רייכטימער" — אַזוי דענקט דער נאַר. ווי אַזוי קענען אָבער די קינדער און די רייכטימער געהערען איהם ווען ער זעלבסט געהערט אויך נישט זיך?... (בודדיסטישע ווייזהייט).

מען האָט געפרעגט ביי איין חכם: ווי אַזוי דאַרף מען זיך אויפפיהרען אום די מעשים טובים זאָלען פערגרעסערט ווערען, די פעהלערען זאָלען אויסגעבעסערט ווערען און מען זאָל קענען זעהן די פעהלערען פונ'ם אייגענעם גייסט?

דערויף האָט דער חכם געענטפערט: אום די מעשים טובים צו פערגרעסערען דאַרף מען דענקען וועגען דעם וואָס מען איז מחויב צו טהון און נישט וועגען דעם נוצען, וואָס עס וועט דערפון אַרויסקומען. וויל דער מענש זיינע פעהלערען אויסבעסערען, זאָל ער אויפהערען צו טראַכטען וועגען אויסצובעסערען די פעהלערען פון אַנדערע. וויל דער מענש קענען זעהן זיינע פעהלערען, זאָל ער בעשיידען ווערען און אויפהערען בלינד צו גלויבען אין זיך. (חינעזישע ווייזהייט).

ווען דו ווילסט עמיצען ליבען — ליב גאָט ברוך הוא! ווען דו ווילסט עמיצען שענדען — שענד זיך. (בעש"ט).

אפילו דאָס בעסטע אין מענשען מוז שטענדיג ערשיינען מיט היבשע פעהלערען. (ריאָסקין).

וויי איז אונז ווען דער יום הדין וועט קומען! יוסף איז געווען דער קלענסטער פון די שבטים און אַז ער האָט זיינע ברידער דעם אמת ענטדעקט און זיי האָבען זייער זינד דערפיהלט — האָבען זיי פון שרעק דאָס מויל נישט געקענט עפענען. וואָס־זשע וועלען מיר, זינדיגע מענשען, ענטפערען דעם גרויסען, אייביגען ריכטער, ווען ער וועט פאַר אונז מיט זיין אמת ערשיינען?... (לויט מדרשים).

נאָך דעם ערשטען שרעק, וואָס די שבטים האָבען איבערגעלעבט האָט יוסף געוויינט, בנימין האָט געוויינט; יוסף האָט איבערגעבעטען

זיינע ברידער מיט געוויין — גאָט וועט זיין פאָלק אויך אויסלייזען מיט געוויין. (לויט מדרש רבה).

בשעת דער אמת און די ליבע זענען ענטדעקט געוואָרען אין יוסף׳ס הויז איז דער קול דערפון צו פרעה׳ן אָנגעקומען. דער קול פון אמת און פון ליבע קומט אָן, אפילו אין דער הערשאַפט פון פינ־סטערניש. ס׳זענען שוין דאָ אַזעלכע קולות אין דער וועלט: אין טיפסטען אינערסטען רעדט אַ מענש, פון דרויסען ווערט גאָר נישט בע־מערקט, און גראַדע אָט דער קול, דער קול אָן אויסערליכען אויסדריק, קומט אָן צו גאָט און ווירקט און שאַפט איבעראַל.

(לויט׳ן זוהר מיט אייניגע שנויים).

גאָט זאָגט צו יעקב: עס זאָל דיך נישט שרעקען דיין נידערען אין מצרים, דען אַ גרויס פאָלק וועל איך פון דיר בילדען. איך וועל מיט דיר קיין מצרים נידערען און איך וועל דיך פון דאָרט אויפברענ־גען.

די כונה דערפון איז: שרעק דיך נישט יעקב פאַר די פעלקער וואָס דו נידערסט צו זיי. דיינע קינדער וועלען זיך מיט זיי נישט אויסמישען...

איך נידער מיט דיר — וואו דאָס אייביגע יודישע פאָלק איז דאָרט איז אויך דער גאָט פון דער וועלט. ווען דו ביסט נידעריג — רוהט מיין שכינה אין דיין נידעריגקייט...

און זינקען אין דיין נידעריגקייט וועסטו נישט, דען דער געטליכער כח וואָס לעבט אין דיר, יעקב, וועט דיך פון אַלע זומפּען אַרויסטראָגען און וועט דיך צו דיין הויכער בעשטימונג נאָהנט מאַכען.

(לויט מורה נבוכי הזמן).

להעלות נר תמיד — מען דאַרף צינדען און צינדען גאָטס ליכט ביז דאָס פייער ברעכט פון זיך זעלבסט אויף. (שבת כ״א).

„ויקחו אליך שמן זית זך״. דעם „זית״ האַלט מען אין אײן קלאַפען: מען טרייסעלט איהם פון בוים און מען קלאַפּט איהם. ווען מען קלאַפט איהם גוט אויס מאַלט מען איהם, מען רייבט איהם, מען פּרעסט איהם מיט שטריק, מען שטויסט איהם מיט שטיינער ביז ער גיט זיין בוימעל. די פעלקער טרייבען אויך אַזוי די בני ישראל פון אָרט צו אָרט, בינדען זיי, פרעסען זיי, שטויסען זיי, ביז זיי, די בני־ישראל, גיבען דאָס ליכט וואָס זיי טראָגען אין זיך.

(לויט שמו״ר פל״ו).

פאַרוואָס ווערען די בני־ישראל צו אַ „זית“ געגליכען?—ווייל אַלע משקאות מישען זיך איינע מיט די צווייטע און דער בוימעל בלייבט אימער בעזונדער. אַלע פעלקער מישען זיך אויס איינע מיט די צווייטע; די בני־ישראל בלייבען אָבער אימער – בעזונדער.
(דאָרט).

אַלע משקאות ווען מען מישט זיי אויס ווערט דאָס, וואָס איז געוועזען פון אויבען — פון אונטען, און דאָס וואָס איז געוועזען פון אונטען — פון אויבען, דעם בוימעל אָבער וויפיל דו זאָלסט איהם נישט מישען — אַלץ בלייבט ער פון אויבען. אַזוי זענען די בני ישראל אויך, בשעת זיי טהוען גאָטס ווילען—בלייבען אייביג העכער פון אַלע אַנדערע פעלקער.
(דאָרט).

„ויקחו אליך“, זיי זאָלען דיר ברענגען. דו, משה, זאָלסט פון דעם, וואס די בני ישראל ברענגען דיר, שאַפען די מנורה מיט איהרע ליכטער, דעם משכן מיט אַלע כלים, אהבה און יראה און שמחה, דאָס וואָס דו זעהסט קענען זיי נישט זעהן; אָלען זיי דיר נור דעם מאַטעריאַל שאַפען — דו וועסט שוין אין איהם פאָרם, בילד, גייסט און כונה אַריינגעבען.
(לויט קדושת לוי).

„שמן זית זך“. די תורה לייכט שטענדיג דעם מענשען בשעת ער איז זיך עוסק אין איהר. ווען איינער געהט אין דער פינסטערניש, וואו אַ שטיין—פאַלט ער; וואו אַ בלאָטע—פאַלט ער אריין; וואו אַ וואַנד—שלאָגט ער דעם קאָפּ אָפּ. האָט ער אָבער אַ ליכט אין האַנד זעהט ער דעם שטיין און קעהרט זיך אָפּ, זעהט ער די בלאָטע און געהט זי אַרום, זעהט ער די וואַנד און זיי שטערען איהם נישט. פאַרוואָס? ווייל ער האָט אַ ליכט אין האַנד. אָהן תורה ווערט דער מענש געשטרויכעלט אָן אַלע שטיינער, פאַלט אין אַלע בלאָטעס און גריבער, ווערט געשעדיגט אויף שריט און טריט. ווען עס לייכט איהם אָבער דאָס ליכט פון תורה,—דאַן ווייס ער ווי אַזוי אַלע אומגליקען און שלעכטס דורכגעהן און גאַנץ בלייבען.
(תלמוד און מדרש).

די תורה איז—ליכט. ווען איינער וויל אַנדערע מענשען גוטס טהון, דאַן קומט דער יצר הרע און טענה'ט: צו וואָס זאָלסטו פרעמדע דיין גוטס צו געבען? האָסטו דען קיין אייגענע קינדער? דער יצר־טוב ענטפערט איהם אָבער: גיב און דיר וועט גאָרנישט פעהלען. וויפיל ליכטער מען זאָל נישט אָנצינדען פון אַ ליכט, ווערט פון דעם דאָזיגען ליכט אויף קיין האָר נישט געמינערט...
(לויט מדרש).

גאָט הייסט די מענשען זייער ליכט ברענגען. דאַרף דען גאָט דעם מענשענס ליכט? — ער וויל אָבער, אַז דאָס ליכט זאָל דעם מענשען זעלבסט לייכטען, אויפהויבען און ריינינגען. (מדרש).

גאָט געלוסט צו זיין שעפּפונג. ער טראָגט זיין וועלט און דאַביי הייסט ער מענשען זאָלען אים אין הארצען טראָגען; גאָט היט זיין וועלט און דאַביי הייסט ער מענשען זאָלען איהם (זיין געזעץ) היטען; גאָט גיט ליכט דער גאַנצער וועלט און דאַביי פאָדערט ער, אַז דער מענש, זאָל אים ליכט ברענגען.

(לויט מדרש מיט אַ שנוי).

„לכהנו לי" — וואו גאָט מאַכט איינעם פאַר „זיינעם" (לי) בלייבט עס שוין אויף אייביג און אייביג. (בעל התוספות).

„ועשית את מעיל האפוד כליל תכלת". פאַרוואָס עפּעס דוקא „תכלת"? — ווייל דער פאַרב פון תכלת איז גלייך צום ים און ים צו הימעל און הימעל צום כסא הכבוד, אום די ערד זאָל דערהויבען ווערען מוז זי צום הימעל שטרעבען...

(לויט רשב"ם מיט אַ שנוי).

ווען זקנים וועלען דיר זאָגען, „צושטער" און די יוגענד וועט דיר זאָגען: „בוי" — זאָלסטו בעסער צושטערען און נישט בויען, דען די צושטערונג פון זקנים איז — אַ בנין, און דער בנין פון דער יוגענד איז — צושטערונג. (תלמוד).

עהר דעם זקן אויך דאַן, ווען ער האָט דורך זיין עלטער־שוואַכקייט, זיין לערנען פערגעסען: צוזאַמען מיט די גאַנצע לוחות זענען אויך די צובראָכענע לוחות אין ארון געלעגען...

(דאָרט).

„זקן" הייסט דער, ווער עס האָט חכמה ערוואָרבען.

(דאָרט).

מיין גאָט! נישט די יונגע יאָהרען בעט איך ביי דיר, נאָר זייער הייסען צאָרן און ריינע טרערען. (היינע).

בשעת אַ מענש איז יונג — זינגט ער לידעלעך; בשעת ער קומט אין יאָהרען אריין — בעטראַכט ער די וועלט (זאָגט משלים); בשעת ער ווערט אַלט — זאָגט ער: אַלץ איז נאַריש!

(שיר השירים רבה).

יונגע — צו דער אַרבייט; בעיאָהרטע — אויף צו געבען עצות; אַלטע — צום דאַווענען. (העזיאָד).

אַלט טאָר מען נישט זײַן! (רבי נחמן).

עס איז טרויעריג צו זעהן, ווי מענשען טראַכטען פיל מעהר וועגען דעם, ווי אַזוי אָפּצולעבען זייערע יאָהרען אין דעם צושטאַנד אין וועלכען זיי געפינען זיך צופעליג, איידער וועגען דעם, ווי אַזוי צו ערווערבען אַ צושטאַנד און אַ בעשעפטיגונג, וואָס זאָלען זיין צוגעפּאַסט צו די געבאָטען פונ'ם שכל און פון דעם געוויסען. דעם מענשען האָט מען איינגעשמועסט פון אָנפאַנג אָן אַז די זאַך מיט וועלכע ער בעשעפטיגט זיך איז אַ גוטע זאַך, אַזוי אַז ער פּרובט שוין גאָרנישט נאָכצודענקען צי אָט די זאַך איז טאַקי אַזוי גוט און וואויל; ער האָט נור איינס אין זין: ווי אַזוי זיין זאַך ווי אַמבעסטען אָפּצואַרבייטען. ווען דער מענש וואָלט אָבער ביי זיך פעסט בעשלאָסען איינמאָל פאַר אַלע מאָל דערגעהן דעם תוך פון זיינע עסקים, וואָלט איהם פיל מאָל אויסגעקומען אינגאַנצען זיין בעשעפטיגונג אומצובייטען...

(פּאַסקאַל)

דאָרט וואו עס הערשען גרויסע חכמים — בעמערקען די אונטערטאַנען זייער עקזיסטענץ נישט. דאָרט וואו עס הערשען געוועגליכע חכמים, איז דאָס פאָלק צו זיי צוגעבונדען און ליבט זיי. דאָרט וואו עס הערשען נאָך קלענערע חכמים האָט דאָס פאָלק מורא פאַר זיי. דאָרטען אָבער, וואו עס הערשען נאָך קלענערע חכמים — פעראַכטעט זיי דאָס פאָלק.

(לאַאָ־טזי).

אַ נידעריג פאָלק טוידט אָפּ זיינע הכמים און לאָזט זיינע נאַרען פריי אומבלאָנזשען און צום גרונד גיין.

אַ קלוג פאָלק איז געהאָרכזאַם די ערשטע, האַלט איין די צווייטע און ליבט אַלעמען.

(ריאָסקין).

האַלט זיך איין פון דיספּוטען — דו וועסט קיינעם נישט איבערצייגען. מיינונגען זענען אַזוי ווי טשוועקעס: וואָס מעהר מען קלאַפּט זיי, אַלס מעהר קריכען זיי אַריין.

(יווענאַל).

דער נסיון לערנט אונז צו אָפט, אַז אויף קיין זאַך אין דער וועלט האָבען מיר נישט אָזוי וועניג ממשלה ווי אויפ'ן אייגענעם צונג.

(שפּינאָזאַ).

דאָס לעבען איז קורץ. נישט לאָז דורך דעם קאָסטבאַרסטען פּרוכט זיינעם — גוטע מעשים.

(מאַרק אוירעליוס).

די אמת'ע טוגענד קוקט קיינמאָל נישט אויף איהר שאָטען—אויף כבוד.

(געטהע).

מענשען דאגה'נען טויזענדער מאָל מעהר וועגען אָנלעבען רייכטום איידער וועגען בילדען דעם שכל און דעם הארץ, כאָטש פאַר אונזער גליק איז אָן אַ צווייפעל, פיל וויכטיגער דאָס וואָס איז אין דעם מענשען איידער דאָס, וואָס איז ביי דעם מענשען...

(שאָפּענהויער).

„דער שורש פון שלעכטס איז דאָס נישט וויסען דעם אמת" — אַזוי האָט געזאָגט בודדא.

פון דעם זעלבען שורש וואַקסט אויס דער בוים פון אירטום מיט זיינע טויזענדער פּרוכטען פון ליידען.

געגען אונוויסענהייט איז דאָ נור איין מיטעל — וויסען. דאָס אמת'ע וויסען קען אָבער דערגרייכט ווערען נור דורך פּערזענליכע פּאָלקאָמענהייט. דערפון פאָלגט, אַז או סצובעסערען דאָס שלעכטס פון דער וועלט קען מען נור דורך דעם, וואָס מענשען וועלען ערווערבען אַ העכערע וועלט-אַנשויאונג און זיי וועלען לעבען לויט אָט דער וועלט-אַנשויאונג.

און דעריבער זענען אומזיסט אַלע פּרובען אויסצובעסערען די וועלט ביז וואַנען מענשען וועלען זעלבסט נישט בעסער ווערען; נור דורך דאָס בעסער ווערען פון יעדען איינצעלנעם מענשען וועט גאָר די וועלט בעסער ווערען.

(האַרטמאַן).

„ויקחו לי תרומה". אַזוי זאָגט גאָט: איהר האָט מיין תורה צוגענומען — נעמט-זשע מיך אויך מיט איהר...

(ילקוט)

„ויקחו לי תרומה" — איהר זאָלט מיך נעמען איידעל, אָפּגעשיידט און אָפּגעטיילט פון אַלע אייערע מענשליכע בעגריפען, איהר זאָלט מיך נישט אומפאַסען מיט אייערע מגושמ'דיגע מוחות.

(רבי מנדל קאָצקער. אויף זיין שפּראַך הייסט עס: עטך זאָלט מיך נעמען נבל'דיג...*)

*) געבראַכט געוואָרען אין „אהל תורה".

„ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם". דער מענטש דאַרף אויף זיך זעלבסט קוקן ווי אויף אַ מקדש. זאָל ער אַלץ אין זיך הייליקן, ווען זיינע אברים זיין אַ דוגמא צו דער אייבערשטער וועלט.

(אזולאי).

אָ! ווי הייליג דאַרף אַ מענטש זיין אין אַלע זיין רמ"ח אברים, האַרץ און נשמה דען ער איז דאָך אַ היכל פונ'ם הייליגן מלך. „בקרבך — קדוש".

(ספר חסידים).

די גאַנצע וועלט איז ירושלים. הייליג געווען אַ מאָל, הייליג — אייביג. דער צדיק — דער בית המקדש; זיין האַרץ — קדשי קדשים. יעדער רגע — יום כפור; די עבודה דינט דער כהן גדול — דער שכל, יעדער געדאַנק — אַ פייער-אָפּפער, קטורת. די קטורת ווערט געמאַכט דרויסן און אין אינערן און ווערט געבראַכט — אין טיפסטן אינערסטן (לפני ולפנים). וואויל איז דעם כהן גדול, וואָס ענדיגט זיין עבודה מיט יראה, מיט קדושה, מיט טהרה, ווי איז אָבער דעם וואָס ברענגט אַריין אַ צלם אין היכל; ווי איז דעם וואָס פעראומרייניגט זיינע קרבנות דורך פניות. דער כהן גדול וואָס גייט אַריין בשלום און גייט ארויס בשלום דאַרף ער אַ יום טוב מאַכן. בשעת ער טהוט תפלה, דאַרף ער נישט אויף זיך מתפלל זיין נור אויפ'ן גאַנצן פאָלק און בעזונדערס אויף די, וואָס האָבן אַ הויכען מיינונג וועגן זייער „דעת", אַז זייער „דעת", זאָל נישט זיין — זייער קבר...

(צווייפעל).

„וצפית אותו זהב טהור מבית ומחוץ תצפנו". דער מזבח ווי ער איז געווען געלד פון דרויסן, אַזוי האָט ער גענדאַרפט זיין גאָלד — פון אינוויינינג. עס איז ווייניג דאָס וואָס דער מענטש איז שיין אויסערליך — ער מוז אויך שיין זיין אינערליך.

(תלמוד, יומא).

לויט יתרו'ס עצה, האָט משה געזוכט צווישן די בני ישראל מענטשן ענערגישע, גאָטס-פאָרכטיגע, אמת-ליבענדע, געלד-האַסענדע, אום צו בעשטימען זיי אַלס הערשער, ריכטער און פיהרער. משה זאָגט צום פאָלק: „הבו לכם אנשים חכמים ונבונים" (בעשטימט אייך מענטשן קלוגע און פערשטענדיגע). דאָס איז איין און די זעלבע זאַך: מורא האָבן פאַר גאָט באמת קענען נור די, וואָס זענען אין דער זעלבער צייט אויך קלוג גענוג...

(לויט אבן עזרא):

נאָך דעם ווי משה האָט געזוכט מענטשן מיט אַלע מעלות און

האָט נישט געפֿונען, האָט ער געמוזט אויסוועהלען בלויז „אַנשי חיל“, מענשען ענערגישע און פעהיגע, וועלכע קענען אַ זאַך דערגיין און דורכפֿיהרען און ברענגען זי צום תּכלית, מעהר ווי פרומע, נור אונפֿעהיגע מענשען. (ספֿורנו).

„און איך האָב אייך געטראָגען אויף אָדלער־פֿליגלען“. דער אָדלער שנייט דורך פֿאַר זיינע קינדער אַזאַ הויכען וועג אין וועלט־רוים, אַז קיין פֿויגעל קען איהם אַהין נישט נאָכפֿליהען. דער וועג פֿון די בני ישראל גייט איבער די וועגען פֿון אַנדערע פֿעלקער.

(לויט ספֿרונו).

„און איך האָב אייך געטראָגען אויף אָדלער־פֿליגלען“. דער אָדלער בייט צייטענווייז זיינע פֿעדערען. ער ווערט אַלט און ווידער — יונג, דאָס פֿאָלק ישראל ווערט אַלט און ווידער — יונג. די בני ישראל פֿאַלען אַראָב פֿון זייער מדרגה, די פֿליגלען ווערען שוואַך, די מוחות ווערען קליין, און ווידער ווערען זיי אויפֿגעהויבען און ווידער שטייגען זיי פֿון מדרגה צו מדרגה און ווידער ווערען זיי גאָטס פֿאָלק.

(עבודת ישראל לויט ר' לוי
יצחק בערדיטשעווער; אין
„קדושת לוי“ ווערט עס
אַנדערש ערקלערט).

„און איהר זאָלט מיר זיין אַ קעניגרייך פֿון כהנים און אַ הייליג פֿאָלק“. איהר זאָלט מיר זיין אין דער גאַנצער וועלט ווי כהנים; איהר זאָלט דעם גאַנצען מענשען־געשלעכט לערנען צו פֿעראייניגען זיך אין גאָטס נאָמען. (ספֿורנו).

גאָט האָט אויף די בני ישראל דעם באַרג געבויגט (לויט דער אגדה) און האָט זיי געזאָגט: נעמט איהר אָן די תּורה איז גוט; ווען נישט — האָט איהר דאָ אייער קבורה.

מען מיינט דערמיט: גאָט האָט די אויגען פֿון די בני ישראל געעפֿענט און זיי האָבען בעגריפֿען, אַז נור אין זייער תּורה איז זייער אייביג לעבען; ווילען זיי די תּורה לאָזען — זענען זיי, ווי אַלע פֿעלקער, דעם טויט און פֿערניכטונג אונטערגעוואָרפֿען...

(לויט כלי־יקר).

„און גאָט האָט גערעדט אַלע רייד“. אין דער געטליכקייט ווערט אַלעס אויסגעמישט; די געטליכקייט פֿעראייניגט אַלע קאָנטראַסטען; אין דער געטליכקייט קומט אַלעס מיט אַמאָל פֿאָר. איין האַנד בעלעבט און

טוידט אָב, שלאָגט און היילט, רעטעט די, וואָס טרינקען זיך אין ים, בעפרייט די, וואָס פייניגען זיך אין תּפיסות, שאַפט ליכט און פינסטערניש, מאַכט שלום און שאַפט שלעכטס, פון ערד ווערט מענש און פון מענש — ערד, פון ים ווערט יבשה און פון יבשה — ים, אַלץ קומט פאָר צוזאַמען — אַלערליי מעגליכסטע געטליכע דבורים ווערען מיט אַמאָל אויסגערעדט.

(לויט תנחומא).

„אנכי ד׳ אלהיך" — ווען דער מענש שטייט אויף אַ נידעריגע מדרגה ווערט איהם גאָטס שיין ווייניג ענטדעקט; ווען ער, דער מענש שטייגט אויף אַ העכערע מדרגה, ווערט איהם די שיין פון געטליכקייט מעהר ענטדעקט. אין דער זעלבער צייט ווערט אָבער אויך גרעסער זיין תּ שׁ ו ק ה. און אַזוי שטייגט דער מענש פון מדרגה צו מדרגה ביז ער קומט צו אַצילות דאַצילות. —

און דעריבער ווערט געזאָגט „ד יי ן גאָט" (אלהיך), דען יעדען מענשען בעזונדער ווערט די געטליכקייט אַנדערש ענטדעקט; יעדען מענשען — לויט זיין קענען בעגרייפען און אויפפאַסען...

(לויט אוהב ישראל).

פערלאג „אלט־יונג“

עס ערשיינען:

אהרן צייטלין:

„מטטרון“ אפאקאליפטישע פאעמא

ד"ר י. ב. צפור:

ביי די טויערען דראמ. לעגענדע

ד"ר י. ב. צפור:

נחת פון קינדער קינדער־דראמע

ד"ר י. ב. צפור:

דער ליגנער קינדער־דראמע

א. ס. טורגעניעוו:

רודין ראמאן

יודיש: א. זאק.

יהושע פערלע:

שווארץ־ווייס נאוועלען

אנרי בארביס:

אין פייער

אדרעס:

ברידער וואיציקעוויטש

ווארשא, נאלעווקער קראמען 5.

דרוק־פעהלער:

זייט	שו״ה	שטעהט	דארף שטעהן
10	22	פערברעכער	ברעכער
28	15	אנ׳אלט ער	אנ׳אלטער
32	31	רעדט נישט	רעדט נאָר
39	9	ברואים	בריותיו
〃	15	אנ׳ארכיזם	אנארכיזם
〃	21	שנות	שנים
73	24	פערנאָנט	פערנייִנט
74	16	אויס דאזיין	אומסדאזיין
75	24	צדיקים	צדוקים
〃	26	א טײַם	אסיים
82	33	פארצליײצט	פארפליײצט
90	22	פערשוואונדען	פערשווינדען
91	14	הרחניות	הרוחניות
105	7	אינדיאנער	אינדוסען
107	8	〃	〃
109	23	מסורה	מסורה
111	6	מאת	את
〃	10	צ״ב	כ״ב
〃	14	עובדיה ספותו	ר׳ עובדיה ספורנו
127	15	בני-אדם	בני-אדום
136	1	אָן	אין ׳
137	17	גדיון	גדעון
138	17	אתנך מוצא	אחתך נוצא
147	8	„כרה״	„ברה״
164	28	ואהב	ויאהב
165	28	מטרוניחה	מטרוניתא
183	17	ווירקליך	ווילקירליך
184	33	ווירקליכע	ווילקירליכע
193	4	כנעים	כנענים
210	34	נבל׳דיג	נבדל׳דיג